STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08385

MENTSHN UN LANDSHAFTN

Falik Lerner

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פאַליק לערנער

מענטשן און לאנדשאַפטן

(רעפּאָרטאַזשן)

★

בוענאָס איירעס 1951

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE
Copyrigth by
Falik Lerner, Bs. Aires

FALIK LERNER

MENCHN UN LANDSCHAFTN

(HOMBRES Y PAISAJES)

★

Buenos Aires, 1951

אַ פּאָר ווערטער

דאָס דאָזיקע בוך איז דאָס ערשטע וואָס איך גיב אַרויס. איך האָב מיך געשלאָגן מיט דער דעה, צי איז איבערהויפּט נויטיק צו שרייבן אַ הקדמה. עס זענען געווען מאָטיוון פּאַר און מאָטיוון קעגן. זיך פאָרשטעלן? צו וואָס? אַ שרייבער דאַרף זיך נישט פאָרשטעלן און דאַרף אויך נישט, אַז אַנדערע זאָלן אים פאָרשטעלן. איז ער דאָס וואָס אַ שרייבער דאַרף זיין באמת, וועט דער לייענער — דער דאָזיקער אַנאָנימער, אָבער אמתער ריכטער — אַרויסטראָגן דעם ריכטיקן פּסק־דין; איז ער דאָס נישט, וועלן נישט העלפן קיינע פאָרשטעלונגען און רעקאָמענדאַציעס, ווייל דער לייענער האָט זייער אַ ראַפינירטן חוש און זיין אורטייל האָט די מעלה וואָס ער ווערט אַרויס־געטראָגן אָן שום פניות.

דאָס איז געווען דער געדאַנק וואָס האָט מיך אָפּגעשלאָגן פון שרייבן אַ הקדמה. עס איז אָבער געווען אַ צווייטער געדאַנק וואָס האָט מיך דערצו צוגערעדט. ס׳טייטש — האָט ער מיר אונטערגעזאָגט — דו גיסט אַרויס דאָס ערשטע בוך, ווילסטו דערמיט אַריינפאַלן ווי אַ „יון אין סוכה״! עס וועט דאָך אויסקומען ווי דו זאָלסט אַריינקומען אומגעבעטערנערהייט צו יענעם אין שטוב אַריין; און... דאָס איז נישט שיין. אמת טאַקע, מען קען דיך, מען האָט דיך געלייענט, אָבער ביז איצט ביסטו געווען פאַררעכנט ווי אַ שכן ביי יענעם; האָסט געדרוקט אין צייטונגען, זשורנאַלן, זאַמלביכער. איצט, ציסטו זיך אַריין אין אַן אייגן הויז, טאָ... מעלד עס מיט אַ פּאָר ווערטער.

דאָס בוך — ווי עס זאָגט זיך אויפן שערבלאַט — באַשטייט פון רע־פּאָרטאַזשן. עס איז אַן אָפּקלייב פון איבער הונדערט, וואָס איך האָב געשריבן אין משך פון צען יאָר. אויסגעקליבן האָב איך די סעריע, ווייל ווי מיר שיינט, זענען דאָס געווען די אינטענסיווסטע יאָרן פון מיינע אָבסערוואַציעס און אַבסאָרבירונג פון איינדרוקן.

דער לייענער דאַרף אין דעם דאָזיקן בוך נישט זוכן קיין ליטעראַטור אין דעם הויכן און טיפן זינען פון וואָרט. רעפּאָרטאַזש איז אין דער ליטע־

ראַטור דאָס זעלבע וואָס די צייכענונג אין דער קונסט פון מאָלעריי. עס איז דער אופן פון צייכענען אַ בילד, איבערגעבן אַ געשעעניש, אַ געשפּרעך אָדער מאָלן אַ לאַנדשאַפט, אין געציילטע שטריכן. די פראַגע איז בלויז ווי עס געלינגט און — וועגן דעם דאַרפן אַנדערע משפּטן.

מיין אויפגאַבע איז דערפילט. מיט די „פּאָר ווערטער" האָב איך בלויז געוואָלט נאָכקומען דעם מנהג פון אָנקלינגען איידער מען גייט אַריין צו עמיצן אין הויז — אין מיין פאַל, איידער איך גיי אַרויס אין דער עפנטלעכקייט מיט מיין ערשטן בוך.

ד ע ר מ ח ב ר

א לאנד אין די בערג

די אַנדן-בערג, אַ קאַפּריז פון דער נאַטור

די וואָס וווינען אויף די ברייטע, אומענדלעכע אַרגענטינער פלאַכלענדער, ווייט פון דער באַרגן־קייט וואָס ציט זיך אין מערבֿ־זייט פון דרום־אַמעריקע אויף אַ לענג פון 7.500 קילאָמעטער, און וועלכע מען רופט די אַנדן־בערג אָדער די קאָרדיליערן, קאָנען קוים האָבן אַ באַגריף וועגן דעם דאָזיקן נאַטור־בייזוווּנדער. עס וועט זיין גענוג צו זאָגן אַז דאָס איז די צווייטע בערג־קייט, אין קאַטעגאָריע, נאָך די באַרימטע הימאַלאַיען־בערג וואָס געפינען זיך אין אַזיע, צווישן אינדיע און טיבעט, אַז מען זאָל האָבן אַ פאָרשטעלונג וועגן דער קאָלאָסאַלקייט פון די דאָזיקע בערג. אַ רייזע דורך דער דאָזיקער באַרגן־קייט איז פאַר איינעם וואָס זעט עס צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן, אַן איבערלעבונג פון זייער טיפער עמאָציע. דער מענטש דערפילט זי דאָ אַרומגערינגלט פון די מיסטעריעזע כּוחות פון דער סטיכיע, וועלכע לויערן פון די אומדערגרייכבאַרע באַרגשפּיצן און סודותפולע לאַבירינטן, ווו קיין מענטשלעכער פוס האָט נאָך נישט געטראָטן. יעדער פעלדז — און פעלדזן זעט מען דאָ פון אַן אומבאַשרייבלעכער ריזיקייט — יעדער באָדן־אַקצידענט און יעדער אָפּגרונט, זענען בלעטער אויף וועלכער די נאַטור האָט געשריבן מיליאָנען־יעריקע געשיכטע.

ווען מען פאָרט דורך די אַנדן־בערג און מען קוקט זיך צו צו די דעטאַלן פון דעם דאָזיקן ווילדן נאַטור־קאַפּריז, מוז אייער דמיון אייך פאַרטראָגן צו דער אוראַלטער געשיכטע פון אונדזער פּלאַנעט, אוראַלטע געשיכטע נישט פון טויזנטער און נישט פון הונדערטער טויזנטער, נאָר פון הונדערטער מיליאָנען יאָרן. אין די אַנדן־בערג — און דאָס זעלבע אין אַנדערע באַרימטע בערג־קייטן — דערפילט איר בחוש די חבלי לידה וואָס אונדזער פּלאַנעט האָט דורכגעמאַכט ביז ער איז געוואָרן דאָס וואָס ער איז און ווי מיר קאָנען אים היינט צו טאָג. יעדער פעלדז, יעדער

באָדן־איינברוך און יעדער אָפּגרונט איז אַ שטומער עדות פון די קאָנווולסיעס וואָס אונדזער ערד האָט דורכגעמאַכט אין משך פון מיליאָנען יאָרן ביז זי האָט באַקומען איר באַשטימטע „פּערזענלעכקייט” און די פיזיאָנאָמיע אין דער משפּחה פון דער קאָסמישער קאָנסטעלאַציע. די אַנדן־בערג זענען אָן שום ספק דער רעזולטאַט פון אַ קאַטאַקליזם וואָס איז ווען עס איז פאָרגעקומען אויף אונדזער ערד, ווו פון טאָל איז געוואָרן הויכער באַרג און פון באַרג איז געוואָרן טיפער אָפּגרונט. די אַרכעאָלאָגן האָבן אויף אַ הויך פון טויזנטער מעטער געפונען אין דעם איינגעווייד פון די בערג פאַרשטיינערטע קערפּערס פון פיש, וואָס באַווייזט אַז דאָס וואָס איז היינט אַ באַרג־הויכקייט איז אַמאָל — ווער ווייסט מיט וויפל מיליאָנען יאָרן צוריק — געווען ים־געלעגער. ביז היינט צו טאָג איז די געגנט פון די אַנדן־בערג אַן אומרואיקער געביט, ווו עס קומען פאָר טאָגטעגלעכע ערדציטערנישן, אייניקע פון זיי אַזעלכע ווילדע, אַז זיי מאַכן אין איין הרף עין חרוב גאַנצע ישובים און ס׳רובמאָל ענדערן זיי בוכשטעבלעך די טאָפּאָגראַפיע, נישט צום דערקענען. אין דעם איינגעווייד פון די אַנדן־בערג ברויזן אייביק מיסטעריעזע עלעמענטן, וואָס אויב זיי קומען נישט צום אויסדרוק דורך דעם אויפברייס פון די ווולקאַנען, זענען זיי די פּערמאַנענטע אורזאַך פון סיסמישע טרייסלונגען און ערדציטערנישן, וואָס האָבן שוין אַריינגעשריבן טראַגישע קאַפּיטלען אין דער געשיכטע פון די לענדער וואָס געפינען זיך אויף די רוקנס אָדער צופוסנס פון די בערג.

דער מענטש אָבער — אָט די שוואַכע און שטערבלעכע באַשעפעניש וואָס אָט לעבט זי און אָט איז זי טויט — שרעקט זיך נישט אָפּ אפילו פאַר דער מיסטעריעזער גבורה פונעם פעלדזיקן באַרג, פאַרפּירט מיט אים אַ קאַמף און — באַזיגט אים. היינט צו טאָג איז זיין געוואַגטקייט שוין דערגאַנגען צו דער מדרגה ווען ער פליט איבער די אַנדן־בערג אויף טויזנטער מעטער די הויך מיט זיינע שטאָלענע פויגלען און קרייצט דעם דאָזיקן גיגאַנטישן רוקן פון דער ערד אין געציילטע מינוטן. געווען אָבער צייטן, ווען דאָס קרייצן די אַנדן־בערג איז געווען זייער אַ געוואַגטע אונטערנעמונג, פול מיט געפאַרן און שוועריקייטן. אַ רייזע דורך די קאָרדיליערן, וועלכע פלעגט געמאַכט ווערן מיט אייזלען, האָט געדויערט

וואָכן, און אונטערנעמען זי פּלעגט מען אין גאַר זעלטענע און אומבאַ־דינגטע פֿאַלן.

א פונדאַמענטאַלע ענדערונג אין דעם פאַרקער איבער די אַנדן־בערג האָט אַריינגעבראַכט די טראַנסאַנדינישע אייזנבאַן־ליניע און שפּע־טער דער אויפקום פונעם אויטאָמאָביל. אפילו היינט צו טאָג, ווען מען פליט פון בוענאָס איירעס קיין סאַנטיאַגאָ דע טשילע אין דריי שעה צייט אָן אָפּשטעל, אַריבערפליענדיק די קאָרדיליערן אין וויניקער ווי א שעה, איז די טראַנסאַנדינישע אייזנבאַן־ליניע וואָס פאַרבינדט אַרגענטינע מיט טשילע, איינער פון די גרעסטע טעכנישע ווונדער און דער אויסדרוק פון דער מענטשלעכער געוואַגטקייט, וועגן וועלכער מיר האָבן אויבן גע־רעדט. פון עקאָנאָמישן שטאַנדפּונקט, איז די דאָזיקע אייזנבאַן־ליניע, נאָכן פּאַנאַמאַ־קאַנאַל און דעם מאַגאַליאַנעס־דורכגאַנג אויפן ווייטן דרום, איינס פון די וויכטיקסטע קאָמוניקאַציע־מיטלען צווישן דעם אַטלאַנטיק און פּאַסיפיק, דורך דער יבשה. אונטער נאָרמאַלע אומשטענדן, געדויערט די רייזע מיט דער באַן פון בוענאָס איירעס, מיט איר אַרויסגאַנג צום אַטלאַנטישן אָקעאַן, ביז וואַלפּאַראַיסאָ, וועלכע געפינט זיך ביים פּאַסי־פיק, צוויי טעג.

די טראַנסאַנדינישע אייזנבאַן — הויבט זיך אָן אין מענדאָסאָ און פאַרענדיקט זיך אין דעם טשילענער שטעטל לאָס אַנדעס. די גרענעץ צווישן אַרגענטינע און טשילע אין די אַנדן־בערגן, געפינט אויף א פונקט וועלכער הייסט לאָס קועוואַס, 3.200 מעטער איבער דעם ים־שפיגל. דאָס איז דער העכסטער פונקט צו וועלכן עס דערגרייכט די באַרג־אייזנבאַן און פון דאַנען הויבט זי אָן אַראָפּנידערן קיין טשילע.

איצט פאָרט מען פון מענדאָסאָ דירעקט מיט דער באַן ביז לאָס אַנדעס, אָבער עס איז געווען א צייט ווען א שטיק פון דער אייזנבאַן־ליניע אויף דער אַרגענטינער זייט איז געווען צעשטערט. פלעגט מען דאַרפן פאָרן פון מענדאָסאָ מיט אויטאָס ביז צו א באַרג־סטאַנציע — פונטאַ דע וואַקאַס הייסט זי — אויף 2.400 מעטער איבער ים־שפיגל, און דאָרט נע־מען די באַן. אין נאָרמאַלע צייטן, איז פונטאַ דע וואַקאַס געווען איינע פון די איינזאַמע באַרג־סטאַנציעס ווו דער „טראַנסאַנדינאָ" פלעגט זיך אָפּשטעלן אויף א קורצער פויזע; נאָך דער דערמאָנטער קאַטאַסטראָפע

איז זי געוואָרן אַ וויכטיקער קאָמוניקאַציע־עטאַפּ אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן פֿאַרקער פֿונעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט. צען יאָר צייט איז זי עס געווען, ווייל אַזוי פֿיל האָט געדויערט ביז די אייזנבאַן־קאָמוניקאַציע צווישן מענדאָסאַ און לאָס אַנדעס איז צוריק נאָרמאַליזירט געוואָרן.

***

אַלץ אין די אַנדן־בערג איז ריזן־מעסיק און דער קאַפּריז פֿון אַ ריז איז נישט קיין שפּילעכל. פֿאָרגעקומען איז דאָס אַזוי: צוריק מיט עטלעכע יאָר האָט זיך איינעם פֿון די גיגאַנטן פֿאַרגלוסט אַ שפּיל צו טון. געדויערט האָט עס אינגאַנצן געציילטע מינוטן און עס האָט איבערגעריסן די נאָרמאַלע קאָמוניקאַציעס אויף יאָרן. פֿון איינעם אַזאַ באַרג האָט זיך מיט אומבאַשרייבלעכן אימפּעט אַראָפּגעלאָזט אַ שניי און וואַסער־שטראָם (אַלוויאָן אויף שפּאַניש), וועלכער האָט מיט זיך מיטגעשלעפּט גוואַלדיקע מאַסן פֿעלדזן און ערד, און דאָס האָט אין געציילטע מינוטן צעשטערט די טראַנסאַנדינישע אייזנבאַן־ליניע אויף אַ לענג פֿון צען קילאָמעטער. האָט אָנגעמאַכט אַן אויסערגעוויינלעכן שאָדן און אויך פֿאַראורזאַכט קרבנות. דער דאָזיקער נאַטור־קאַפּריז האָט אומבאַוווסטזיניק אַרויפֿגעלייגט געוויכט אויף דער וואָגשאָל פֿון אַ קאַמף וואָס גייט אָן די לעצטע פֿאָר צענדליק יאָר אויפֿן געביט פֿון קאָמוניקאַציע־וועזן: דער קאַמף צווישן באַן־וועזן און אויטאָמאָטאָר.

די מי פֿון יאָרצענדליקער איז אין איין אויגנבליק צעשטערט געוואָרן און עס האָט תיכּף געמוזט אָרגאַניזירט ווערן אַ ניי־קאָמוניקאַציע מיטל פֿון מענדאָסאַ ביז פּונטאַ דע וואַקאַס, דער פּונקט ביז וועלכן די טראַנסאַנדינישע באַן האָט געקאָנט צוקומען פֿון דער טשילענער זייט.

אָט אַזוי האָט אַ קאַפּריז פֿון די אַנדן־בערג געמאַכט אַ „פּשרה" אין איינעם פֿון די פֿאַרביסנסטע שטרייטן וואָס גייען אָן אין דעם קאָמוניקאַציע־וועזן. דער אויטאָ האָט גענומען שפּילן די גרענדע און אין מענדאָסאַ זענען מיטאַמאָל געבוירן געוואָרן פּריוואַטע ריזן־עמפּרעסעס, וועלכע האָבן אַריינגעלייגט גוואַלדיקע קאַפּיטאַלן אין דער אָרגאַניזירונג פֿון אַן אויטאָפֿאַרקער, וועלכער איז געוואָרן די רינג אין דער איבערגעריסענער קאָמבינאַציע צווישן בוענאָס איירעס און טשילע. פֿון מענדאָסאַ איז מען געפֿאָרן,

הייסט עס, ביז פּונטאַ דע וואַקאַס מיטן אויטאָ און דאָרט גענומען די באַן קיין טשילע. קאַפּריזן פון דער עקזאָטישער אַנדן־נאַטור.

מיר איז אויסגעקומען צו קרייצן די אַנדן־בערג עטלעכע מאָל אין משך פון דער צייט וואָס מען האָט צורעכט געמאַכט דאָס שטיק צעשטער־טע באַן־ליניע און איך האָב געזען ווי מענטש און מאַשין האָבן זיך פאַראייניקט אויף גוט צו מאַכן דאָס וואָס די סטיכיע האָט צעשטערט. איצט, האָט דער רייזנדער שוין ווידער די באַקוועמלעכקייט פון אַ די־רעקטער קאָמוניקאַציע, אָבער זייער אַ קליינעם פּראָצענט פון די רייזנדע פאַלט איין אַ טראַכט צו טון ווי אַזוי די דאָזיקע באַקוועמלעכקייט איז געשאַפן געוואָרן, פּונקט ווי זייער ווייניק פון אונדז פאַלט איין אַ טראַכט צו טון ווי עס איז געמאַכט געוואָרן דאָס ברויט אָדער די מילך וואָס „עמעצער" האָט גאַנץ פרי אַוועקגעלייגט אויף אונדזער טיש...

איך האָב הונדערטער פון די דאָזיקע אַרבעטער געזען אויף אַ הויך פון איבער צוויי טויזנט מעטער איבערן ים־שפּיגל, ווי זיי רייסן פונעם אַנדן־פעלדז אַרויס שטיקערווייז די באַקוועמלעכקייט פאַר טויזנטער מענטשן, וועלכע האָבן ביי זיך געפּועלט אַז גאָט האָט באַשאַפן די שיינע עקזאָטישע וועלט נאָר און בלויז פאַר זייער טוריסטישן „באַרוף". זייער אַ שווער און האַרט לעבן פירן די אַרבעטער דאָרט, אויף דער דאָזיקער הויך, וווּ עס נעסטן בלויז די קאָנדאָר־אָדלערס, אָבער קיין שום זאַך האָט מיך נישט אַזוי גערירט ווי זייער בעטן אַ צייטונג ביי יעדן אויטאָ וואָס פליט פאַרביי אויפן שאָסיי, וועלכן זיי האָבן אויסגעהאַקט אין באַרגיקן פעלדז און האַלטן אים אין גוטן צושטאַנד. וואַכן גאַנצע, און ווינטער־צייט גאַנצע חדשים, זענען זיי אָפּגעזונדערט פון דער וועלט און די צײַ־טונג איז דאָס איינציקע מיטל וואָס קאָן זיי האַלטן אין קאָנטאַקט מיט דער איבעריקער וועלט, וועלכע פיבערט און קרעמפּט זיך אין איר פאַר־בשופטן קרייז...

אין מענדאָסאַ האָב איך איינעם פון די דאָזיקע אַרבעטער געטראָפן היילן זיינע אָפּגעפרוירענע הענט. אויף אַ הויך פון דריי טויזנט מעטער איז אין אַ געוויינלעכן פרילינגס טאָג גוט קאַלט; אום ווינטער איז יעדער איינער דאָרט אַ קאַנדידאַט פאַרפרוירן צו ווערן.

פאַליק לערנער

דער דאָזיקער אַרבעטער איז שוין כמעט געווען ווי אויסגעהיילט און ער האָט מיר מיט אַ מעלאַנכאָלישן טאָן געזאָגט: „פּראָנטאָ זשאַ טענגאָ קע סוביר" (אינגיכן דאַרף איך שוין אַרויפפאָרן). אין זיין קול האָט זיך געפילט ווי עפּעס אַ פּראָטעסט־נאָטע. עס איז געווען גאַנץ פאַרשטענדלעך, ווען מען נעמט אין אַכט, אַז ער האָט פון דעם שפּעדיקן און געמיטלעכן מענדאָסער אַמביענט געדאַרפט אַרויפקריכן אַהין, וווּ איינזאַמער פעלדז איז דאָס איינציקע וואָס מען זעט אַרום זיך; וווּ דער קאַמף מיט דער סטיכיע איז אַ שווערער און לעבנסגעפערלעכער און וווּ אַ פאַרעלטערטע צייטונג איז אַ גאַנצע מציאה...

***

דער אַקאָנקאַגוּאַ איז דער העכסטער באַרג פון דער אַנדן־קייט. ער האָט איבער זיבן טויזנט מעטער די הויך איבערן ים־שפּיגל. דער טופּונ־גאַטאָ איז דער צווייטער אין הויכקייט. ער האָט קנאַפּע זיבן טויזנט מע־טער. ביידע געפינען זיי זיך אויף דער אַרגענטינער זייט און עס איז די שטרעבונג פון יעדער טוריסט צו זען די דאָזיקע צוויי ריזן פון די אַנדן־בערג.

ווי זשע געפינען זיי זיך? צווישן דער אומענדלעכער באַרגן־קייט איז אוממעגלעך זיי אונטערצושיידן, ווייל קיין איינער פון זיי געפינט זיך נישט אויפן וועג וווּ די באַן שניידט דורך, נאָר ערגעץ אין אַ זייט, וווּ זיי טיילן זיך אויס פון די איבעריקע בערג מיט זייערע פאַרשנייטע, ווייסע קעפּ...

אָבער ווי אַזוי קאָן מען פאַרט וויסן וועלכע זיי זענען? און דאָ דער־מאָנט זיך מיר דער ענטפער פון יענעם קרעמער, וועלכער האָט אַ קונה פאַרקויפט אַ צינד־מאַשינקע פאַר פּאַפּיראָסן און אויף דער פראַגע צי זי איז אַ גוטע, האָט ער אים געגעבן די פּראַקטישע עצה מיטצוטראָגן מיט זיך אַ שאַכטעלע שוועבעלעך פאַר מער זיכערקייט... מיט דער פּראָבלעם פון זען דעם אַקאָנקאַגוּאַ איז געווען די זעלבע געשיכטע: אויף דעם פּלאַץ פּונוואַנען מען זעט דעם באַרימטן באַרג איז פאַראַן אַ שילדל פון אַ פערציק סענטימעטער די לענג אויף 25 די ברייט, אין דער פאָרעם פון אַ פייל, אויף וועלכן עס שטייט אָנגעשריבן מיט האַלב אָפּגעריבענע בוכשטאַבן

דאָס וואָרט: „אַקאַנקאַגואַ". דאָס זעלבע איז אויפן פּלאַץ פונוואַנען מען זעט דעם טופּונגאַטאָ... און דאָ וויל איך אייך אויסזאָגן דעם סוד, אַז אַדאַנק דעם, וואָס איך האָב געזען דעם אַקאַנקאַגואַ און דעם טיפּונגאַטאָ, האָב איך שוין געזען אויך די שילדלעך. די מאַיעסטעטישע פּאַרשנייטע קעפּ זייערע, האָב איך געזען נאַטירלעך, ווייל דער קאָנדוקטאָר פון דער באַן האָט זיי מיר געוויזן און איך האָב מיך גלייכצייטיק געכאַפּט אויף די שילדלעך, וועלכע דאַרפן דעם טוריסט באַווייזן איינע פון די מערק־ווירדיקסטע נאַטור־שיינקייטן, שילדלעך, וועלכע מען באַמערקט כמעט נישט; צו ווילד־פּרעכטיק איז דאָרט די פּאַנאָראַמע, אַז עמעצער פון די רייזנדע זאָל באַמערקן די דאָזיקע שילדלעך, וואָס פּרעטענדירן אייך צו ווייזן די צוויי גרעסטע גיגאַנטן פון די אַנדן; ווער וועט זיך עס אומ־קוקן אויף צוויי נעבעכדיקע ברעטלעך, וועלכע שטייען דאָרט איינזאַמע דערפאַר, וואָס מען האָט זיי אַוועקגעשטעלט אַז קיינער זאָל זיי נישט באַ־מערקן?...

נאָך אַ קאַפּריז צווישן אַנדערע קאַפּריזן פון דער אַנדן־קייט, אָבער דאָס איז שוין נישט קיין קאַפּריז פון דער נאַטור, נאָר אַ גאַנץ שיינער וויץ וואָס עס שאַפט אומבאַוווסטזיניק די מענטשלעכע נאַכלעסיקייט דאָרט, ווו זי דאַרף אַמווינציקסטן זיין...

בכל אופן, וועלן מיר דאָ מאַכן אַ שטיקל רעקאָמענדאַציע: אויב איר ווילט זען דעם אַקאַנקאַגואַ ווען איר רייזט איבער די אַנדן, טאָ זייט אַזוי גוט און פרעגט זיך גוט אָן...

**
*

אין לאַס קועוואַס, דער העכסטער פונקט וווהין דער טראַנסאַנדינאָ קריכט אַרויף, געפינט זיך די גרענעץ צווישן אַרגענטינע און טשילע.

וועלכער זשע איז דער סימן פון דער גרענעץ צווישןביידע לענדער? אויף אַ פּלאַכן פּלאַץ איז מעגלעך אָנצוצייכענען אַ גרענעץ. מיט וואָס קאָן מען באַצייכענען די גרענעץ אויף אַ הויך פון איבער דריי טויזנט מעטער, צווישן ריזן־פעלדזן און טיפע אָפּגרונטן?

דער ענטפער איז, אַז עס איז טאַקע שווער, אָבער די מאַמע־נאַטור אַליין האָט זיך שוין געזאָרגט צו לייזן די דאָזיקע רעטעניש. די נאַטור

האָט זיך אירע קאַפּריזן, וועלכע ווערן פאַרוואַנדלט אין אַ ברכה, ווען דער מענטש ווייסט ווי זיי אויסצוניצן אויף אַ געהעריקן אופן. אין דעם פאַל האָט די נאַטור צוגעגרייט די גרענעץ־פּשרה נאָך „מששת ימי בראשית״. די וואַסערן, וואָס פאַלן אייביק פון די בערג, זיי באַצייכענען מיט זייער ריכטונג די גרענעץ צווישן ביידע לענדער. דאָרט, אין לאַס קועוואַס, איז פאַראַן אַ פּונקט, ווו דאָס וואַסער צעשטראָמט זיך אין צוויי ריכטונגען אריין: איין שטראָם נידערט אראָפּ קיין טשילע און בילדעט די טייכן ריאָ בלאַנקאָ און אַקאָנקאַגואַ, וועלכע באַפרוכטפערן די צענטראַלע זאָנע פון דעם טראַנסאַנדינישן לאַנד; דער צווייטער שטראָם בילדעט דעם טייך מענדאָסאַ, וועלכער איז דער הויפּטקוואַל פון דער רייכקייט פון דער באַרימטער אַרגענטינער פּראָווינץ. דאָ, אין די מיסטעריעזע הויכקייטן פון די אַנדן, געפינט זיך די געהיימע האַנט פון דער מאַמע־נאַטור, וועלכע פאַרטיילט מיט גערעכטיקייט די ווערטפולע פליסיקייט, וואָס רינט ווי אַ געטלעכע ברכה פון די בערג אַראָפּ און אין איינוועגס האָט זי שוין אויך אָנגעצייכנט די גרענעץ צווישן ביידע לענדער, אַ גרענעץ, וואָס דער קלינסטער געאָגראַפיע־מומחה וואָלט זי בעסער נישט געקאָנט באַצייכענען...

ווייניק רייזנדע גיבן זיך וועגן דעם אָפּ רעכענונג. אָפיציעל הייסט עס, אַז דער לאַנגער טונעל, דורך וועלכן מען פאָרט דאָרטן דורך איז די גרענעץ. דאָס איז אָבער נישט מער ווי אַ קינסטלעכע גרענעץ; ד׳ עמעסע גרענעץ אויף די אַנדן־בערג האָט די נאַטור אָנגעצייכנט נאָך דאַן, ווען דער מענטש האָט פון קיין פּאָליטישע גרענעצן נישט געוווּסט. און ווער ווייסט צי עס זענען שוין דאַן איבערהויפּט געווען מענטשן אויף אונדזער זינדיקער וועלט...

ווונדערלעכע קאַפּריזן פון דער מאַמע־נאַטור, קאַפּריזן, וואָס קאָנען ברענגען צו אומגליק און פאַרצווייפלונג און קאַפּריזן, וועלכע שאַפן גע־רעכטיקייט, ווי שלמה המלך מיט זיין באַרימטן משפּט...

***

האָב איך אייך עפּעס דערציילט וועגן די אַנדן־בערג? נישט איך האָב פּרעטענדירט דערויף און נישט עמעצער אַנדערש קאָן אויף דעם פּרעטענ־דירן. די אַנדן־בערג געהערן צו יענעם מין פענאָמען פון דער נאַטור וועלכן

מען קאָן מיט קיין ווערטער נישט שילדערן. אויף צו באַגרייפן עס דאַרף מען זיי אַליין זען און — דערפילן. די אַנדן־בערג געהערן צו יענער קאַטעגאָריע זאַכן וועלכע מען מוז דערפילן, ווייל מיטן שכל איז אוממעגלעך צו באַגרייפן ווי דער דאָזיקער קאַפּריז פון דער נאַטור האָט געקאָנט אַנטשטיין, פּונקט ווי מען קאָן מיטן שכל נישט באַגרייפן ווי אַזוי עס איז אַנטשטאַנען די גאַנצע יצירה וואָס רינגלט אונדז אַרום. אין די אַנדן־בערג אַנטפּלעקט זיך פאַר אייערע אויגן די יצירה אין איר ווילדסטער און רויעסטער פאָרעם און דער מענטש — אָט די לעבעדיקע אַנטענע פון דער יצירה — דערפילט זיך דאָרט קליין און נישטיק ווי אַ זומער־פלאַטערל וואָס פאַרמעסט זיך מיט דעם זון...

אַ לאַנד פון שיינקייט און קאָנטראַסטן

צוויי זאַכן מאַכן דעם טיפסטן איינדרוק אויפן אויסלענדער, וואָס באַזוכט טשילע און באַקאַנט זיך מיט איר לאַנדשאַפט, מיט אירע מענטשן און מיט זייער לעבנסשטייגער: די שיינקייט און די קאָנטראַסטן פון דעם דאָזיקן מערקווירדיקן לאַנד. אין די ווייטערדיקע שורות וועלן מיר פּרוּוון דערציילן עפּעס וועגן דעם.

טשילע איז אַ לאַנד פאַר טוריזם אין פולסטן זינען. זי פאַרמאָגט אויסערגעוויינלעכע נאַטור־שיינקייטן, אַ פּרעכטיקן קלימאַט און איז טויג־באַר פאַר יעטוועדן סאָרט טוריזם, וואָס עס קאָן זיך איינעם פאַרגלוסטן צו פּראַקטיצירן.

האָט איר, צום ביישפּיל, אַ שוואַכקייט צו סקי־ספּאָרט, זענען אין טשילע פאַראַן אָן אַ שיר בערג, וועלכע זענען באַדעקט מיט אייביקן שניי און איר קענט זיך דאָרטן גליטשן וויפל אייער האַרץ גלוסט, איבערהויפּט אין די האַרבסט־ און ווינטער־חדשים.

טאָמער ווידער זענט איר גלאַט אַ פאַרברענטער באַרג־קלעטערער און האָט ליב צו דערגיין, וואָס עס טוט זיך אין די ספערן, וואָס געפינען זיך נאָענט צום הימל, איז טשילע דאָס אידעאַלסטע לאַנד פאַר דעם דאָזיקן „האָבי״, ווייל אין טשילע זענען פאַראַן די אמתע, „סאַמאָראָדנע״ בערג פון דער אַנדן־קייט. מאַכט זיך אָבער, אַז איר זענט אַ גרויסער ליבהאָבער פון שיפן זיך אָדער כאַפּן פיש, פאַרמאָגט טשילע נישט ווייניקער ווי פיר טויזנט צוויי הונדערט קילאָמעטער ים־ברעג פון דעם גרעסטן און טיפסטן ים אויף דער וועלט — פונעם פּאַציפיק — און איר קענט פּראַק־טיצירן דעם ספּאָרט פון אַ נאַוויגאַנט וויפל איר ווילט נאָר.

זענט איר דאַקעגן אַ גרויסער פּליאַזשע־ליבהאָבער און עס געפעלן אייך קור־ערטער מיטן גאַנצן „קניאַק״, זאָלט איר זיי פאָרן זוכן אין טשילע. דאָס דאָזיקע ווונ־ערלעכע לאַנד איז געבענטשט מיט אַזוי פיל ים, זון

און מיט פרישער לופט, אַז עס קאָן אַ וועלט באַטיילן דערמיט און — עס זאָל נאָך אַלץ איבערבלייבן...

אויב לײדער איינער איז חלילה קראַנק און דאַרף האָבן היילונג פאַר זיינע לונגען, זיין רעוומאַטיזם אָדער אַנדערע אָרגאַנישע חולאתן, פאַרמאָגט טשילע אומפאַרגלייכבאַרע בארג־סאַנאַטאָריעס, הייסע וואַסערקוואַלן און מינעראַל־וואַסערן, וואָס קורירן אַלערליי אינערלעכע קראַנקהייטן ווי לעבער, נירן, מאָגן, געדערים און צענדליקער אַנדערע פעלערן. בקיצור — דאָס איז באמת א גן־עדן התחתון.

נאָך דער דאָזיקער הקדמה וועגן די טשילענער מעלות פאַר טוריזם, וועט מיך דער לייענער נישט חושד זיין אין איבערטרייבונג, ווען איך וועל באַהויפּטן, אַז אויף יעדן רייזנדן, וואָס קרייצט די גרענעץ פון טשילע קוקט מען ווי אויף אַ טוריסט, וועלכער מוז נאַטירלעך נאָכקומען די גאָר נישט באַשיידענע השגות פון די האָטעלן, טאַקסים, באַדינער און אַזוי ווייטער.

אָבער מען דאַרף נישט דענקען, אַז די דאָזיקע דערשיינונג איז אַן אַלגעמיינע. אוודאי נוצן אַלע פּריוואַטע אונטערנעמער אויס די מינדסטע געלעגנהייט אויף צו פאַרדינען וואָס מער ביים אומדערפאַרענעם טוריו; דאַקעגן די רעגירונגס־אונטערנעמונגען אין טשילע סטאַרען זיך צוצושטעלן דעם רייזנדן אַ גאַנצע רייע דינסטן אויף באַשיידענע פּרייזן.

די טשילענער אָפיציעלע באַהערדן האָבן דעם פולן באַוווסטזיין וועגן דעם טוריסטישן כאַראַקטער פון זייער לאַנד און האָבן עס אַזוי איינגעאָרדנט, אַז אויף דער שוועל פון טשילע דערפילט איר עס. שוין אין דער טראַנסאַנדינישער באַן ווייזן די טשילענער באַאַמטע אַרויס אַ זייער העפלעכע באַציאונג צום אויסלענדישן רייזענדן.

וועגן געוויסע אַספּעקטן פונעם אַלגעמיינעם לעבן אין טשילע וועט אונדז נאָך אויסקומען צו שרייבן, אָבער דער ערשטער איינדרוק וואָס איר באַקומט וועגן טשילע, לויטן אויסזען פון אירע באַנען, איז אַן אויסגעצייכנטער. איך האָב דעם איינדרוק, אַז די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט וואָס עס ווערט אַרויסגעוויזן אין טשילע צו דער מלוכה־ווירטשאַפט, פאַלט אויס אויף דעם באַן־וועזן און איינע פון די הויפּט סיבות פון דער דאָזיקער פּרעפערענץ באַשטייט וואַרשיינלעך אין דעם, וואָס טשילע

איז אַ לאַנד פון טוריזם, אַ געביט, וועלכער האָט דאָרט גרויסע אויסזיכטן און וואָס איז איצט אין סטאַגנאַציע צוליב דעם מאַנגל אין נאַפט און שטרענגקייט אויפן געביט פון די איינוואַנדערונגס תקנות.

צוקוקנדיק זיך צו געוויסע אספּעקטן פונעם לעבן אין טשילע, איז מיר איינגעפאַלן, אַז דאָס ריינסטע, רואיקסטע און באַקוועמסטע לעבן קאָן מען אין טשילע מאַכן פאָרנדיק אין באַן. ווען מען פאַרגלייכט די פּרייזן וואָס איר צאָלט אין טשילע אין אַ געוויינלעכן פּענסיאָן, איז די באַדינונג אין די באַנען אַ זייער ביליקע, שוין אָפּגערעדט, אַז אַלץ איז דאָ זויבער און פריש און עס ווערט אייך אונטערגעטראָגן מיט דער גרעס־טער העפלעכקייט.

**
*

דאָס איז אָבער איין זייט פון דער מטבעה, אַזוי צו זאָגן. נאָך דעם ערשטן איינדרוק וואָס איר באַקומט פון אַזאַ באַקוועמער און ביליקער רייזע אין דער טשילענער באַן, טרעפט איר זיך אָן אויף דער אומגעצוימ־טער גיריקייט פון די פּריוואַטע באַדינונגען, וועלכע קאָסטן אין טשילע פאַנטאַסטישע פּרייזן. עס איז נאָר גענוג אַז דער באַגאַזש־טרעגער, דער שאָפער פונעם טאַקסי אָדער דער האָטעל־אייגנטימער זאָל וויסן אַז איר זייט אַן אויסלענדער (לייען אַ טוריסט), אַז זיי זאָלן ביי אייך מאָנען אַ צענפאַכיקן פּרייז. דער שרייבער פון די שורות האָט אינמיטן העלן טאָג געמוזט באַצאָלן 50 פּעזעס אַ טאַקסי פאַר צופירן עטלעכע קוואַרטאַלן צו דער באַנסטאַציע. ביינאַכט וואָלט דאָס „פאַרגעניגן" געקאָסט הונדערט און מערער. די רייזע מיט דער באַן פון פיר שעה אין דער ערשטער קלאַס האָט מיר געקאָסט נישט מער ווי דרייסיק פּעזעס; דאָ האָט איר אייך אַ ביישפּיל.

אין סאַנטיאַגאָ האָב איך ביים אָראָפּשטעלן אַ פוס פון דער באַן דערפילט דעם דאָזיקן קאָנטראַסט. געפאָרן בין איך צוזאַמען מיט אַ טשי־לענער ייד, וועלכער קען זיינע לייט. ביים אַרויסקומען האָט זיך אַ דראָש־קע־אָנטרייבער געהייסן באַצאָלן פערציק פּעזעס פאַר צופירן אונדז צו אַ האָטעל. דער ייד האָט זיך אָנגעצונדן און זיך צעשריען:

„קע סע קרעע, קע סאַי עקסטראַנבעראַ? סאַי טשילענאַ!" (וואָס מיינסטו, איך בין אַן אויסלענדער? איך בין אַ טשילענער!).

דאָס איז געווען, אַז דער בעל־עגלה זאָל באַלד אַראָפּלאָזן אַ העלפט פונעם פּרייז... פאַר אַ היימישן זענען די פּרייזן אַנדערע.

אויף דער דאָזיקער פּראָבלעם האָב איך זיך אַ סך מאָל אָנגעטראָפן און עס וואָלט פאַרנומען צופיל פּלאַץ אויסצורעכענען אַלע פאַלן. עס איז גענוג בלויז צו דערציילן, אַז אַ „פעלוקעראָ"*) האָט ביי מיר גענומען אַ טאָפּלטן פּרייז אויפן סמך פון דעם וואָס ער האָט געוווּסט, אַז איך בין אַן אויסלענדער, אַז מען זאָל זיך שאַפן די געהעריקע פאָרשטעלונג וועגן דער פּרייזן־„טעמפּעראַטור" אין דעם טראַנסאַנדינישן לאַנד.

⁂

דאָס וואָס איך האָב אויבן געזאָגט קאָן אָבער דעם לייענער אַריינפירן אין אַ טעות. דאָס אויבנדערמאָנטע קאָן שאַפן דעם איינדרוק, אַז דער דורכשניטלעכער טשילענער איז אַ געלט־גייציקער; די ווירקלעכקייט איז אַ פּונקט פאַרקערטע. דער דורכשניטלעכער טשילענער איז נישט נאָר נישט געלט־גייציק, נאָר אַזעלכער וואָס האָט דערגרייכט די מדרגה פון באַטראַכטן דאָס געלט נישט ווי אַ ציל, נאָר ווי אַ מיטל. דער גרונט־שטריך פונעם טשילענער איז זיין אַנטי־תכליתקייט. דער טשילענער איז בטבע אַ באָהעם אין דעם ריינסטן זינען פון וואָרט און געלט שפּילט ביי אים קיין שום ראָלע נישט. ער איז דאָס וואָס מען רופט אַ „גאָלדענער קונה" און די זעלבע מאָס ווענדעט ער אָן צו דעם וואָס דאַרף זיין קונה... דאָס מאָנען אַ דרייפאַכיקן פּרייז איז ביים טשילענער אַ גאַנץ נאַטירלעכע זאַך, ווייל אויך ער איז גרייט צו באַצאָלן פינף מאָל אַזוי פיל פאַר אַ זאַך וואָס געפעלט אים.

דאָס זענען שטריכן פון דעם טשילענערס כאַראַקטער, וועלכע זענען אַלבאַקאַנט פאַר די וואָס קומען מיט אים אין פּערמאַנענטן באַריר. פאַרן ניי־צוגעקומענעם, פאַרן פרעמדן, זענען דאָס אומבאַקאַנטע זאַכן און עס שאָקירט דעריבער אויפן ערשטן קוק די דיספּראָפּאָרץ וואָס עס איז פאַר־

*) שערער.

ראַן צווישן דער אָפיציעלער און אומאָפיציעלער באַציאונג צום טוריסט אין טשילע.

די פּראָבלעם פון די פרייזן אין טשילע וועט נאָך אויסקומען צו באַרירן ביי אַ צווייטער געלעגנהייט. עס וועט אויסקומען צו באַרירן די ראָלע פון דער קאָמערץ, וועלכע איז אין טשילע אַ געביט מיט אַן אויסערגעוויינלעכער אויטאָנאָמיע. דאָ אָבער ווילט זיך אונטערשטרייכן, אַז דאָס וואָס קאָן דעם אויסלענדער אויפן ערשטן טערמין אויסווייזן אין טשילע ווי אַ „הויט־שינדעריי״ אָדער געלט־גייציקייט, איז אַן אַבסאָלוט פאַלשער איינדרוק, ווייל דער גרונט־כאַראַקטער פון דעם טשילענער און פון דעם טשילענער לעבן בכלל, איז פּונקט דער היפוך דערפון. אין קיין שום לאַנד גיט מען נישט אוים קיין געלט מיט אַזאַ לייכט געמיט ווי אין טשילע. דאָס שפּריכוואָרט „געלט איז בלאָטע״, האָט אין טשילע דערגרייכט די מדרגה פון אַ לעבנס פילאָזאָפיע און אין רעאַלן לעבן — צו אַ הונדערט פּראָצענטיקער ווירקלעכקייט.

די פראַגע ווי אַזוי די מערהייט טשילענער פאַרדינען דאָס געלט, וועלכס זיי גיבן אוים מיט אַ לייכט געמיט, איז אַן אַנדערע און מיר וועלן זיך צו איר אומקערן.

דאָ האָבן מיר בלויז געוואָלט אַרויסברענגען אַ פּאָר קאָנטראַסט־שטריכן פון דעם טשילענער לעבן, וועלכעס איז אין אַלע אַספּעקטן פול מיט קאָנטראַסטן און מיספאַרשטענדנישן, וועלכע זענען פאַרן אומבאַהאַוונטן פרעמדן — רעטענישן.

**
*

אין סאַנטיאַגאָ האָב איך אין אַ טאָג געזען ווי פיר אַרבעטער האָבן אויפגעריסן דעם קאָנקריט־ברוק פון דער גאַס. מיט פיר גרויסע האַמערס האָבן זיי ריטמיש געהאַמערט איבער דעם שטאָלענעם קלין, וועלכער האָט זיך אַנגעשלאָגן אויף דער האַרטקייט פונעם ברוק; יעדער פראַגמענט וואָס זיי האָבן אַרויסגעריסן, האָט זיי געקאָסט אַ סך מי.

די דאָזיקע אָפּעראַציע, אַ גאַנץ געוויינלעכע דערשיינונג פאַר יעטוועדער שטאָט־איינוווינער, האָט פונדעסטוועגן גערופן מיין אויפמערקזאַמקייט.

מענטשן און לאַנדשאַפטן

אין דער אַרבעט פון די דאָזיקע פיר אַרבעטער האָט זיך אויף אַ צופעליקן אופן אָפּגעשפּיגלט פאַר מיינע אויגן דער דראַמאַטישער גורל פונעם גאַנצן טשילענער פאָלק. דאָס פאָלק וואָס פירט אַן אייביקן קאַמף מיט דער ווילדער נאַטור־סטיכיע, וואָס קעגן איר בלינדער צעשטערונגס־קראַפט איז קיין שום עצה נישטאָ, און אַ פאָלק וואָס ראַנגלט זיך ווי אַ געפאַנגענער פויגל אין אַ נעץ פון אַ גאַנצער רייע סאָציאַלע, גייסטיקע און פסיכישע סתירות.

די פּערזאָן פונעם טשילענער פאָלקס־מענטש, זיין לעבנסשטייגער און זיין לעבנס פילאָזאָפיע, דערשיינען פאַרן נישט באַהאַוונטן אויסלענ־דער ווי אַ רעטעניש. עס איז פאַרן פרעמדן דורכאויס אומפאַרשטענדלעך ווי אַזוי אַ גאַנץ פאָלק האָט פון דער תכליתלאָזיקייט געמאַכט אַ — קולט; עס קאָן גאָר קיינעם פון די נאַר־וואָס איינגעוואַנדערטע נישט ליגן זיך אויפן שכל, ווי אַזוי אַ פאָלק וואָס איז אַרומגערינגלט מיט אַזוי פיל נאַטור־שיינקייט, האָט אַליין נישט קיין מינדעסטן חוש פאַר עסטעטישער שיינ־קייט, אָדער, בעסער געזאָגט, עס איז מבטל, „מאַכט זיך נישט קיין צימעס" פון אויסערלעכע עפעקטן.

די דאָזיקע דערשיינונג וועט איר אין טשילע באַמערקן נישט נאָר אין דעם הילוך פון טויזנטער מענטשן, נאָר אויך אין דעם אופן ווי אַזוי זיי באַוועגן זיך, ווי אַזוי זיי געבן אויס זייער שווער פאַרהאָרעוועט געלט און אויף אָן אַ שיעור אַנדערע געביטן.

דאָס „נישט מאַכן זיך קיין צימעס" איז איינע פון די גרונטשטריכן פונעם טשילענער פאָלקס־מענטש און דאָס מוז וואַרשיינלעך זיין אַ פּועל־יוצא פון סאָציאַלע, גייסטיקע און פסיכישע סיבות. אוודאי זענען סאָ־ציאַלע־עקאָנאָמישע אומשטענדן בכוח אויסצופורעמען דעם כאַראַקטער פון אַ מענטשן און פון אַ גאַנץ פאָלק, אָבער אין דעם פאַל פון טשילע מוזן קומען אין באַטראַכט די געאָ־קלימאַטישע באַדינגונגען, וועלכע האָבן אַ גאַנץ באַדייטנדן חלק אין דער פסיכישער פאָרמאַציע (אָדער דעפאָרמאַ־ציע) פונעם פאָלק.

אין אַ פאָריקן קאַפּיטל האָבן מיר געזאָגט, אַז דער טשילענער איז בטבע אַ פאַטאַליסט. נעמענדיק אין אַכט אַז טשילע איז דאָס קלאַסישע לאַנד פון ערדציטערנישן און אַנדערע סטיכישע קאַטאַקליזמען, איז נישט

שווער צו טרעפן פון וואַנען עס נעמט זיך די דאָזיקע פאַטאַליסטישע לעבנס־אַנשויאונג און די גרינגשעצונג צו זאַכן וואָס האָבן אַ שייכות מיט תכלית. עס איז מסתמא נישט קיין צופאַל וואָס דער טשילענער לעבט בלויז מיטן היינט און קוקט אפילו מיט חוזק אויף יענעם, וועלכער קוואַפּעט זיך אויף אָנצוזאַמלען ערדישע גיטער. ער, דער אָפּשטאַמיקער פון גאַנצע דורות, וועלכע האָבן אומצייליקע מאָל געזען ווי אַזוי די סטיכיע האָט אין געציילטע סעקונדן חרוב געמאַכט דאָס וואָס איז אויסגעבויט און אָנגעזאַמלט געוואָרן אין משך פון הונדערטער יאָרן, ער האָט אוודאי זיינע פעסטע מאָטיוון צו דענקען, אַז זיין הבל הבלימדיקע לעבנס־אַנשויאונג איז די סאַמע ריכטיקסטע. די דאָזיקע השערה וועט אפשר קלינגען מאָדנע, אָבער — פּרווידיאַניש גענומען — לייגט זי זיך אויפן שכל. עס איז דאָס וואָס מען רופט אַטאַוויזם.

***

דער טשילענער פאָלקס־מענטש לעבט אין אַ פּלאָנטער פון סאָציאַלע און פסיכישע קאָנטראַסטן, פון וועלכע ער איז דער טאָג־טעגלעכער קרבן. די פיר אַרבעטער, וועלכע מיר האָבן געזען אויפרייסן דעם ברוק פון דער גאַס מיט דעם שוויים פון זייער פּנים, וועלן זיך נישט קווענקלען אויסצוגעבן זייערע שווער פאַרהאָרוועטע פּעזעס אויף אַ שעה עולם הזה, אָדער אויף דעם ערשטן ביליקן חפץ וואָס זיי וועלן דערזען און ער וועט זיי געפעלן. סאָציאַל זענען זיי צוגעשמידט צו זייער גורל פון שלעכט באַצאָלטע אַרבעטער און פסיכיש זענען זיי געניגט צו צעטרענצלען זייער שכירות אויף אַזאַ לייכטן אופן ווי דער גרעסטער מיליאָנערסקער הולטאַי. דאָס איז די טראַגישע סתירה אין דעם לעבן פון דעם טשילענער פאָלקס־מענטש, וועלכער מאַכט דורך די דראַמע פון זיין מאַטעריעלער אָרעמקייט מיט אַ מערקווירדיקער רעזיגנאַציע. איך האָב געזען ווי טשילענער עלטערן האָבן געקויפט טייערע שפּילצייג זייערע קינדער צו ווייַנאַכטן, דאַן ווען די זעלבע קינדער גייען אַרום אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר אָפּגעריסן, באָרוועס און שלעכט דערנערט.

די וועלכע האָבן געלייענט וועגן די דערגרייכונגען פונעם טשילענער פאָלק אויפן סאָציאַל־פּאָליטישן געביט, וועלן אוודאי נישט קאָנען פאַר־

שטיין ווי אַזוי מען קאָן דאָ אָנווענדן דעם באַגריף רעזיגנאַציע. די וועלכע האָבן געלייענט וועגן דעם באַרימטן טשילענער „פאָלקס־פראָנט" און וועגן דעם אַקטיוון אָנטייל וואָס דאָס פאָלק נעמט אין דער פּאָליטיק, וועלן קוים קענען פאַרשטיין די פּאַטאַליסטישע לעבנס פילאָזאָפיע פון די דאָזיקע מענטשן. עס איז פונדעסטוועגן אַ טראַגיש־רעאַליסטישע דערשיינונג און דאָס געהער בלי ספק צו די צענדליקער סתירות אויף וועלכע מען טרעפט זיך אָן אין טשילע.

אויף דעם דאָזיקן געביט קומען אין טשילע פאָר אָן אַ שיעור מיספאַרשטענדענישן. איינער פון די בולטסטע ביישפּילן דערפון איז דאָס טשילענער סאָציאַלע אַרבעטער־געזעץ, וואָס האָט שוין נישט ווייניק בייז בלוט פאַרשאַפט צווישן דעם קאַפּיטאַל און אַרבעט. דאָס דאָזיקע געזעץ ווערט באַטראַכט אַלס איינס פון די פאָרגעשריטנסטע אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער און עס גיט דעם אַרבעטער אומבאַגרענעצטע רעכט און פּריאָריטעט לגבי דעם אַרבעטסגעבער.

דאָס דאָזיקע געזעץ איז דערגרייכט געוואָרן נאָך אַ שאַרפן קאַמף, אָבער לויט עס האָבן מיר דערציילט מענטשן, וועלכע מען קאָן נישט חושד זיין אין קיין רעאַקציאָנערע כוונות, איז דאָס געזעץ פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פאַקטאָר פון פּאַראַליזאַציע אויף אַ סך געביטן פון דער אינדוסטריע.

דער טשילענער איז בטבע נישט קיין גרויסער ליבהאָבער פון אַרבעט, אַ דערשיינונג וועלכע איז וואַרשיינלעך אַ פועל יוצא פון זיין הבל הבלימדיקער לעבנס אויפפאַסונג. דאָס דערמאָנטע געזעץ גיט אים אין פיל אַספּעקטן אַ לעגאַלן היתר אויף זיין ווידערווילן צו דער אַרבעט און אין אַ סך פאַלן מיסברויכט ער איינפאַך מיט זיינע רעכט לגבי דעם אַרבעטסגעבער, אפילו ווען דער לעצטער איז דורכאויס גערעכט. וועגן דעם האָב איך אַגב געלייענט און געהערט אַ סך אָפיציעלע דערקלערונגען.

אין דער צייט ווען איך בין געווען אין סאַנטיאַגאָ, האָט אַ יידישער אייגנטימער פון אַ דרוקעריי געשלאָסן און פאַרקויפט דאָס געשעפט אויסדריקלעך דערפאַר, ווייל ער האָט נישט געקאָנט נאָכקומען זיינע התחייבותן צוליב דער באַוווסטזיניקער נאַכלעסיקייט פון די אַרבעטער. די אַרבעטער האָבן די דאָזיקע נאַכלעסיקייט פּראַקטיצירט אויף אַ לעגאַלן

שטייגער, אַלס „אויסגעקעמפטע" רעכט, אָבער זיי האָבן דירעקט אונטערגעגראָבן די באַזע פון זייער עקזיסטענץ.

און דער דאָזיקער פאַל איז נישט קיין איינציקער. צענדליקער מענטשן האָבן מיר וועגן דעם דערציילט ווי וועגן אַ געוויינלעכער דערשיינונג. אַנדערע, וועלכע זענען אַרבעטסגעבער, האָבן וועגן דעם גערעדט ווי וועגן אַ שרעקלעכן געשפענסט, ווייל אין דער פּראָבלעם פון נאָכקומען אַ קאָנטראַקט עקזיסטירט נישט נאָר די פראַגע פון קאָנען באַקומען סחורה אָדער רוי־שטאָפן, נאָר אויך די פראַגע פון דעם אַרבעטערס ווילן צו אַרבעטן.

צי איז דאָס דען אַ צופאַל? בשום אופן נישט; עס איז נישט מער ווי נאָך איין סתירה צווישן אַ פּאָליטיש־סאָציאַלער דערגרייכונג פונעם טשילענער אַרבעטער און דער פּסיכיק פונעם טשילענער מענטשן, וועלכער מאַכט נישט קיין טראַגעדיע פון דעם וואָס ער אַרבעט ווייניקער אַ פּאָר טעג אין וואָך. די געזעצן פון דער מאָדערנער עקאָנאָמיק ווילן נישט וויסן פון אַזעלכע קאָמפּלעקסן, אָבער דאָס טשילענער ווירטשאַפטלעכע וועזן שלאָגט זיך אָן אויף דער דאָזיקער פּראָבלעם טאָג־טעגלעך.

די טשילענער פרעסע רעאַגירט אָפטמאָל קעגן דער דאָזיקער נאַכלעסיקייט אויף אַלע געביטן, אָבער — דאָס איז אַ „קול קורא במדבר". אויך די ראַדיאָ ווידמעט דער דאָזיקער פּראָבלעם אַ סך אויפמערקזאַמקייט און איין אודיציע, וועלכע רופט זיך „לאַ פאַמיליאַ טשילענאַ", און באַשטייט פון ראַפינירטע סאַטירישע פּראָגראַמען, נוצט יעדער געלעגנהייט אויף צו טאַדלען די נאַכלעסיקייט פונעם טשילענער. דאָס אָבער זענען זייער קנאַפּע און אומווירקזאַמע מיטלען קעגן אַ דערשיינונג, וועלכע וואָרצלט אפשר אין א טראַגישן אַטאַוויזם פון דורות און האָט זיך שוין פאַרוואַנדלט אין אַ לעבנס פילאָזאָפיע. דער טשילענער מענטש האָט שוין צופיל מאָל געזען ווי די סטיכיע האָט חרוב געמאַכט די האָרעוואַניע פון גאַנצע דורות, אַז ער זאָל זיין אַן איבערצייגטער בעל־תכלית.

וואָס עס איז יאָ צום באַוואונדערן איז, אַז טראָץ דער דאָזיקער טרויעריקער דערפאַרונג האָט דער טשילענער ליב זיין לאַנד מיט אַן אומבאַגרענעצטער ליבע און ער קאָן זיך גאָרנישט פאָרשטעלן עפּעס שענערס און בעסערס ווי זיין פאָטערלאַנד.

סאַנטיאַגאָ דע טשילע, אַן אייגנאַרטיקע שטאָט

אויב טשילע איז אַן אייגנאַרטיק לאַנד לויט איר לאַנדשאַפט, אירע מענטשן און זייער לעבנסשטייגער, איז די הויפּטשטאָט פון דעם דאָזיקן לאַנד — סאַנטיאַגאָ, אָדער סאַנטיאַגאָ דע טשילע, ווי מען רופט זי אין אויסלאַנד — דער קאָנצענטרירטער אויסדרוק פון דער דאָזיקער אייגנאַרטיקייט. אַלס די הויפּטשטאָט פון אַ לאַנד פון פינף מיליאָן איינוווינער, אין וועלכער עס לעבן און באַוועגן זיך צוואַנציק פּראָצענט פון דער לאַנד־באַפעלקערונג — סאַנטיאַגאָ פאַרמאָגט אַ מיליאָן איינוווינער — און וווּ עס איז קאָנצענטרירט דער רוב־מנין און רוב בנין פונעם מלוכהשן, קאָמערציעלן און קולטורעלן לעבן פון דער מדינה, דאַרף מען כמעט נישט פאָרן טיפער אין לאַנד אַריין אויף צו דערפילן די אייגנאַרטיקייט דערפון. איין שעה רייזע פון סאַנטיאַגאָ — און איר וועט זען דאָס זעלבע בילד, די זעלבע מענטשן און דעם זעלבן לעבנסשטייגער וואָס אויף טויזנט קילאָמעטער פון דער הויפּטשטאָט. אין אַרגענטינע אָדער אורוגוויי, צום ביישפּיל, וועט איר מוזן פאָרן הונדערטער קילאָמעטער טיף קיין אינלאַנד אויף צו באַקענען זיך מיט דעם עכט־פאָלקסטימלעכן לעבנסשטייגער; אין סאַנטיאַגאָ דע טשילע קאָנט איר אין איינער פון פאָרשטעט אָדער אין איינער פון די טיפּישע געגנטן פון דער שטאָט גופא, טרעפן עכט־טשילע־נישן לעבנסשטייגער און עכטע פּנימער פון טשילענער פאָלקס־מענטשן. אין דעם זין, פאַרמאָגט סאַנטיאַגאָ דע טשילע אין פולן זינען פון וואָרט אַלע שטריכן און אייגנאַרטיקייטן פונעם גאַנצן לאַנד.

**
*

נישט ווייט פון שטאָט־צענטער געפינט זיך אין סאַנטיאַגאָ אַ באַרג מיטן הייליקן נאָמען „סאַן קריסטאָבאַל”. דער דאָזיקער באַרג, איז נישט

זייער קיין הויכער, ווען מען נעמט אַלס מאַסשטאַב די ריזן־בערג וואָס רינגלען אַרום די טשילענער הויפּטשטאָט; אָבער פון זיינע 850 מעטער איבערן ים־שפּיגל זעט מען די שטאָט אַזוי ווי זי „שטייט און גייט", אין איר גאַנצער פּראַכט.

דאָס וואָרט פּראַכט איז נישט קיין איבערטרייבונג בנוגע סאַנטיאַגאָ דע טשילע. עס גייט דאָ נישט אין דעם צי די טשילענער הויפּטשטאָט איז שענער אָדער מיאוסער, גרעסער אָדער קלענער, ראַשיקער אָדער רו־איקער פון אַנדערע גרויסע שטעט. אַלס שטאָט און אַלס צענטער פונעם לאַנד האָט זיך סאַנטיאַגאָ נישט וואָס צו שעמען אפילו פאַר אַזאַ כרך, ווי בוענאָס איירעס. סאַנטיאַגאָ איז אַ שטאָט מיט גרויס פּאַרנעם און מיט אויסערגעוויינלעכן אורבאַנישן אימפּעט. איר פּראַכט אָבער באַשטייט אין איר אייגנאַרטיקייט און אוביקאַציע, דאָס הייסט אין דער אומגעגנט אין וועלכער זי געפינט זיך. נאָך אַ דעטאַל וואָס שטרייכט אונטער איר אייגנאַרטיקייט, זענען די באַזונדערע שטאָט־געגנטן, מיט זייער גאָר אָריגינעלן מענטשן־טיפּאַזש, וועלכן עס איז וואַרשיינלעך נישט צו געפי־נען ערגעץ אַנדערש. דאָס איז דער באַרימטער פּאָפּולאַריזירטער טשילע־נער טיפּ, וועלכער טראָגט דעם ספּעציעלן נאָמען „על ראָטאָ", דער אָפּגע־ריסענער, הייסט עס, און וועלכער איז די טראַגישע אויסערלעך־„פּלאַס־טישע" נאָטע פון דער טשילענער פאָלקס־דראַמע, וועלכע דריקט זיך אויס אין אַ שרעקלעכער פאַטאַליסטישער לעבנס־פילאָזאָפיע און אין אַן אומ־פאַרגלייכלעכער מאַטעריעלער אָרעמקייט.

זעלטנווו האַרמאַניזירט אַזוי דאָס אויסזען פון די מענטשן, זייערע פּנימער, זייער הילוך, מיט דער אומגעבונג, ווי אין די אָרעמע געגנטן פון סאַנטיאַגאָ. אין די געגנטן פון „לאַ וועגאַ", „מאַטאַדעראָס", „סאַן פּאַבלאָ" און אַנדערע אָרעמע „באַריאָס", האָב איך געזען מענטשן און איבערהויפּט קינדער, וואָס האָבן אויסגעזען ווי פראַגמענטן, שפּליטערס פון די אָרומי־קע אַלטע, אָפּגעריסענע געביידעס און גאַסן. אַלץ דאָ — די הייזער, גאַסן, קרעמלעך, שטעלעכלעך, שענקלעך און מענטשן — האַרמאָניזירן פּערפעקט אין איין טראַגישער סימפאָניע פון אָרעמקייט, אָפּגעלאָזנקייט און שמוציקייט. צווישן דער דאָזיקער מחנה פון אומגליקלעכע קאַליקעס, קריפּלס און וואַגאַבונדן, באַגעגנט איר פאַרזעעניש, וואָס קאָנען קאָנקורירן אין

העסלעכקייט מיט וויקטאָר הוגאָס הויקער פון נאָטרדאַם; אָדער הפקר־יונגען, וועלכע לאָזן אין שאָטן די אויטענטישסטע באַסיאַק־טיפּן פון מאַקסים גאָרקי; אָדער די עקזאָטישע וואַגאַבונדן פון פּאַנאַיט איסטראַטי.

פונעם שפּיץ „סאַן קריסטאָבאַל" זעט מען גאַנץ סאַנטיאַגאָ. די שטאָט מיט אירע געביידעס, פּאַרקן און פּלאַסעס, ליגט פאַר אייערע אויגן ווי אַ ריזן מאַקעט אויסגעשמידט און מאָנטירט פון קופּער. אין אַ ריזיקן טאָל ליגט די טשילענער הויפּטשטאָט און שפּרייט זיך אויס אין אַלע זייטן אַריין ביז צופוסנס פון די ריזיקע אַנדן־בערג, וואָס רינגלען זי אַרום ווי די אַלטע, כמורנע וועכטער מיט זייערע ווייסע זקנים־קעפּ. פון דער הויך זעט די באַוועגונג פון דער פּרעכטיקער שטאָט אויס ווי עפּעס אַ מין אויטאָמאַטישע דערשיינונג, אַ „פּערפּעטום מאָבילע", ווייל דעם מענטשן, וועלכער איז די שטוים־קראַפט פון דער גאַנצער באַוועגונג, זעט מען דאָ אָן ווי אַ מוראַשקע, וועלכע פּלאָנטערט זיך אינצווישן...

און דאָ אויפן סאַמע שפּיץ פונעם „סאַן קריסטאָבאַל" שטייט אַ ריזיקע איקאָנע אַ „ווירכען", וועלכע באַשיצט מיט איר הייליקייט און „צידקות" די אַלטע טראַנסאַנדינישע שטאָט, וואָס האָט שוין אין משך פון אירע פיר הונדערט יאָר דורכגעמאַכט אַ שפּאָר ביסל ערדציטערנישן און קאַטאַסטראָפעס און שטייט פונדעסטוועגן ביז היינט צו טאָג אַן אויסגעפּרוווטע און שטאָלצע, ווי אַן עדות פון הונדערט־יעריקער אַמעריקאַנער קולטור און ציוויליזאַציע, וועלכע זענען דערגרייכט געוואָרן דורכן פּרייז פון אַ סך שווערע נסיונות און גלגולים...

פונעם „סאַן קריסטאָבאַל" זעט מען די גאַנצע שטאָט; פון אומעטום אין שטאָט זעט מען דעם „סאַן קריסטאָבאַל" מיט דער „ווירכען", וועלכע האָט שוין אַן אַ שיעור אומגליקלעכע און קאַליקעס „אויסגעהיילט" און זיי האָבן דאָרט זייערע קוליעס אויסגעהאָנגען, אַלס „אַטעסטאַטן" פאַר דער הייליקער בתולה, וועלכע האָט, ווי עס זעט אויס, גאָר אַ גרויסע דעה ביי דעם וואָס לעבט אייביק. וואָס די הייליקע בתולה און נאָך צענדליקער הייליקע, האָבן ביז איצט נישט געקאָנט באַווייזן, איז, דאָס ברענגען טרייסט און גענעזונג די הונדערטער און טויזנטער אומגליקלעכע מענטשן, וואָס מען זעט אויף די גאַסן פון סאַנטיאַגאָ. די דאָזיקע מחנה פון די אָרעמסטע צווישן די אָרעמע, וועלכע האָבן שוין, ווי עס ווייזט אויס,

אויפגעגעבן די האָפענונג אויף אַ שענער און ווירדיקער לעבן, אָדער אויף דעם וואָס מיר פאַרשטייען אַלס גליק, די דאָזיקע מחנה פון פאַרצווייפלטע און אומגליקלעכע, האָט נאַטירלעך געמוזט זוכן טרייסט און גליק ערגעץ אַנדערש, און ווי דער שטייגער איז, האָט זי עס געפונען אין הפקרות, שכרות, אַזאַרט און זנות.

ווי אַ פחדימדיקע צעיאָטערטע ווונד, זעט זיך דאָס דאָזיקע בילד אָן אין דער ווונדערבאַרער טשילענער הויפטשטאָט, מיט איר גרויסאַרטיקן, קאָמערציעלן צענטער. ווי דער מעת לעת איז גרוים, באַוועגט זיך די טראַגישע מאַסע אין אַ קאַראַהאָד פון פרנסה־זוכעניש. צי זענען דאָס די שוואַרץ־אַרבעטער אין דער „וועגאַ" (מערקאַדאָ), צי שלאָסערס און אַלט־וואַרג־הענדלער ביים ברעג פון טייך מאַפּאָטשאָ; די קריפּלס און קאַליקעס, וועלכע בעטלען „מוזיקאַליש" אויף די גאַסן, אָדער די קאָוואַדאָרן וואָס אַרבעטן מיט סכנות נפשות (וועגן דעם וועלן מיר שרייבן ווייטער אַביסל) אויף די אַזויגערופענע „גאָנדאָלאַס" (אָמניבוסן) — אַלץ באַוועגט זיך אין דעם טאָג־טעגלעכן אימפּעט אין זוכעניש פון דער ביליקער טשילענער מטבעה, וועלכע דאַרף פאַרזיכערן אַ מאָגערן מאָלצייט אָדער נאָר אַ פלאַש ווײַן אויף צו פאַרנעפּלען די טאָג־טעגלעכע קלאָרע וויזיע פון אויסזיכט־לאָזיקייט.

אינערגעץ בליט נישט אַזוי דער מסחר מיט אַלטע קליידער און שוכוואַרג ווי אין סאַנטיאַגאָ. אין טשילע זענען פאַראַן צענדליקער טויזנטער מענטשן, וועלכע האָבן נאָך אויף זייער לעבן קיין נייעם בגד נישט אָנגעמאָסטן. אין סאַמע שטאָט צענטער, וווּ עס שעמערירן די לוקסוסיעזע שויפענצטער פון די גרויסע האַנדלס־הייזער מיטן שענסטן און בעסטן פון שוכוואַרג, קליידונג, צירונג און מענאַזש, וועט איר אויף די גאַסן־ראָגן באַקומען איינגערוימט אַ סוד אין אויער פון די ספּעציעלע אַלטוואַרג־אויפקויפער צו איר האָט נישט קיין אַלטע קליידער צו פאַרקויפן. אינערגעץ אויף דער וועלט זעט מען נישט, אין דער לענג פון צענדליקער קוואַדרעס, אַזוי פיל קראָמען וואָס באָטן אייך אָן אַלטע זאַכן און חפצים און קליידער פון דער ביליקסטער קוואַליטעט — אויף גאַנץ הויכע פרייזן. דאָס איז אַ זעלבסט־פאַרשטענדלעכקייט; דער „מאַרק" קאָן זיין אָפּנעמער: דאָס איז די גרוים מחנה אָרעמעלייט, וועלכע קאָנען אפילו נישט

חלומען פון אַ בעסערן בגד און אין די מערסטע פאַלן קאָן קיין רייד נישט זיין פון עפּעס אַנדערש ווי אַן אַלטע, אָפּגעניצעוועטע זאַך, וואָס אַנדערע האָבן שוין געהאַלטן פאַר אומווירדיק צו טראָגן.

מענטשן וועלכע האַלטן זיך פאַר „באַהאַוונטע", האָבן מיר געזאָגט, אַז ביים דורכשניטלעכן טשילענער איז דאָס גיין אָפּגעריסן און שמוציק אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך און אפילו אַ „כבוד". מעגלעך אַז דאָס איז ריכטיק, אָבער איך בין גענייגט צו גלויבן, אַז דעם דאָזיקן „כבוד" נעמט דער טשילענער „ראָטאָ" אָן נישט מחמת ער לאָקט אים אַזוי שטאַרק, נאָר ווייל די אומשטענדן צווינגען עס אויף אים אַרויף. פּונקט ווי דער ייד ענטפערט מיט אַ בייסיקן וויץ אויף דעם האַס וואָס ער טרעפט אומעטום אָן, אַזוי האָט זיך ביים טשילענער אויסגעפורעמט אַ מין שטיי־גער, אַ קולט פון דער אָפּגעריסנקייט און פאַרנאַכלעסיקונג פון אויסער־לעכן עטיקעט. דאָס איז נישט מער ווי אַ טייל פון זיין פאַטאַליסטישער לעבנס־אָנשויאונג, וועלכע דיקטירט נישט צו לייגן קיין איבעריקע אַכטונג אויף זאַכן וואָס האָבן אַ שייכות מיט דער עסטעטיק, ווער שמועסט אַז זיין סאָציאַלע פּאָזיציע פאָדערט עס נישט און זיין עקאָנאָמישער מצב דערלויבט אים אפילו נישט צו טראַכטן פון אַזעלכע לוקסוסן.

דאָס איז, פאַרשטייט זיך, חל בלויז אויף דעם אָרעמסטן שיכט, וועלכער האָט שלום געמאַכט מיט אַזאַ לאַגע. די עטוואָס העכערע שיכטן און באַזונדערס די טשילענער פרוי, זענען שוין גאָר מקפּיד אויף דער עסטעטישער זייט פון דעם טאָג־טעגלעכן לעבן. איבערהויפּט צייכנט זיך אויס דעם געביט אויס די טשילענער פרוי, וועלכע סטאַרעט זיך צו האַר־מאָניזירן איר קליידונג און פּאַנטאַזי־שמוק מיט איר נאַטירלעכער חנעוו־דיקייט און גראַציעזקייט, וועלכע גיבן איר אַ גאַנץ בכבודיק פּלאַץ אין דער קאַטעגאָריע פון שיינע, האַרמאָנישע פרויען.

די פּערזענלעכקייט און די ראָלע פון דער טשילענער פרוי איז אַן אינטערעסאַנט קאַפּיטל פאַר זיך און מיר וועלן זיך נאָך אומקערן צו דעם, ווען עס וועט אונדז אויסקומען זיך אָפּצושטעלן אויף אַנדערע אַס־פּעקטן פונעם טשילענער לעבן און טשילענער מענטש.

***

אויפֿן ראָג פֿון דער גאַס באַנדעראַ און אַוועניִדאַ בערנאַרדאָ אָהיגינס, פֿון סאַנטיאַגאָ, געפֿינט זיך דער אַריסטאָקראַטישער קלוב „אוניאָן“. דער דאָזיקער קלוב איז דער זאַמל־פּונקט פֿון די טשילענער געלט־זעק און די „אויבערשטע פֿונעם שטייסל“. וועגן דעם לוקסוס און דער פֿאַרשווענדערישקייט דאָרט, גייען אום גאַנצע לעגענדעס. דער דאָזיקער קלוב איז באַגרענעצט צו אַ באַשטימטן שיכט און אַלס אַזעלכער איז ער געשלאָסן און פֿאַרבאָטן פֿאַר דער ברייטער עפֿנטלעכקייט, וועלכע האָט וועגן אים אַ פֿאָרשטעלונג וואָס איז פֿול מיט גוזמאות און מיסטעריעס.

וואָס עס איז בלי־ספֿק נישט קיין גוזמא איז, אַז אין דעם דאָזיקן קלוב שפּילט מען אין קאָרטן אויף הונדערטער טויזנטער און מיליאָנען פּעזאָס. פּונקט קעגנאיבער דעם פּאַראַדנעם אַריינגאַנג פֿונעם קלוב, אויף דער אַוועניִדאַ בערנאַרדאָ אָהיגינס, וויבלט עס מיט דער סאַנטיאַגער אָרעמקייט, וועלכע קוויקט זיך מיט אַ „מאָטע קאָן הועסיליאָס“ (אַ טשילענער געטראַנק פֿון פּרוכטן־זאַפֿט געמישט מיט געזאָטענעם, אָפּגעשיילטן ווייץ), אָדער מיט אַ ביליקן „העלאַדאָ“ פֿאַר אַ „טשאַוטשאַ“ (צוואַנציק טשילענער סענט אין דער פֿאָלקס־אויסשפּראַך).

צי איז דאָס אין טשילע אַ זעלטנהייט, דאָס דאָזיקע צוזאַמענהויזן פֿון דער רייכקייט מיט דער אָרעמקייט? אין טשילע איז דאָס נישט נאָר נישט זעלטן, נאָר זייער אַ געוויינלעכע דערשיינונג. דער סאַמע ראַפֿינירטער לוקסוס מאַרשירט אויף אַ זייער נאַטירלעכן אופֿן האַנט ביי האַנט מיט דער עקסטרעמסטער אָרעמקייט. אין דעם זין איז טשילע דאָס „דעמאָקראַטישסטע“ לאַנד אין דער וועלט. דער „ראָטאָ“ פֿילט זיך אין סאַמע צענטער פֿון סאַנטיאַגאָ פּונקט אַזוי שטאָלץ און מיוחסדיק ווי דער סאַמע רייכסטער בירגער און דער רייכסטער בירגער לאָזט (עפֿנטלעך יעדנפֿאַלס) נישט פֿילן דעם אָרעמען זיין אינפֿעריאָריטעט.

עס פֿאַלט מיר, פֿאַרשטייט זיך, נישט איין צו דענקען, אַז אין טשילע איז דערגרייכט געוואָרן די אידעאַלע דעמאָקראַטיע. אויפֿן עקאָנאָמישן געביט איז די דאָזיקע מדרגה אפֿשר אַמווייניקסטן דערגרייכט געוואָרן אין טשילע, אָבער דאָס טשיקאַווע דערפֿון איז, וואָס אין דעם עפֿנטלעכן טשילענער לעבן פֿילט זיך כמעט נישט די פֿונדאַמענטאַלע דיפֿערענ-

ציאַציע אוןביידע סאָציאַלע עקסטרעמען מאַרשירן אין טאָג־טעגלעכן אוממיטלבארן לעבן זייער „האַרמאָניש”, אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקן.

אויבנאויפיק קאָן די דאָזיקע דערשיינונג אַריינפירן אין אַ טעות. עס מאַכט דעם איינדרוק, אַז ביים טשילענער עקזיסטירט נישט דער באַוווסטזיין פון זיין קלאַסן־אָנגעהעריקייט אָדער ער ווייסט איבערהויפּט נישט ווו זיין פּלאַץ איז. אינדערעמתן איז די זאַך גאַנץ אַנדערש: דער טשילענער, און איבערהויפּט דער פאָלקס־מענטש, איז זייער באַוווסטזיניק וועגן זיין קלאַסן־אָנגעהעריקייט און אַ באַווייז דערפון זענען די דעפינירטע פּאָליטישע גרופּירונגען אין פּאַרטייען, וועלכע ווירקן אין דעם עפנטלעכן לעבן.

דאָס לעבן פונעם טשילענער איז פול מיט קאָנטראַסטן און ווידערשפּרוכן און עס איז זייער שווער צו געפינען די דעפיניציע פון זיין כאַראַקטער. עס זענען אָבער פאַראַן געוויסע שטריכן, וועלכע אילוסטרירן אים גאַנץ בולט.

קודם־כל, איז דער טשילענער זייער אינטעליגענט און וואַכזאַם. פונקט ווי ער איז נאַכלעסיק אין זיין ווילן צו דער אַרבעט, אַזוי איז ער אינטענסיוו און אימפּעטפול אין דער דיסקוסיע; דאָ קומט צום אויסדרוק זיין גאַנצע עלאָקווענץ און די עלאַסטישקייט פון זיין שכל. אַ טשילענער איז זייער שווער צו „נעמען אויפן זיכער”, ווייל ער פאַרמאָגט אַן איינגעבוירענע אינטעליגענץ, מיט וועלכער ער רעאַגירט מאָמענטאַל און ספּאָנטאַן אויף יעטוועדער באַהויפּטונג, וואָס שיינט אים צו זיין אַ באַליידיקונג אָדער פּחיתת הכבוד פאַר זיך אָדער זיין פאָטערלאַנד.

און אָט דער דאָזיקער זעלטן־אַנטוויקלטער און אינטעליגענטער טיפּ, איז גלייכצייטיק סענטימענטאַל און נאַאיוו ווי אַ קינד און איז אומבאַהאָלפן בנוגע דער פאַרזיכערונג פון זיין אייגענער צוקונפט. די איינגעבוירענע באַהעמישקייט און דער פאַטאַליזם ווירקן ביי דעם טשילענער אין פולשטענדיקן קאָנטראַסט מיט זיין אינטעליגענץ און עס באַקומט זיך אַ טראַגישער ווידערשפּרוך אין דעם לעבן פון יעדן יחיד און פון אַ גאַנץ פאָלק.

***

פאַליק לערנער

אין טשילע, פּונקט ווי אומעטום איז גילטיק די דאַרוויניסטישע טעאָריע פון — קאַמף פאַר עקזיסטענץ. ווען דער באַרימטער ענגלישער וויסנשאַפטסמאַן וואָלט למשל געזען אַרבעטן די „קאָבראַדאָרן" פון די „גאַנדאָלאַס"1) אין סאַנטיאַגאָ, וואָלט ער מער קיין אַרגומענטן נישט געדאַרפט זוכן אויף צו באַרעכטיקן זיין טעאָריע פאַר דער עקזיסטענץ אָדער פון צופּאַסונג... ער וואָלט אפילו געפונען אין זיי אַ סימן פון זיין סעלעקציע־טעאָריע, ווייל איך גלויב נישט, אַז ווער ס'נישט איז זאָל קאָנען טאָן די דאָזיקע אַרבעט, וועלכע איז ממש פאַרבונדן מיט לעבנסגעפאַר און אויסערגעוויינלעכער געשולטקייט.

דאָס אינטערעסאַנטסטע איז, וואָס ער טוט די דאָזיקע אַרבעט מיט אַ מערקווירדיקער נאַטירלעכקייט. יענע וועלכע האָבן קיינמאָל נישט געזען אַרבעטן די דאָזיקע פּראָלעטאַריער, וועלן דאָס בשום אופן נישט קאָנען פאַרשטיין, פּונקט ווי זיי וועלן נישט קאָנען פאַרשטיין אַז דאָס פאָרן אין אַ טראַמוויי אין סאַנטיאַגאָ, איז פאַרבונדן מיט אויסערגעוויינלעכע אומבאַקוועמלעכקייטן. מענטשן וועלכע קלאָגן זיך אויף אומבאַקוועמלעכקייטן אין אַ איבערפולטן בוענאָס איירעסער טראַמוויי, וועלן זיכער בייטן זייער מיינונג, ווען זיי וועלן דורכמאַכן אַ פּאָר רייזעס אין די באַרימטע „קאַרראָס" (טראַמווייען) פון דער טשילענער הויפּטשטאָט, וועלכע אָנערקענען נישט דעם פּרינציפּ פון „קאָמפּלעטאָ" און קורסירן מיט פאַרהאַקטע טירן, אפילו דאַן, ווען די טעמפּעראַטור פולט אוים די גאַנצע קאָלומנע פונעם טערמאָמעטער.

פונדעסטוועגן איז די נסיעה אין אַ „קאַרראָ", אַ „לוסטרייזע" אין פאַרגלייך מיט דער רייזע אין די אַזוי גערופענע „גאָנדאָלאַס". דאָ איז דאָס פאָרן אויף די טרעפּ אַ גאַנץ נאָרמאַלע זאַך און על פּי רוב גייען זיי בוכשטעבלעך באַהאָנגען מיט פּאַסאַזשירן, וועלכע נוצן אוים יעטוועדע זאַך, ביי וואָס מען קאָן זיך אָנהאַלטן. דער „קאָבראַדאָר"2) (גוואַרדאַ) „הענגט" בדרך כלל ערגעץ אינדרויסן. מיט איין האַנט האַלט ער זיך ביי עפּעס אָן און מיט דער צווייטער האַנט גיט ער אייך מאָדנע־קונציק

---

1) אָמניבוסן
2) בילעטן־פאַרקויפער

דעם בילעט, נעמט ביי אייך צו די מטבעה און גיט אייך אפילו רעשט, אויב נויטיק.

אזוי אַרבעט ער, דער דאָזיקער פּראָלעטאַריער פון די פּראָלעטאַריער אָן אָפּרו און ער אַרבעט מיט דער אָנשטרענגונג פון אַלע זיינע חושים בכדי נישט צו פאַרלירן פון אויג קיין איינעם פון די פּאַסאַזשירן, ווייל ער באַקומט נישט קיין באַשטימטן לוין, נאָר אַ פּראָצענט פון דער הכנסה.

די דאָזיקע „קאָבראַדאָרן" באַשטייען פון יינגלעך אָדער יונגעלייט ביז 20 יאָר, וועלכע זענען די איינציקע וואָס קאָנען אויספירן די דאָזיקע געפערלעכע אַרבעט... ווען איך וואָלט געווען אַ דיכטער, וואָלט איך דער גערוואַגטקייט זייערער געווידמעט אַ פּאָעמע.

***

אויף דער גאַס אינדעפּענדענסיאַ אין די ערשטע הונדערטער, נישט ווייט פון דער „וועגאַ", האָב איך געזען אַ גאַסן־מאָלער, וועלכער האָט זיך אין זיין הילוך מיט גאָרנישט אונטערשיידט פון די טויזנטער אָפּגעריסענע און באָרוועסע, וועלכע געפינען זיך אין יענער געגנט, ווי דער טראַגישער עקספּאָנאַט פון דער טשילענער פאָלקס־דראַמע. דער דאָזיקער גאַסן־מאָלער האָט, נישט ווייט פון אַן אַלטער קירכע, מיט אַן אויסגעקרומטן צלם, געמאָלט בילדער, וועלכע ער האָט אויפן פלאַץ פאַרקויפט. לויט זיין אויסזען האָט אים זיין קונסט קיין גרויסע הכנסות נישט אַריינגעבראַכט, כאָטש ער האָט מיט זיין פּענדזל אויסגעכשופט די נאַטירלעכע שיינקייטן פון זיין פאָטערלאַנד.

דער דאָזיקער גאַסן־קינסטלער איז אינדער'אמתן נישט מער ווי די רעמינעסענץ פון אַ גאַנצער ריי פון ענלעכע טיפּן. נישט ווייט פון די טריבונאַלן, אויף דער גאַס באַנדעראַ, האָב איך געזען אַן ענלעכן עקזעמפּליאַר, וועלכער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט קינסטלערישע צייכענונגען, וועלכע וואָלטן געקאָנט אויסשטיין די מיינונגען פון אַן ערנסטן קונסט־קריטיקער. שוך־פוצער, וועלכע זענען געזעסן אויף דער ערד אין אַן אָריענטאַליש־אַראַבישער פּאָזע, האָבן אָפּגעריסן דעם בליק פון אַ בוך אין

וועלכן זיי האָבן אַריינגעקוקט, און האָבן אייך אָנגעבאָטן זייער פּאַך־קענטעניש פאַר דריי „טשאַוטשאַס".

אַ פאָלק פון קינסטלער און פון אינטעליגענטן, וואָס גייט נאַקעט און באָרוועס. לויט איך האָב באַאָבאַכטעט און לויט מען האָט מיר אי־בערגעגעבן, איז צווישן דער אומגעהייערער גרויסער מחנה פון די „ראָ־טאָס" פאַראַן זייער אַ קליינער פּראָצענט אַנאַלפאַבעטן. די דאָזיקע אומגליקלעכע מאַסע, וועלכע טראָגט איר גורל מיט אַזויפיל שטאָלצער רעזיגנאַציע, האָט אין איר קינדהייט־פּעריאָד באַזוכט אַ שול, ווו מען האָט איר דערציילט וועגן דער גרויסקייט און רייכקייט פונעם פאָטער־לאַנד, וועגן די גרויסע מעשים פון די נאַציאָנאַלע העלדן און וועגן די אַלצאַיינע רעכט וואָס די דעמאָקראַטישע קאָנסטיטוציע פון איר פאָ־טערלאַנד גיט יעדן בירגער, אָן אונטערשיד. ווי ווייניק אָבער דאָס שטימט מיט דער ווירקלעכקייט, וואָס די דאָזיקע מענטשן זעען אַרום זיך אין דעם טאָג־טעגלעכן לעבן. טעאָרעטיש האָבן זיי די זעלבע רעכט, אָבער זיי ווייסן, אַז אין דער פּראַקטיק זעט עס אויס גאַנץ אַנדערש. זיי ווייסן, אַז זייער בירגערלעכע גלייכהייט פאַרן געזעץ גיט זיי נישט קיין רעכט צו געניסן, ווי אַנדערע בירגער, פון דעם וואָס מען זעט אין די גרויס־אַרטיקע שויפענצטער פון די רייכע קראָמען; זיי ווייסן, אַז זיי האָבן נישט קיין רעכט צו וווינען אין איינעם פון די ליכטיקע און באַקוועמע דעפּאַרטאַמענטן פון די מאָדערנע שטאָטפּערטלען פון זייער הויפּטשטאָט, אָדער צו פאָרן אין איינעם פון די טויזנטער לוקסיעזע אויטאָמאָבילן מיט וועלכע עס באַווייזן זיך אַ סך פון זייערע מיטבירגער, וועלכע זענען אין גאָר נישט זעלטענע פאַלן — אויסלענדער.

מען האָט מיר געזאָגט — און איך האָב עס אַליין פעסטגעשטעלט — אַז דער טשילענער איז בטבע אַן אומצופרידענער. ווי קאָן דאָס דען אַנדערש זיין, ווען מען זעט אין דער טשילענער הויפּט־שטאָט ווי דער גרעסטער לוקסוס און וווילטאָג געדייען זייט ביי זייט מיט דער ווייסטער אָרעמקייט און מיזעריע. אויך דאָס געהער צו די „אייגנאַרטיקייטן" פון דער טשילענער הויפּטשטאָט, אָבער דאָס זענען אייגנאַרטיקייטן וואָס זענען בדרך כלל די יוזיר־קראַפט, וואָס רופט אַרויס אומצופרידנקייט אפילו ביי אַזאַ אַנטי־בעל־תכלית ווי עס איז דער טשילענער.

**
*

פאַר די לעצטע יאָרן האָט די טשילענער הויפּטשטאָט אָנגעהויבן צו ענדערן איר אויסזען דורך מאָדערנע פאַרשטעט, מיט זייערע ברייט־געשניטענע גאַסן און הייזער פון „באַנגאַלאָו"־טיפּ און דורך די נייע פּילשטאָקיקע געביידעס וואָס וואַקסן אויס אין סאַמע שטאָט־צענטער. די דאָזיקע ענדערונג קומט פאָר אין אַ רעלאַטיוו־שטעלן טעמפּאָ, אָבער דאָך צו לאַנגזאַם, אַז זי זאָל פונדאַמענטאַל ענדערן דעם אַלגעמיינעם אויסזען פון דער דאָזיקער אַלטער שטאָט פונעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט, וווּ דאָס קאָלאָניאַלע און דאָס עכטע פון דעם אינדאָ־אַמעריקאַנישן פון לאַטיין־אַמעריקע און דאָס מאָדערנע אימפּעטדיקע פון די אַנגלאָ־זאַקסישע פאַרייניקטע שטאַטן פון צפון־אַמעריקע, באַגעגענען זיך אויף די אומגעזעענע וועגן פון דער צייט. טראָץ די מאָדערנע שטאָט־געגנטן וואָס זענען אויסגעוואָקסן ביי אירע ראַנדן, ליגט די אייגנאַרטיקייט פון סאַנטיאַגאָ דווקא אין די עלטערע טיילן, וווּ די שמאָלע גאַסן און געסלעך און הונדערט־יעריקע געביידעס, געבויטע פון ליימענע ציגל, דערציילן די געשיכטע פון דער דאָזיקער מערקווירדיקער אַלטער שטאָט אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט.

וואלפּאַראַיסאָ, „די פּערל פון פּאַסיפיק"

וואלפּאַראַיסאָ איז די צווייטע שטאָט פון טשילע לויטן פּאַרנעם און לויט דער צאָל איינוווינער. די טשילענער רופן זי „די פּערל פון פּאַסיפיק" און — מען מוז מודה זיין — אַז עס איז אין דעם נישטאָ קיין שום איבערטרייבונג. עס וועט נישט זיין קיין גוזמא צו באַהויפּטן, אַז זי איז איינע פון די בילדערישסטע און אינטערעסאַנטסטע שטעט אויף דער וועלט. אַלס פּאָרט־שטאָט, האָט וואלפּאַראַיסאָ הינטער זיך זייער אַ רייכע געשיכטע. איידער עס איז אויסגעגראָבן געוואָרן דער פּאַנאַמאַ־קאַנאַל, וועלכער האָט געעפנט אַ וועג צווישן דעם אַטלאַנטיק און פּאַסיפיק און דער איינציקער מאַרשרוט איז געווען דורך דעם מאַגאַליאַנעס־דורכגוס אויפן ווייטן דרום פונעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט, איז וואלפּאַראַיסאָ געווען איינער פון די וויכטיקסטע פּאָרטן ביים אַמעריקאַנער פּאַסיפישן ברעג. הייַנט איז די וויכטיקייט פון דער דאָזיקער אַלטער שטאָט אַ סך אַ קלענערע, אָבער זי שפּילט נאָך אַ גאַנץ באַדייטנדע ראָלע.

די רייזע פון סאַנטיאַגאָ קיין וואלפּאַראַיסאָ געדויערט אינגאַנצן דריי מיט אַ האַלבער שעה, אָבער דער וואָס מאַכט זי דורך, וועט זי קיינמאָל נישט פאַרגעסן. דאָס זענען דריי מיט אַ האַלבער שעה אין משך פון וועלכע עס גייען פאַרביי אייערע אויגן דורך אַ גאַנצע ריי נאַטור־בילדער פון אויסערגעוויינלעכער עקזאָטישער שיינקייט. איבער די 186 קילאָמעטער, וואָס ציען זיך פון סאַנטיאַגאָ ביז וואלפּאַראַיסאָ, האָט די נאַטור אָנגעוואָרפן אַזוי פיל שיינקייט, אַזוי פיל ווילדע, מעשה בראשיתדיקע פּראַכט, וואָס איז זעלטן צו געפינען ערגעץ אַנדערש. מיינער אַ נאָענטער פריינט, וואָס איז שוין אויסגעווען אַ וועלט, האָט זיך פאַר מיר מודה געווען, אַז טראָץ דעם, וואָס ער האָט שוין געזען אָן אַ שיעור עקזאָטישע געגנטן און הערלעכע לאַנדשאַפטן, איז ער ביי דער מיינונג, אַז אַזעלכע נאַטורשיינקייטן ווי מען זעט אין טשילע, האָט ער אין ערגעץ נישט געזען. פון וואַל־

פּאַיראַיסאָ איז ער אַנטציקט, כאָטש ער איז שוין דאָרט געווען צענדליקער מאָל. מיין מיינונג איז, אַז עס איז גאָר קיין חידוש נישט.

***

די רייזע הויבט זיך אָן אין דעם „מאַפּאָטשאָ״־וואָקזאַל, אין סאַנטיאַגאָ, וועלכער איז אַן און פאַר זיך אַ מערקווירדיקער עקזעמפּליאַר, סיי מיט זיין ראָזעווען קאָליר, סיי מיט זיין געבוי, און אויך לויט דער געגנט, אין וועלכער ער געפינט זיך. דער אויסגעצייכנטער עלעקטרישער צוג, וואָס וועט אייך שפּעטער אַביסל פירן דורך פּרעכטיקע נאַטור־לאַנדשאַפטן, פאַרלאָזט די סטאַנציע צו דער מינוט און איידער ער קומט אַרויס אין פעלד אַריין, פירט ער אייך דורך אַ שטיק געגנט פון דער סאַנטיאַגער אָרעמקייט, ווו עס אַנטפּלעקט זיך פאַר אייער אויג דאָס נאַקעטע בילד פון מענטשלעכן עלנד, פון אָרעמקייט, פון טיפער דראַמע, וועלכע שפּילט זיך אָפּ אַ שפּאַן פון אַנדערע געגנטן, ווו דער ווילטאָג און דער לוקסוס רינען איבער די ברעגעס. נאָרוואָס זענט איר געווען צווישן די צענטראַלע וואָלקנקראַצער פון שטאָל און בעטאָן און אָט שלענגלט זיך שוין די באַן אַ וואָיענדיקע צווישן די הינטערגעסלעך פון אַלטע ליימענע הייזקעס, ווו מענטש, גאַס און הויז זענען עפּעס ווי פון איין שטיק ליים געקנאָטן...

און אָט איז שוין סאַנטיאַגאָ מיט איר רעש און געפילדער הינטער אונדז און די באַן, ווי אַן ערשטקלאַסיקער עקיפּאַזש, גליטשט זיך ווייך איבער די רעלסן אין אַ געגנט, ווו פון אַלע זייטן קוקן אויף אייך כמורנע בערג. פון דער ווייטנס קוקן זיי אויף אייך, שטילע, פאַרשלאָסענע אין זיך, אָבער וואָס אַמאָל ווערן זיי נענטער, באַלד וועט די באַן שניידן צווישזייערע פעלדזן, וועלכע זענען פון מענטשלעכער האַנט באַזיגט געוואָרן. דאָרט ווו פעלדזיקער באַרג האָט זיך נישט געלאָזט דורכשניידן, האָט אים מענטש דורכגעבויערט, טונעלן געמאַכט און ווייטער געלייגט זיין וועג. גאָר קיין פרוכטבאַרע איז די געגנט נישט אַרום סאַנטיאַגאָ. פעלדז און שטיין קיינינגט דאָרט גאַנץ ברייטלעך; אָבער דאָ און דאָרט האָט דער מענטש אויסגעפונען אַ שטיק פרוכטבאַרן באָדן און אַנטוויקלט אַ גרינעם אָאַזיס. אָט איז אַ שטעטעלע. עטלעכע הייזקעס, נידעריקע, ליימענע הייזקעס, וועלכע באָדן זיך אין אַ ים פון גרינס, באַצירט מיט געשטרעקטע אַלאַמאָס, וואָס

שטייען אין אַ שורה ווי די סאָלדאַטן, שלאַנקע, דיסציפּלינירטע: כאַראַקטעריסטיש בילד פון די אַנדינישע טאָלן. אין די אַרגענטינער קוזשאַ־פּראָווינצן זעט מען דאָס זעלבע בילד, וואָס גלעט אייער אויג.

אין משך פון אַ שעה צייט פאָרט מען איבער פלאַכן טאָל, און די באַרג־קייט זעט זיך אָן פון ביידע זייטן באַן־ליניע פון דער ווייטנס. פון דאַנען זעט מען דאָס אַנדישע בילד אין דער גאַנצער פּראַכט, צוליב דער געהעריקער דיסטאַנץ. די באַרג־קייט זעט זיך דאָ אָן ווי אויף אַ קונסט־בילד. די דיסטאַנץ צווישן טאָל און באַרג פאַרשווינדט און די באַן הויבט זיך אָן צו שלענגלען צווישן באַרג און פעלדז, וועלכע וועלן אייך שוין נישט פאַרלאָזן ביז וואַלפּאַראַיסאָ, ווו דער ברעג ווערט אייביק געוואַשן פון דעם פּאַסיפיקס וואַסערן. איידער איר וועט צוקומען צו דער „פּערל פון פּאַסיפיק", ווי די טשילענער רופן מיט רעכט, זייער צווייטע שטאָט און דעם ערשטן און גרעסטן פּאָרט פון זיד־אַמעריקע ביים פּאַסיפיק, וועט איר נאָך פאַרבייפאָרן אַ גאַנצע ריי שטעטלעך, ווי לאַ קאַלערא, קיזשאָטאַ, ווי־זשאַ אַלעמאַנאַ, קילפּוע און וויניאַ דעל מאַר — ישובים, וואָס שפּילן אַ גרויסע ראָלע אין דעםווירטשאַפטלעכן, אינדוסטריעלן און טוריסטישן לעבן פון דער טשילענישער צענטראַלער זאָנע. אונדזער ציל אָבער איז וואַלפּאַראַיסאָ און אַהין פאָרן מיר...

***

זינט איך האָב באַזוכט וואַלפּאַראַיסאָ צום ערשטן מאָל, האָב איך שוין געזען אַנדערע צענדליקער הערלעכע געגנטן און לאַנדשאַפטן פון טשילע, איבערהויפּט אין דעם דרום־טייל פון לאַנד, אָבער קיין איינס פון די דאָזיקע בילדער האָט אויף מיר נישט געמאַכט אַזאַ טיפן איינדרוק, ווי די דאָזיקע וווּנדערלעכע פּאָרט־שטאָט ביים פּאַסיפיק. איך האָב וואַלפּאַראַיסאָ באַזוכט צענדליקער מאָל און יעדעס מאָל איז דער איינדרוק וואָס איר באַקומט, פּונקט אַזוי פריש און ניי, ווי איר וואָלט די שטאָט געזען צום ערשטן מאָל. עפּעס אַ סיבה מוז דאָ זיין און איך מיין, אַז דער הויפּט־מאָטיוו באַשטייט אין דעם, וואָס וואַלפּאַראַיסאָ, דאָס הייסט דער אַלגעמיינער אויסזען פון דער דאָזיקער מערקווירדיקער שטאָט, פאַרמאָגט אין זיך עטוואָס אַזעלכעס, וואָס געהער צו דער קאַטעגאָריע פון אַבסאָלוטער, אייביקער שיינקייט, וואָס ווערט קיינמאָל נישט וווּלגאַר אין אייערע אויגן. אַ צווייטער־

מאָטיוו פון דער מעכטיקער ווירקונג, וואָס וואַלפּאַראַיסאָ האָט אויף דעם צושויערס געפילן, איז דאָס, וואָס דאָ האָבן זיך פּאַראייניקט אין איין עסטעטישער סימפאָניע אורבאַנישע סטרוקטור און פּלאַנמעסיקייט, מיט ווילדער, אוראַלטער נאַטור־שיינקייט. דער דאָזיקער „שידוך" איז געווען אַ געראָטענער און וואַלפּאַראַיסאָ געהער דעריבער צו די שענסטע שטעט פון דער וועלט.

פּאַראַן זענען פּאַנאָראַמעס, ווו איר מוזט גיין זוכן די איינצלהייטן פון זייע שיינקייט, בכדי צו דערפילן זי; עס זענען אָבער פּאַראַן פּאַנאָראַמעס, וואָס „אַנטפּלעקן" זיך פאַרן צושויער אין זייער פולער פּראַכט אין איין מאָמענט און פארבלייבן איינגעקריצט אין זכרון, ווי דער עפעקט פון אַ קונסט־בילד. די פּאַנאָראַמע פון וואַלפּאַראַיסאָ געהער צו דער לעצטער קאַטעגאָריע. די שטאָט האָט דעם אויסזען פון אַ ריזיקן אַמפּיטעאַטער און זי לאָזט זיך דעריבער באַאָבאַכטן „אַזוי ווי זי שטייט און גייט". איבערהויפּט זעט מען די שטאָט אין דער גאַנצער הערלעכקייט, ווען מען קומט אָן מיט דער באַן פון סאַנטיאַגאָ. דער איינדרוק פאַר דעם, וואָס זעט דאָס בילד צום ערשטן מאָל איז באמת אומפאַרגעסלעך. דאָס אויסזען פון וואַלפּאַראַיסאָ ביינאַכט, געהער צו די שענסטע צויבער־בילדער, וואָס מען קען זיך פאָרשטעלן. עס מאַכט דעם איינדרוק פון אַ פאַנטאַסטישער, ריזיקער טעאַטער־פאָרשטעלונג, ווו אויף דער בינע ווערט געוויזן אַ ביינאַכטיקע סצענע מיט דעם הינטערגרונט פון הונדערטער טויזנטער ליכטער, וועלכע ווינקען צו אייך פון דערווייטנס, ממש אַזוי ווי עס שטייט געשריבן אין די מעשיות פון טויזנט און איין נאַכט...

דאָס דאָזיקע בילד אַנטפּלעקט (דאָס וואָרט „אַנטפּלעקט" דאַרף מען אין דעם פאַל נעמען אין בוכשטעבלעכן זין) זיך פאַר אייערע אויגן ווי נאָר די באַן פאַרלאָזט די באַן־סטאַנציע פון וויניא דעל מאַר, די באַרימטע טשילענער דאַטשע־שטאָט, אויפן וועג קיין וואַלפּאַראַיסאָ, אַ שטרעקע, וואָס געדויערט צען מינוט מיט דער באַן און פופצן מינוט מיטן אויטאָבוס. פון רעכטס דערשיינט פאַר אייך דער פּאַסיפיק אין זיין גאַנצער ווילדער מאַיעסטעטישקייט און פון לינקס — דער ריזיקער אַמפּיטעאַטער, וואַלפּאַראַיסאָ; אונטן — דער פלאַכער טייל פון דער שטאָט (אַ טייל פון וועלכן מען האָט „צוגערויבט" ביים ים און ביי די בערג) דער גרויסער „פּאַרטער"

פֿון דעם אַמפֿיטעאַטער מיט מאָדערנע, שיינע און רייִנע גאַסן און אַוועניִדאַס; געביידעס — אַ געמיש פֿון אַלטן און נייעם סטיל און געבוי. גרויסשטאָט מיט אַלע פֿישטשעוועס, לוקסוס־געשעפֿטן און מאַגאַזינען און איבערהויפּט אַנגראַ־לאַגערן, ווי עס פּאַסט פֿאַר אַזאַ גרויסער פּאָרטשטאָט מיט אַ טראַדיציע פֿון הונדערטער יאָרן, אַלס דער באַרימטסטער פּאָרט ביים פּאַסיפֿישן ברעג פֿון דרום־אַמעריקע.

שיין איז די נידעריקע טייל פֿון וואַלפּאַראַיסאָ, אָבער די הויפּט־כאַראַקטעריסטיק פֿון דער שטאָט, איר חן, ליגט אין איר באַרגיקן טייל, וועלכער גיט דער שטאָט צו דעם דאָזיקן עקזאָטישן אויסזען וואָס איז, קען מען זאָגן, אַ יחיד במינו. פֿון דערווייטנס זעט עס באמת אויס ווי די ריזן־גאַלעריע פֿון אַן אַמפֿיטעאַטער און די הייזער, פֿאַרשידענע לויט דעם אויסזען און קאָליר, די „טעאַטער צושויער", וואָס קוקן זיך אייביק צו צו דעם אומבאַשרייבלעכן שפּיל פֿון די נאַטור־עלעמענטן פֿון אַרום, איבערהויפּט אויף דער ריזיקער „בינע" פֿון דעם פּאַסיפֿיק, וועלכער שפּילט אייביק זיין שוימענדיקן שפּיל קעגן די פֿעלזיקע ברעגעס. פֿון וואַנען איר זאָלט נישט קוקן אין וואַלפּאַראַיסאָ, איז די פּאַנאָראַמע אומבאַשרייבלעך שיין. קוקט איר פֿון אונטן אַרויף, זעט איר אוראַלטן באַרג, אין וועלכן מענטש האָט מייסטערהאַפֿט איינגעקריצט זיין שאַפֿונג און פֿאַרוואַנדלט אורבאַרג אין אַ גן־עדן, ווו עס הערשט אייביקע מנוחה פֿאַר יענע, וואָס קומען זוכן היילונג פֿאַר זייער קערפּער און רו פֿאַר זייער נשמה. קוקט איר דאַקעגן פֿון אויבן אַראָפּ, זעט איר ווידער אומענדלעכן אָקעאַן, אַ ריזן־בוכטע, וועלכע איז אַרומגערעמלט אין האַלב־קרייז פֿון באַרגיקן ברעג, אַ באַצירטער מיט דעם סוב־טראָפּיקאַלישן געפֿלאַנץ, צווישן וועלכן דער מענטש האָט געשאַפֿן אַ גן־עדן־ווינקעלע אין דער געשטאַלט פֿון אָפּרו־פּלעצער, דאַטשעס, פּלאַזשעס, פּאַרקן און גלאַט לוקסוס ווילעס, ווייסינקע אַזעלכע וואָס ווינקען פֿונדערווייטנס און דערציילן פֿון רייכע לעבנס, פֿון גרויסע השגות, וואָס זענען נישט פֿאַר יעדן צוגענגלעך; פֿון אויסגעחלומטע וועלטן, וואָס זענען נאָר פֿון יחידי סגולה דערגרייכט געוואָרן.

***

און אַט זענט איר שוין אין וואַלפּאַראַיסאָ. אַט זענט איר שוין אין דער שטאָט וואָס האָט אייך פֿונדערווייטנס אויסגעזען ווי אַ כּישוף־

מעשהלע. אַט דרייט איר זיך אום אונטן אין דעם „פּאַרטער״ פון דעם אַמפיטעאַטער און אַט קריכט איר אויף די בערג פון דעם וואָס האָט אייך פונדערווייטנס אויסגעזען ווי די ריזן גאַלעריע פון דעם אַמפיטעאַטער און — פון דער נאָענט איז נישט אַלץ אַזוי צויבערדיק ווי עס זעט אויס פונדערווייטנס. דאָ קעמפט מענטש ווי אומעטום פאַר זיין טאָג־טעגלעך ברויט און דער קאַמף איז פאַר אַ סך אומפאַרגלייכלעך שווערער ווי ערגעץ אַנדערש. דאָס קריכן אויף די בערג צוליב פרנסה איז אַסך אומאָנגענעמער און פּראָזאַישער ווי זען די פּאַנאָראַמע פון די דאָזיקע בערג פון דער דיסטאַנץ, און די אַרבעט אויפן ים און אין פּאָרט איז אויך נישט דאָס זעלבע וואָס זען דאָס פּרעכטיקע בילד פון דעם אַלטן פּאָרט פונדערווייטנס, אַ בילד וואָס איז אפשר איינס פון די הערלעכסטע וואָס איר האָט ווען עס איז געזען. צוליב דער באַרגיקייט פון דער שטאָט, איז דאָ דער קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ אַ טיפּישער. דאָ באַנוצט זיך דער מענטש מיט וואָס ער קאָן, צו באַזיגן די שוועריקייטן וואָס ליגן אים אויפן וועג: זייט ביי זייט מיט די צענדליקער פוניקולאַרן (אַזעלכע באַרגבאַנדלעך אָדער ליפטן) וואָס פאַרבינדן דעם באַרגיקן טייל פון דער שטאָט מיט דעם אונטערשטן, קלעטערט דאָ דער מענטש אויף די בערג מיט דער הילף פון מויל־אייזלען און פערד און טאַקע מיט די אייגענע רגלים אויך... דערפאַר טאַקע איז דאָס בילד דאָ אַ פילפאַרביקס און בונטס, אין וואָס פאַראַ טייל פון דער שטאָט איר זאָלט זיך דאָ נישט געפינען. זייט ביי זייט מיט דעם מעכטיקן לאַסט־אויטאָ און מיט דער אולטראַ־מאָדערנער עלעקטרישער באַן שפילט דאָ אַ פונדאַמענטאַלע ראָלע דאָס אייזעלע, וואָס טראָגט געדולדיק אויפן רוקן צוויי קוישן מיט משא ביי די זייטן און אינדערמיט — דעם רייטער; די אַפּראָוויזאַציע אויף די בערג, ווי גרינס, מילך און פלייש, ווערט אויסשליסלעך געמאַכט מיט דער הילף פון פערד און אייזלען און גאַנץ אָפט וועט איר באַגעגענען אַ פערד מיט צוויי גרויסע פעסער ביי ביידע זייטן, אָדער אַן אייזעלע מיט צוויי פּעק, וואָס יעדער פון זיי איז אַזוי גרויס ווי די בהמה. דאָ מישט זיך אויס אולטראַמאָדערנע טעכניק מיט מעטאָד פון הונדערטער יאָרן צוריק. אויף דער יבשה פאַרמעסט זיך דאָס אַלטע בלעם־אייזעלע מיטן מעכטיקן אויטאָ מאָטאָר, פּונקט ווי אויפן ים זעט איר זייט ביי זייט די מאָדערנ־

סטע יאַכט־שיף מיט דעם זעגל־שיפל פון יאָרהונדערטער צוריק. אויך דער מענטש און זיינע זיטן איז דאָ אַ געמיש פון אולטראַ־מאָדערניזם און געוווינהייטן וואָס שטאַמען פון יענע צייטן, ווען טשילע האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט צוליב געאָגראַפישע טעמים דאָס ווייטסטע ווינקל פון דער ערד. די ירידים און מאַרק־טעג וואָס מען זעט אין וואַלפּאַראיסאָ, כאָטש זיי קומען שוין פאָר אין אַ ראַם פון מאָדערנער סביבה, פאַרמאָגן נאָך אין זיך אַ סך שטריכן פון די אוראַלטע קאָלאָניאַלע צייטן, ווען די אַנטדעקער און דעראָבערער האָבן פון שפּאַניע אַריבערגעבראַכט אַהער שטיקער לעבנס־שטייגער פון דעם איבערישן האַלב אינדזל, לעבנס־שטייגער וואָס האָט זיך דערנאָך צוזאַמענגעגאָסן מיט דעם לעבנסאַרט פון דעם געבירטיקן און געשאַפן עפּעס אַזוינס וואָס מען קאָן אָנרופן אייגנאַרטיקער נוסח, וועלכן מען טרעפט נישט ערגעץ אַנדערש און וואָס איז נאָך אין געוויסע הינזיכטן פאַרבליבן אַזוי ווי ער איז געווען אין דעם סאַמע בראשית פון זיין אַנשטייאונג. דערצו נאָך איז וואַלפּאַראיסאָ אַ פּאָרט־שטאָט, מיט גאָר אַ גרויסן יחוס־בריוו פון יענע צייטן, ווען דער פּאַנאַמאַ קאַנאַל האָט נאָך נישט עקזיסטירט, אַ פּאָרשטאָט פון יענע צייטן, ווען זי איז געווען אַ מיוחסת פון די ימים און דער דאָזיקער כאַראַקטער אירער זעט זיך בולט אָן אויף איר גאַנצן וועזן, אויפן אויסערלעכן ווי אויף דעם עקאָנאָמישן און דאָס גיט איר צו אַ באַשטימטן עקזאָטישן חן.

***

און — ווי שטענדיק קאָן זיך אַ יידישער שרייבער נישט באַגנוגענען בלויז מיט דער „העלענישער" זייט פון דער מטבעה און ער זוכט אומעטום דאָס „פּינטעלע ייד". אונדזער גורל האָט אויך דאָ, אין וואַלפּאַראיסאָ, פאַרזייט אַ יידיש קערנדל. און דער באָדן, אַ זאַמדיקער, אַ פרעמדער, האָט ער דאָס קערנדל נישט געוואַרעמט. וואַקסט עס לאַנגזאַם. נישט שטאַרק געראָטן, אָבער דאָך אַ יידישע פלאַנץ.

דער יידישער קיבוץ פון וואַלפּאַראיסאָ באַשטייט פון אַזעלכע אַכציק יידישע פאַמיליעס. דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן פון דעם קיבוץ קאָנצענטרירט זיך אין דער „אוניאָן איזראַעליטאַ", אַ אינסטיטוציע, וועלכע איז

גענגרינדעט געוואָרן מיט אַ יאָר דרייסיק צוריק פון די ערשטע יידישע איינוווינער, צוליב די טיפיש־יידישע הצטרכותן, ווי קבר־ישראל, אַ מנין און טאַקע, ווייל יידן פילן שטענדיק די נויטווענדיקייט זיך צו טוליען איינער צום צווייטן. מיט צוואַנציק יאָר צוריק האָט די „אוניאָן איזראַעל־ליטאַ" פון וואַלפּאַראַיסאָ געקויפט אַן אייגענע געביידע, ווו עס איז אויסער דעם קלוב, דעם שילעכל און דעם בופעט אויך געווען אַ יידישע שול. יאָ, אין וואַלפּאַראַיסאָ איז געווען אַ יידישע שול, ווו אַ יידישער יונגערמאַן, אַ קולטור־מענטש, איז געווען לערער. די שול איז אָבער אונטערגעגאַנגען, דער לערער איז געוואָרן אַ סוחר און די יידן פון וואַלפּאַראַיסאָ האָבן יאָקאָס געלעבט יאָרנלאַנג אָן אַ סימן פון אַ יידישער שול... צו די געשעפטן האָט עס זיי נישט געשאַדט...

מיט דער צייט איז דער ישוב אויסגעוואַקסן מיט דעם צופלוס פון דייטשע יידן, וועלכע האָבן אויך אַריינגעבראַכט אַ געוויסן קולטור־אויפשוונג. די קולטור וואָס די דייטשן יידן קאָנסומירן האָט, פאַרשטייט זיך, אַ קנאַפּע שייכות מיט דער יידישער קולטור וועגן וועלכער מיר רעדן, אָבער — טומלען טומלט זיך אַביסל. יעדנפאַלס זענען אַ טייל פון די דייטשע יידן קאָנסומירער פון אַביסל לעבלעכער שבת־יידישקייט און זיי מאַכן אַלע שבת אַ מנין און טיילן זיך איין מיט די פעטסטע עליות — בחצי חינם...

יאָ. אַזוי מער ווייניקער זעט עס אויס מיט יידיש לעבן אין וואַלפּאַראַיסאָ, אָבער וואַלפּאַראַיסאָ איז אין דעם זין נישט קיין אויסנאַם אין טשילע. אין סאַנטיאַגאָ, ווו עס וווינט דער רוב מנין ורוב בנין פון דעם טשילענער יידנטום, איז דער גייסטיקער מצב פון דעם יידישן לעבן ווייט נישט אין הסכם מיט דעם רעש וואָס מען מאַכט אָן אַרום דער אַזוי גערופענער גלזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. דער ישוב, הגם מאַטעריעל גוטשטייענד, איז ער אָבער אָפּגעריסן פון דער ברייטער יידישער וועלט. דער צענטער, וועלכער איז, ווי איך האָב אויבן געזאָגט, אויך גייסטיק אָרעם, אינטערעסירט זיך מיט דער פּראָווינץ בלויז דאַן, ווען עס קומט אונטער אַ קאַמפּיין. עס טומלט זיך אַ פּאָר וואָכן, מען זאַמלט צונויף די פּאָר פּעזעס און ווידער פאַרבלייבט דער ישוב אין פאַרגעסנקייט. און

פאַליק לערנער

דאָס לעבן פּליסט זיך אַזוי געמיטלעך, אַזוי שטיל, אָן באַזונדערע שטערונגען אָדער ספּעציעלע זאָרגן. יידישע צרות קלינגען אָפּ פונדערווייטנס ווי אַ זאַך וואָס געהער זיך נישט אָן מיט דעם אייגענעם לעבן; אַ פרעמדלעך ווידער־קול פון עפּעס וואָס געהער זיך יאָ און נישט אָן מיט דער אייגענער טאָג־טעגלעכקייט. אוודאי איז מען יידן; ווער זאָגט זיך דען אָפּ פון יידישקייט? אָבער וואַלפּאַראַיסאָ איז דאָך אַזוי ווייט פון יענע ערטער ווו יידן קעמפן אין אַ וועלט, ווו אַ שטיקל ברויט און אַ העמד אויפן לייב איז אַ לעבנס־פּראָבלעם; און די נאַטור פון אַרום איז דאָך אַזוי באַצויבערנדיק און אַ שפּאַן פון דאַנען געפינט זיך דער קאַסינאָ פון ווינייאַ דעל מאַר, אַ וועלט פון ווילטאָג און פאַרגעניגן, און רעליגיעז איז מען נישט און קיין יידישע קולטור־טראַדיציע האָט מען אויך נישט, איז פון וואַנען־זשע זאָל זיך נעמען דער דראַנג? ווער זאָל אָנצינדן דאָס פלעמל און ווער זאָל זיך זאָרגן, אַז עס זאָל נישט פאַרלאָשן ווערן?

***

לעצטנס האָט די לאַגע זיך געביטן צום בעסערן אין דער יידישער וואַלפּאַראַיסאָ. מיט דער הילף פונעם ועד החינוך פון סאַנטיאַגאָ איז דאָרט געגרינדעט געוואָרן אַ יידישע שול און אַ געוויסער פּראָצענט יידישע קינדער באַקומען אַ יידישע דערציאונג. ווען איך האָב באַזוכט וואַלפּאַראַיסאָ, איז דאָרט נישט געווען קיין סימן פון קיין יידישער שול און די איינציקע „קולטור"־טעטיקייט איז געווען די פון די דייטשישע יידן.

און מאָדנע געדאַנקען־אַסאָסיאַציעס זענען דאַן ביי מיר פאָרגעקומען, ווען איך האָב געזען די גייסטיקע אָרעמקייט און אומבאַהאָלפנקייט פון דער יידישער וואַלפּאַראַיסאָ. עס האָט זיך מיר דערמאָנט די יידן אין די געטאָס, וועלכע האָבן אונטער די שווידערלעכסטע באַדינגונגען און אומשטענדן געטון אַלץ אַז דאָס פלעמל פון יידישער קולטור, פון יידישן וואָרט, פון יידישער דערציאונג זאָל נישט אויסגעלאָשן ווערן. מסתמא זענען די דאָזיקע געדאַנקען־אַסאָסיאַציעס נישט געווען קיין צופאַל; איז דאָך דאָס לעבן פון די וואַלפּאַראַיסער יידן פונקט דער היפוך פון דעם לעבן וואָס די יידן האָבן געלעבט אין די געטאָס. זיי לעבן דאָך אין אַן

אמתן גן עדן, זאָרגלאָז, קיין דאגות פּרנסה האָבן זיי נישט און פרייהייט האָבן זיי וויפל זיי ווילן, און אונטערנעמעריש זענען זיי אויך — איז פאַרוואָס אַזאַ אומבאַהאָלפנקייט ווען עס קומט צו יידישקייט, אין וואָס פאַראַ פאָרעם עס זאָל נישט זיין?

אָט אַזוי זעט אויס וואַלפּאַראיסאָ און אָט אַזוי זעט אויס דאָס יידישע לעבן אין דער שטאָט וואָס מען רופט די „פּערל פון פּאַסיפיק".

ווינאַ דעל מאַר, ביידע זייטן פון דער מטבעה

פון די פיר טויזנט צוויי הונדערט קילאָמעטער ים־ברעג וואָס טשילע פאַרמאָגט ביים פּאַציפישן אָקעאַן, האָט זי אויסגעקליבן ווינאַ דעל מאַר און זי געקרוינט אַלס די קעניגין פון אירע פּליאַזשעס.

פאַרמאָגט טשילע הונדערטער פּליאַזשעס, וועלכע שטייגן איבער אין באַקוועמלעכקייט און אין שיינקייט די באַד־ערטער פון ווינאַ דעל מאַר, אָבער — קיין איינע פון זיי איז נישט אַזוי פּאָפּולער און באַרימט ווי זי.

ווער עס האָט אַ חוש פאַר דער מוזיקאַלישקייט פון דער שפּאַנישער שפּראַך, וועט מוזן מודה זיין, אַז דער נאָמען ווינאַ דעל מאַר איז זייער אַ שיינער.

ווער אָבער עס באַזוכט ווינאַ דעל מאַר שטעלט פעסט, אַז ווי פיל־זאָגנדיק דער נאָמען זאָל נישט זיין, דערציילט ער גאָרנישט וועגן דער הערלעכער נאַטור־שיינקייט וואָס רינגלט אַרום דאָס באַרימטע טשילענער קוראָרט.

ווי אַ פּרעכטיקער בריליאַנט אין אַ גאָלדענער רינג, איז דאָס דאָזיקע קוראָרט איינגעפאַסט אין דער באַרגיקער לאַנדשאַפט, וועלכע ציט זיך אין זיג־זאַג ביים ברעג פונעם פּאַציפיק. ווינאַ דעל מאַר באַשטייט נישט פון איינער אָדער צוויי פּליאַזשעס, נאָר זי איז דער צענטער פון אַ גאַנצער רייע הערלעכע באָד־ערטער, וועלכע ציען זיך אויף אַ לענג פון אַזעלכע פינף און צוואַנציק קילאָמעטער פון ווינאַ ביז קאָנקאָן, וועלכע איז איינע פון די אַריסטאָקראַטישע פּליאַזשעס אין טשילע. דער וועג וואָס פירט פון ווינאַ ביז קאָנקאָן שלענגלט זיך ביים ברעג פון פּאַציפיק און שטעלט מיט זיך פאָר איינעם פון די טעכנישע וווּנדער אין דער דאָזיקער בראשית־דיקער פעלדזן לאַנדשאַפט. איצט גליטשן זיך דאָרט די אויטאָס ווי אי־

בערן טיש, אָבער ווען איר זעט די פעלזיקע ווענט פון די בערג, ווו מען פאַרט פאַרביי, די סקאַלעס, וועלכע מען האָט מיט דער הילף פון דינאַמיט אויפגעריסן און אַריינגעשליידערט אין ים, איז נישט שווער זיך פאָרצו־שטעלן וויפל מענטשלעכע מי און קרבנות עס האָט אָפּגעקאָסט דאָס צוגרייטן די דאָזיקע באַקוועמלעכקייט פאַר די טויזנטער טוריסטן וואָס קומען אַהער געניסן פון גאָטס שיינער וועלט.

שיין איז די באַרגיקע לאַנדשאַפט און ווילד־פּרעכטיק איז דער קאָ־לאָסאַלער פּאַציפיק, וועלכער פירט אייביק זיין דאָן־קיכאָטישן קאַמף מיטן פעלזיקן ברעג, אָבער ווי די איידלשטיינער איינגעפאַסט אין אַ קאָסטבאַרן שמוק, האָט מענטש דאָ און דאָרט צוגעטראָגן זיין חלק צו דער נאַטור־שיינקייט. אומעטום ווו עס פאַלט אייער בליק, סיי אין דער לענג פונעם ברעג און סיי צווישן די בערג גופא, זעט איר פּרעכטיקע ווילעס, פּאַלאַצן פון פאַרשידענעם סטיל און געשמאַק, וועלכע ליגן איינגעטונקען אין וועל־דער פון פאַרשידענעם געפלאַנץ און גרינס. באַזונדערס שיין זענען די שניי־ווייסע ווילעס, וועלכע געפינען זיך אין דער לענג פונעם וועג קיין קאָנקאָן און זעען באמת אויס ווי דימענטן איינגעקריצט אין לעבעדיקן פעלדז.

די דאָזיקע לוקסוס־רעזידענצן געהערן על פי רוב צו רייכע אויס־לענדער אָדער צו די קאַרפּן־קעפּ פון דער טשילענער פּלוטאָקראַטיע און גוטבאַזיצער, וועלכע באַנוצן זיי נישט מער ווי אין משך פון די דריי—פיר סעזאָן־הדשים פונעם זומער. די איבעריקע צייט פונעם יאָר זענען די דאָזיקע פּאַלאַצן געשלאָסן און עס וווינען דאָרט בלויז געציילטע דינערס און וועכטערס. די שטילקייט פון יענער געגנט, וואָס ווערט אין משך פון אַכט חדשים בלויז געשטערט פונעם פּאַציפיקס שטורמישן קאַמף מיט די פעלדזן, פאַרשווינדט מיטן אָנהויב פונעם זומער־סעזאָן.

וויניאַ דעל מאַר איז עפּעס מער ווי סתם אַ פּליאַזשע. וויניאַ דעל מאַר איז דאָס פּלאַץ, ווו עס קומט צום העכסטן אויסדרוק דער קאָנצעפּט פון עולם הזה'דיקייט, וועלכער איז אין טשילע כמעט פאַרוואַנדלט גע־וואָרן אין אַ לעבנס־פילאָזאָפיע. וויניאַ (ווי מען רופט עס פאַרקירצט אין טשילע), פאַרמאָגט טאַקע אויך אַלע מעלות און צויבערן פון אַ פּרעכ־טיקן אָפּרו־ און קוראָרט, אָבער איר הויפּט־אַטראַקציע באַשטייט נישט

דווקא אין דער רו אָדער געמיטלעכקייט וואָס עס קאָנען דאָרט געפינען די טויזנטער טוריסטן, וועלכע ציען אַהין פון אַלע עקן; די צוציאונגס־קראַפט פון דעם באַרימטן קוראָרט ליגט גראַדע אין יענע אַספּעקטן און מאָמענטן, וועלכע רופן אַרויס רעגונגען און נערוועזיטעט; וועלכע טרייבן אויף אילוזיעס און פאַנטאַזיעס וועגן צווייפלהאַפטע דערגרייכונגען, מיט אַלע טרויעריקע קאָנסעקווענצן, ווען פון די אַלע חלומות לאָזט זיך אויס אַ בוידעם.

פאַר טויזנטער מענטשן איז וויניאַ דעל מאַר יענץ פאַנטאַסטישע פייער פון דעם באַרימטן מייסעלע, צו וועלכן דער פאַרבלאָנדזשעטער אין אַ פינצטערער נאַכט ציט אָן אויפהער און קאָן עס קיינמאָל נישט דער־גרייכן; אַנדערע געפינען דאָרט דאָס אידעאַלע פּלאַץ אויסצולאָדן אויף אַ צעשטורעמטן אופן די ליידיקייט און די נודעניש, וועלכע פּרעסט זייערע אומדערשיטערלעך די נשמות; די זאַטע און איבערגעפּרעסענע פאָרן אַהין, בכדי צו אַנטלויפן פון דער פּוסטקייט וואָס רינגלט זיי אַרום ווי אַ פחדימ־דיקער תהום, אַ פּוסטקייט, וועלכע ווערט נאָך צוגעגעסענער, נאָך די אַנטוישונגען ביי דער רולעטע אָדער ביים באַקאַראַ־טיש. און דער פּשוטער בירגער, דער בירגער אָן אַ ראַנג, און אָן אַ באַשטימטן כאַראַקטער, „כאַפּט" זיך אויך אַראָפּ ווען נישט ווען קיין וויניאַ, אויף צו „פּרוון דאָס מזל", און קערט זיך פון דאָרט אום מיט צערונענע חלומות און אויסגעליידיקטע קעשענעס, אַלס „שכר" פאַר וועלן זיין „מיט לייטן גלייך"...

פון דעם אויבנאויסגערעכנטן, וועט דער לייענער פון זיך אַליין פאַר־שטיין, אַז וואָס וואָס, אָבער קיין געמיטלעכקייט איז אין וויניאַ דעל מאַר נישט בנמצא און נאָך ווייניקער — רו.

אַ פּלאַץ ווו דער גאָט מאַמאָן קיניגט אויף אַן אַבסאָלוטן און אומבאַ־גרענעצטן אופן קאָן נישט זיין געמיטלעך. וויניאַ דעל מאַר איז דאָס דאָזיקע פּלאַץ „פאַר עקסעלאַנס"; נישט די אַרומיקע באַצויבערנדע פּיי־זאַזשן, נישט די מאַיעסטעטישע בערג און נישט דער אומפאַרגלייכלעך ליטער־גרינלעכער פּאַציפיק, וועלכער וואַשט אייביק די הערלעכע פעלדזן־ברעגעס פון יענעם גאָט־געבענטשן ווינקל, זענען עס די צוציאונגס קראַפט פון די טויזנטער מענטשן, נאָר דער קאַסינאָ, אַ רעלאַטיוו־קליינע געביידע, געבויט אין אַ געשמאַקפולן, חנעוודיקן סטיל, איז די מאַגנע־

טישע קראַפט, וועלכע האָט וויניאַ דעל מאַר פאַרוואַנדלט אין אַזאַ אָרט, ווו עס ווערן אין געציילטע מינוטן באַשטימט די גורלות פון טויזנטער, פון צענדליקער טויזנטער מענטשן.

ווער עס האָט נישט באַזוכט דעם דאָזיקן טעמפל פון דעם גאָט מאַמאָן קאָן זיך בשום אופן נישט פאָרשטעלן וואָס עס הייסט וואַרפן געלט אויפן פייער. די מייסטערהאַפטע שילדערונגען פון סטעפאַן צווייג אין זיין נאָוועלע „פיר און צוואַנציק שעה אין דעם לעבן פון אַ פרוי" איז אפילו קיין שאָטן נישט פון דעם, וואָס מען זעט אין דעם דאָזיקן שפּיל־הויז, ווען פינף אָדער זעקס טויזנט מענטשן געפינען זיך אינגאַנצן באַהערשט פון אַ שטימונג, וועלכע גרענעצט זיך מיט שכרות אָדער פאַר־טויבונג, דורך אַ מעכטיקן נאַרקאָז.

איך האָב דאָס דאָזיקע הויז געזען אין פאַרשידענע שעהען פונעם טאָג; איך האָב דעם קאַסינאָ געזען אינדערפרי, בייטאָג און אינאָוונט. אינדער־פרי און אין מיטאָגצייט האָט מען דאָרט נישט באַמערקט קיין באַזונדערע זאַכן: אַ געביידע, ווי אַנדערע, שענערע אָדער מיאוסערע געביידעס, שטייט די קאַסינאָ אַ פאַרזונקענער אין אַ מאָדנער שטילקייט, אַרומגע־רינגלט פון וווּנדערבאַרע פלאַנצונגען און בלומען. די איינציקע מענטשן וועלכע מען זעט דאָרט אין די טאָג־שעהען, זענען די גערטנערס וועלכע באַשפּריצן די פלאַנצן און געציילטע געסט, וואָס געניסן פון דער פּרעכ־טיקער נאַטור־שיינקייט און פון דעם וווּנדערבאַרן קלימאַט. דער קאַסינאָ אַליין שטייט אין די דאָזיקע שעהען מיט געשלאָסענע טירן און די איינ־ציקע וואָס געפינען זיך דאָרט זענען די דינערשאַפט. קיין שום באַזונדערע שטריכן איז אין דער דאָזיקער צייט נישט צו באַמערקן, אויסער יענע, וועלכע זענען כאַראַקטעריסטיש פאַר יעדער קוראָרט.

דעם ריכטיקן טעמפּאָ באַקומט דער קאַסינאָ אין אָוונט. די באַוועג־גונג דאָרט הויבט זיך אָן אַרום פינף אַזייגער נאָכמיטיק און דערגרייכט דעם קלימאַקס אין די שפּעטע אָוונט און נאָך האַלבע נאַכט־שעהען, ווען דאָס שפּילן געפינט זיך אין פולן ברען און די שפּילער, אַרומגעכאַפּטע פון אַ קרענקלעכן עקסטאַז לויפן אום פון איין שפּיל־טיש צום צווייטן „אויספּרוּוון דאָס מזל".

אָנהייבן הויבט זיך עס אָן מיט טרינקען אַן „אָנסע" אין דעם לוקסיעזן בופעט פונעם קאַסינאָ. ביז אַרום זעקס אַזייגער, ווען עס ווערן געעפנט די טירן פון דעם שפּיל־ היכל „פּאַרוויילט" זיך דער עולם אַרום די בופעט־טישן און ביי די קלאַנגען פון אַן אויסגעצייכנטן אָרקעסטער. די געסט זענען אָבער אַזוי אומגעדולדיק און נערוועז, אַז נישט דאָס עסן און טרינקען קריכט זיי אין האַלדז אריין און נישט די מוזיק נעמט זיי. אַלע זענען באַהערשט פון איין געדאַנק: ווען וועט מען שוין עפענען די טירן פון דעם קאַסינאָ?!

און ווען עס קומט די דאָזיקע, וואָלט איך געזאָגט, פּאַטאַלע שעה, ווערט דער בופעט אויסגעליידיקט אין איין אויגנבליק. די קעלנערס שטעלן אויף גיך צו די רעכענונג און באַקומען וויפל נאָר זיי ווילן, ווייל — ווער עמען ליגט עס אין קאָפּ אַזעלכע קלייניקייטן ווי צען אָדער צוואַנציק פּעזעס, ווען עס דערנענטערט זיך דער מאָמענט פון די טויזנטער? איידער וואָס ווען, ווערט דער סאַלאָן אויסגעליידיקט און דער אָרקעסטער בלייבט נעבעך שפּילן פאַר די ליידיקע פיר ווענט. די קעלנערס און די וועלכע דאַנען דעם בופעט, בלייבן שטיין ווי די קרעמערס נאָך אַ צעפּאָרענעם יריד און רעכענען צונויף דעם פּדיון וואָס מען האָט אָנגעזאַמלט אין משך פון אַ שעה צייט. ווי אַ שטורעם וואָלט זיך געווען דורכגעטראָגן אין דעם דאָזיקן „פּרוזדור" פון מאַמאָנס אַזאַרט־היכל.

און אינדעראמתן האָט זיך אַזאַ אומבאַמערקטער שטורעם דורכגעטראָגן אין משך פון דער דאָזיקער צייט: די אַלע פּאַרפּוצטע הערן און דאַמען, וועלכע איר האָט דאָרט געזען זיצן אַרום די טישלעך אָדער אין די ווייכע פּאָטעלן, אויסערלעך רואיק און לפנים נישט אויפגערעגט, האָבן אין די דאָזיקע מאָמענטן דורכגעמאַכט דעם שטורעם פון קרענקלעכן אומגעדולד און דערוואַרטונג, וועלכע צעפּרעסן אויף אַן אומדערשיטערלעכן אופן זייערע געמיטער. ווען די דאָזיקע מענטשן קומען שוין ענדלעך אַריין אין די סאַלאָנען, ווו עס געפינען זיך די רולעטעס, און באַקאַראַ־טישן, איז זייער אומגעדולד שוין טיילווייז באַפרידיקט, אָבער זיי ווערן אַרומגעכאַפּט פון אַ נייעם פּראָצעס פון אומגעדולד און צווייפל. עס הויבט זיך אָן די אייגנטלעכע פּראָצעדור פון שפּילן מיט אַלע אירע אַלטערנאַטיוועס פון פּסיכישן צוזאַמענברוך און גייסטיקער אויפטרייסלונג. אָפּגע־

שוואַכטע שוין פון אומגעדולדיקער דערוואַרטונג, מוזן די שפּילער ערשט איצט מאָביליזירן דעם גאַנצן רעזערוו פון זייער גייסטיקער ענערגיע, בכדי צו קאָנען רעאַגירן קעגן די בליץ־עמאָציעס וואָס דער פּראַצעס פונעם שפּיל מיט זיינע גלגולים רופן אַרויס, ווי מיט אַן עלעקטריזירנדער קראַפט.

פאַרן זייטיקן, אָביעקטיוון באַאָבאַכטער, וועלכער נעמט נישט קיין שום אָנטייל אין דער דאָזיקער שפּיל־וואַקכאַנאַליע, דערשיינט דער קאַ־סינאָ אין דעם דאָזיקן מאָמענט ווי אַ וווּנדערבאַר־רעאַליסטישע מאַסן־סצענע, פון די וועלכע מען זעט אין די בעסערע בילדער פון האָליוווּד. געשטויסענע פון אַ אינערלעכער דעמאָנישער קראַפט באַוועגן זיך דאָ, סיי די וואָס שפּילן און סיי די וועלכע באַדינען די שפּיל־טישן, מיט אַ מערקווירדיקער ריטמישער באַוועגונג, ווי אונטער דער כשוף־דיריזשור פון אַ צענטראַלער מאַכט. אַלץ דאָ איז קאָנצענטרירטקייט און אויסגערעכנט־קייט ביז צום מאַקסימום: אַלץ איז אָבסערוואַציע אין דער פּערפעקסטער פאָרעם. די פאַרשטעלונגס־קראַפט, די געהער־ און קוק־חושים פונעם שפּי־לער מוזן דאָ אַרבעטן אָן אויפהער און פולקאָם, ווייל די וועלכע באַדינען די שפּיל־טישן — די „קרופּיעס" — זענען וו י ר ט ו אָ ז ן אין זייער פאַך. מיט אַ באַזונדערער אויפמערקזאַמקייט האָב איך זיך צוגע־קוקט צו די באַוועגונגען פון די דאָזיקע אָנגעשטעלטע פונעם גאָט מאַמאָן און בין געקומען צום שלוס, אַז זייערע פינגער אַרבעטן נישט ערגער ווי ביים בעסטן פידל שפּילער. די געשיקטקייט זייערע ביים קלאַסיפיצירן די „פּיטשעס" אָדער ביים אַרויסלייגן און צונויפזאַמלען די קאָרטן, איז ממש אַ פאַנטאַסטישע און מיט דער דאָזיקער פאַנטאַסטישער געשולטקייט מוז קאָנקורירן יעטווידער שפּילער וואָס שטעלט זיך אַוועק ביי דער רו־לעטע אָדער וואָס זעצט זיך אַוועק ביים גרין־באַטוכטן טיש, ווו מען שפּילט אין באַקאַראַ.

יעדער איינער וואָס שפּילט אין קאַסינאָ, וועט אייך וויסן צו דער־ציילן, אַז אין פינף און ניינציק פאַלן פון הונדערט האָט ער פאַרשפּילט; אַנדערע האָבן אַזאַ מזל אויך נישט; אָדער זיי פאַרשפּילן אַלע הונדערט פּראָצענט, אָדער זיי מוזן זיך צופרידנשטעלן מיט איינס פּראָצענט גע־ווינס, מישטיינס געזאָגט.

אוודאי קומט דאָ על פּי רוב אין באַטראַכט דער פאַקטאָר פון מזל, הצלחה. האָט איינער געוואונען — האָט ער נאַטירלעך, „געהאַט מזל"; האָט ער פאַרשפּילט, איז דאָך דאָס אַ „סימן מובהק", אַז ער האָט נישט קיין הצלחה, קיין מזל.

קיינעם כמעט פון די טויזנטער מענטשן פאַלט נישט איין אַ טראַכט צו טאָן, אַז וויפל דער צופאַל (אָדער רופט עס אָן מזל) זאָל נישט שפּילן קיין ראָלע ביים שפּילן, איז דאָ אויך פאַראַן אַ גאַנץ סאָלידע־לאָגישע סיבה פאַרוואָס פינף און ניינציק פּראָצענט פאַרשפּילן און בלויז פינף פּראָצענט געווינען: דער שכל איז דאָ אַ גאַנץ פּשוטער: אין דער איבערוועגנדער־גרעסטער מערהייט פון די פאַלן פאַרמעסטן זיך דאָ אומדערפאַרענע דילעטאַנטן מיט הויך־אויסגעשולטע און פּערפעקציאָנירטע פּראָפעסיאָנאַלן. די גרעסטע מערהייט פון דער מאַסע שפּילער, וואָס פילן אָן דעם קאַסינאָ, און באַזעצן די רולעטעס און באַקאַראַ־טישן ווי די פליגן, זענען אומדערפאַרענע מענטשן, וועלכע זענען נאָך דערצו פולשטענדיק באַטויבט פון אַ נעפּלהאַפטן אַזאַרט־געפיל און זיי האַנדלען גיכער לויט אַ סטיכישן אימפּולס איידער לויט אַ לאָגישן פּלאַן; זייערע ריוואַלן דאַקעגן באַשטייען — ווי איך האָב אויבן געזאָגט — פון הויכגעשולטע ווירטואָזן אין דער מאַטעריע, עקספּערטן, וועלכע מאַכן נישט קיין שום באַוועגונג, אַז זי זאָל נישט האָבן אונטער זיך קיין לאָגישע אויסרעכענונג, אויף וויפל עס איז מעגלעך אָנצווווענדן לאָגיק ביים שפּילן.

דאָס זענען אָבער קאָנקלוזיעס, צו וועלכע עס קאָן קומען בלויז דער ניכטערער באַאָבאַכטער, וועלכער ווערט נישט אַריינגעצויגן אין דעם דאָזיקן כשוף־ראָד, וואָס פאַרנעפּלט די קלאָרסטע מוחות, אויב זיי זענען באַהערשט פון דער אַזאַרט־מאַניע. אין די טעמפּלען פון דעם גאָט מאַמאָן ווערט נישט אָנערקענט קיין שום קאָנצעסיע פון לאָגיק פאַר יענע, וועלכע קומען אַהין אויסלאָדן דעם באַלאַסט פון זייערע צו פולע קעשענעס אָדער דאָס וואָס נאָגט זייער געמיט. און וואָס פאַראַ לאָגיק קאָנען שוין מיטיינס געזאָגט אָנווענדן די טויזנטער אַזאַרט־קרבנות, די אַזוי גערופענע „מיטלמעסיקייטן", וועלכע האַנדלען דורכאויס קעגן זייערע אייגענע אינטערעסן? זיי ווערן מיטגעשלעפּט ווי די שפּענדלעך פון דעם דאָזיקן גע־

פערלעכן שטראָם, ווו בלויז די משרתים פונעם גאָט מאַמאָן קאָנען רודערן און וויסן וווהין די שיף שווימט?...

**
*

ווייניק, זייער ווייניק פון די וואָס פאָרן קיין ווינייאַ דעל מאַר ווייסן, אָדער ווילן וויסן, אַז דאָס דאָזיקע קוראָרט פאַרמאָגט אַ צווייטע זייט פון דער מטבעה. פאַר דער גרעסטער מערהייט איז ווינייאַ בלויז דער סינאָנים פון פאַרשווענדערישקייט, פון לוקסוס, פון לאָזן זיך וווילגיין און לעבן אַ גוטן טאָג; פאַר אַנדערע איז ווינייאַ דעל מאַר אַ מאָנטע קאַרלאָ אָדער אַ ניצאַ אין מיניאַטור, ווו נישט נאָר עס ווערט געגעבן דער טאָן פון דער לעצטער ווייבערשער מאָדע, נאָר ווו עס געפינט זיך אויך דער צענטער פונעם טשילענער פּאָליטישן און דיפּלאָמאַטישן וועזן און ווו עס ווערן געפלאָכטן און געוועבט יענע קאָמבינאַציעס, וועלכע הויבן זיך אָן מיט אַ פערזענלעכן ראָמאַנס און פאַרענדיקן זיך מיט אַ גראַוויטאַציע אויפן אַלגעמיינעם געביט. מענטשן, וועלכע קוויקן זיך מיט אויסטערלישע סענסאַציעס, וועלן קיינמאָל נישט פאַרפעלן צו דערציילן אייך וועגן גאַנצע דראַמעס און טראַגעדיעס וואָס שפּילן זיך אָפּ אין ווינייאַ דעל מאַר; וועגן לינקע ליבעס און וועגן זעלבסטמאָרדן, וואָס פיל באַגייען נאָכדעם וואָס זיי פאַרשפּילן ביזן לעצטן העמד אין דעם קאַסינאָ.

קיינער, אָדער כמעט קיינער, געפינט נישט פאַר נויטיק צו דערציילן אייך, אַז ווינייאַ דעל מאַר איז, אויסער אַן אָרט פון וווילטאָג, לוקסוס און ליבעס אינטריגעס, אויך אַ שטאָט פון אַרבעט: אַ שטאָט וואָס פאַרמאָגט אַ גרויסע אַרבעטער־באַפעלקערונג, מיט אַלע אירע פּראָבלעמען און אַספעקטן; אַ שטאָט ווו די אָרעמקייט און דאָס דחקות שפּאַצירן אום אין די גאַסן, נישט ווייניקער ווי דאָס רייכטום און דער וווילטאָג.

אין ווינייאַ דעל מאַר געפינט זיך אַ גרויסער טייל פון דער טשילענער שווער־אינדוסטריע און פאָלגלעך — אַ גרויסע פּראָלעטאַרישע באַפעלקערונג, וועלכע האָט הינטער זיך אַ שטיק דראַמאַטישע געשיכטע.

ווינייאַ דעל מאַר, ווי דער גרעסטער טייל פון די היינט־אויפגעקומענע און באַרימטע דרום־אַמעריקאַנישע קורערטער, איז ביז נישט לאַנג

געווען אַ געוויינלעכע אַרבעטער־שטאָט. ערשט מיט אַ דריי צענדליק יאָר צוריק איז דאָס שטעטל געווען באַוווינט על פּי רוב פון אַרבעטער, וועלכע זענען געווען באַשעפטיקט אין די פאַבריקן און אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, וואָס געפינען זיך דאָרטן לרוב. דאָ, ווו עס געפינען זיך היינט די רחבותדיקע און פּרעכטיקע באַפלאַנצטע אַוועניִדאַס, אַלייען און סקווערן, מיט זייערע גרויסאַרטיקע פּריוואַט־ווילעס, האָטעלן און פּענסיאָנען, זענען אַמאָל געשטאַנען די אָרעמע, ליימענע הייזקעס פון די אַרבעטער און פישערס, וועלכע זענען געווען אַלטע תושבים פונעם אָרט.

און פּאַסירט האָט ווי עס דערציילט זיך אין דעם מייסעלע... אין אַ שיינעם טאָג האָט דער רייכער ברודער געזאָגט צום אָרעמען: צו וואָס דאַרפסטו דעם בריליאַנט וואָס דער טאַטע האָט דיר געלאָזט בירושה?... נאַדיר געלט וויפל דו ווילסט און גיב אים מיר אַוועק!

עפּעס ענלעכס האָט פּאַסירט מיט דער אָרעמער אַרבעטער־באַפעלקערונג פון וויניאַ דעל מאַר. ווי נאָר עס איז קלאָר געוואָרן, אַז דאָס שטעטל איז אַ קוראָרט מיט אַ גרויסער צוקונפט, האָט זיך אָנגעהויבן דאָס געיעג פון באַזייטיקן די אַרבעטער־באַפעלקערונג פון דעם טייל שטאָט, ווו עס האָט געזאָלט געבוירן ווערן דאָס היינטיקע עלעגאַנטע קוראָרט. לכתחילה, איז די עוואַקואַציע פאָרגעקומען אין קליינעם מאַסשטאַב און ווען דער באָדן האָט באַקומען אַ הויכן פּרייז, איז די אַרבעטער־באַפעלקערונג עוואַקואירט געוואָרן מאַסנווייז און היינט צו טאָג געפינט זי זיך קאָנצענטרירט אין באַשטימטע „באַריאָס" און אויף די בערג, ווייט פון דעם פּלאַץ ווו זיי האָבן אַמאָל געוווינט און ווו דער גאָט מאַמאָן האָט צעשטעלט זיינע געצעלטן.

וויניאַ דעל מאַר האָט אַלזאָ צוויי זייטן פון דער מטבעה. נישט מער וואָס די מערהייט פון די, וועלכע פאָרן אַהין פאַרברענגען אָדער גאָר שפּילן, האָבן קיין חשק און קיין צייט נישט צו טראַכטן וועגן דעם צווייטן אַספּעקט פון דעם דאָזיקן באַרימטן שטעטל. דער רייכער טייל זעט זיך נאַטירלעך מער אָן, ווייל — ווי אומעטום טיילט ער זיך אויס מיט זיין גלאַנץ, פאַרנעם און אויך — אַראָגאַנץ. דאַקעגן די אָרעמקייט פון וויניאַ, זי ליגט ווייט פונעם צענטער און מען שענקט איר זייער ווייניק אויפמערק־

זאַמקייט: עס איז די אייביקע געשיכטע פון דעם אָרעמען קרוב, וועלכער זעט זיך קוים אָן אויף דער רייכער חתונה...

עס געפינען זיך פאַרשטייט זיך אַזעלכע, וואָס זיי אינטערעסירט דווקא צו זען די צווייטע זייט פון דער מטבעה; איך בין געווען איינער פון די, וואָס האָבן אינטערעס צו כאַפּן אַ קוק וואָס עס טוט זיך הינטער דעם פּאַראַדנע. איך האָב באַזוכט און אָנגעקוקט דעם באַרימטן אָ׳היגינס־האָטעל פון ווויניאַ, ווו עס איז קיין שיעור נישטאָ צום לוקסוס און עלעגאַנץ; איך האָב אָבער אויך באַזוכט דעם בנין, ווו עס איז פאַראַן אַ פאָלקס־קיך, ווו די אָרעמקייט פון ווויניאַ עסט אַ מאָלצייט פאַר אַ ביליקן פּרייז. איך האָב אָנגעקוקט און באַוווּנדערט די גרויסאַרטיקע ווויליעס און פּאַלאַצן, וועלכע קוקן אויף אייך פון די פעלדזן אַראָפּ; איך האָב אָבער אויך באַזוכט אייניקע אַרבעטער־וווינונגען, פון די אַזוי גערופענע בעסערע, און האָב מיט די אייגענע אויגן געקאָנט פעסטשטעלן, אַז נישט אַלץ אין ווויניאַ דעל מאַר באַשטייט פון רייכטום, זאָרגלאָזיקייט און פאַרשווענדערישקייט; אַז נישט אַלץ פון דעם דאָזיקן באַרימטן שטעטל באַשטייט פון „צייטווייליקן" אַראָפּכאַפּן זיך אויף אויסצולאָדן די ליידנשאַפטן און מאַניעס, וועלכע זאַמלען זיך אָן אין די געמיטער פון די זאַטע און איבערגעפרעסענע און אַז אַביסל ווייטער פון די רייך־באַפּלאַנצטע אַלייען, געפינען זיך שטייניקע גאַסן פון אַרבעטער־געגנטן, ווו מאַסן אומבאַמיטלטע און אָרעמע מענטשן שטיקן זיך מיט זייערע טאָג־טעגלעכע פּראָבלעמען אין די גראָע, האַמעטנע וווינונגען, וואָס די אינדוסטריע־מאַגנאַטן האָבן פאַר זיי אויסגעבויט; און דאָס איז שוין דער בעסערער, אַזוי גערופענער באַקוועמער טייל פון די אַרבעטער־געגנטן פון ווויניאַ דעל מאַר. אַביסל העכער, אויף די בערג, לעבט און מוטשעט זיך אַ גרויסער טייל פון דער אַרבעטער־באַפעלקערונג אין דעם כאַאָס פון צעקרימטע, פלאַנלאָזע געסלעך, ווו שמוץ און אומריינקייט באַלעבאַטעווען אומבאַגרענעצט.

און ווען די נאַכט לאָזט זיך אַראָפּ איבער ווויניאַ דעל מאַר, צעבלישטשעט זיך דער רייכער טייל פונעם שטעטל מיט טויזנטער פייערן, וועלכע וווּנקען שעלמיש און דערציילן וועגן דער פּראַכט און מאַכט פון דעם טשילענער מאָנטע קאַרלאָ. דאָ ווו עס קעניגט מאַמאָן, איז באַוועגלעך, דינאַמיש און צוזאָגנדיק: אפילו די שטערן אויף דעם דורכזיכטיקן תכלית־

פאַליק לערנער

דיקן הימל זעען אוים ווי ספּעציעל אויסגעשליפטע און איינגעפאסטע אין דער אלגעמיינער פּאנאָראמע, וועלכע האָט ווייניק צוגלייכן צו זיך.

און אביסל ווייטער, אין די געגנטן, וווּ עס וווינען די ארבעטער, לאָזט זיך די נאכט אראָפּ אָן שום צערעמאָניעס, אַ פינצטערע, אָן שום רייץ און צוזאָגענישן, ווייל די וואָס וווינען דאָרטן ווייסן גענוי, אז אויף צומאָרגנס דערווארט זיי ווידער אַ טאָג פון ארבעט...

דרום-טשילע — אַ ווייטער גן-עדן

פיל פון די, וואָס באַזוכן טשילע, באַגייען דעם גרויסן טעות צו דענ־קען, אַז מיטן אָנקוקן די הויפּטשטאָט סאַנטיאַגאָ אָדער די צווייטע שטאָט פונעם לאַנד, וואַלפּאַראַיסאָ, האָבן זיי זיך באַקאַנט מיטן לאַנד. אויב עס איז אפילו אמת, אַז די דאָזיקע צוויי שטעט שפּילן די גרעסטע ראָלע אין דעם פּאָליטישן און אינטעלעקטועלן לעבן, און זענען בלי ספק די צענטערן פונעם קאָמערציעלן ווען פונעם לאַנד, זענען אָבער אין טשילע פאַראַן געגנטן, וואָס שפּילן אַ גרעסערע ראָלע און האָבן אַ גרעסערע גראַוויטאַציע אויפן לעבן פונעם לאַנד, ווי די דערמאָנטע צוויי שטעט. די דאָזיקע געגנטן זענען דער טשילענער צפון, וווּ עס געפינען זיך די באַרימטע געביטן פון סאַליטרע און אַנדערע מינעראַלן, וואָס זענען די באַזע פון דער טשילענער עקאָנאָמיק, און דער טשילענער דרום, וועלכער איז אין אַ געוויסן זין דער שפּייכלער פונעם לאַנד. וועגן אָט דער ווייטסטער געגנט פונעם אַמע־ריקאַנער קאָנטינענט, וויל איך דאָ עפּעס דערציילן.

ווי מאָדנע עס זאָל נישט קלינגען פאַר אַן אויסלענדער, פאַרמאָגט טשילע נישט קיין מערב און מזרח, נאָר בלויז אַ צפון און אַ דרום... ס׳הייסט, דאָס לאַנד פאַרמאָגט יאָ אַ מזרח און אַ מערב זייט, אָבער די געאָגראַפישע און טאָפּאָגראַפישע סיטואַציע פון דעם לאַנד איז אַזאַ, אַז מען רעכנט זיך פאַקטיש נישט מיט די דאָזיקע צוויי פּאָליוסן.

ווער עס האָט עטוואָס אַן אָנונג אין געאָגראַפיע, וועט דאָס לייכט פאַרשטיין, אפילו ווען ער איז נישט באַקאַנט מיט דער פּראָדוקציע־איינשטעלונג פון טשילע און מיט אירע עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן. דאָס לאַנד איז לאַנג און שמאָל, אַז עס פאַרמאָגט בלויז איין צענטראַלע באַן־ליניע פונעם צענטער (סאַנטיאַגאָ) צו דרום און צפון מיט די געהעריקע אָפּצווייגונגען (ראַמאַלן) צו די ישובים אָדער וויכטיקע עקאָנאָמישע און

טוריסטישע פונקטן, וועלכע געפינען זיך אין די זייטן, צום ים און צו די קאָרדיליערן.

די דרום־זאָנע פון טשילע איז געבענטשט מיט אן אויסערגעווייג־לעכער נאַטור־שיינקייט, וועלכע אונטערשיידט זיך פון די נאַטור־שיינקייטן פון אנדערע געגנטן אין טשילע דערמיט, וואָס זי שטראַלט ממש פון זיך אויס א שפעדיקע פרוכטבאַרקייט. אַרויספאָרנדיק פון סאַנטיאַגאָ און אָפּפאָרנדיק איבער 1.100 קילאָמעטער ביז פוערטאָ מאָנט, איז זעלטן וואו צו זען א שטיקל פלאַץ, וואָס זאָל נישט זיין באַוואַקסן מיט א וואונדער־באַרע פלאָרא, וועלכע הויבט זיך אָן מיט די הויכע, שלאַנקע אַלאַמאָס, וועלכע כאַראַקטעריזירן די ישובים אין דער צענטראַלער אנדן־געגנט און סאַוסעס אָדער „סאורעס זשאַראַנעס", ווי מען רופט זיי אין טשילע, אַרום די צענדליקער טייכן, וועלכע ציען זיך פון די אנדן בערג צום פאַציפישן אָקעאַן און וועלכע באַוואַשן פאַקטיש די גאַנצע דרום־זאָנע פון טשילע, ביז צו די אורוועלדער וועלכע מען טרעפט אָן מער צו דרום־צו, וועלדער וועלכע מען האָט נאָך פאַקטיש נישט אָנגערירט און זיי וואַרטן (און ווער ווייסט ביז ווען) אויף א תיקון.

אינדוסטריעל צייכנט זיך דער טשילענער דרום אויס מיט די אומ־צאָליקע זעג־מילן, טאַרטאַקן, וועלכע שפּייזן זיך מיט דעם רוי־מאַטעריאַל פון די אַרומיקע וועלדער. איר טרעפט דאָרט אָן לאַנגערן פון געהילץ, וועלכע ציען זיך אַוועק אויף גאַנצע קילאָמעטערס די לענג, אָבער וואָס פאַר א באַדייטונג האָבן זיי אין דער אומגעהויערער געגנט פון בראשיתדיקע אורוועלדער, וועלכע זעען זיך אָן אויף הונדערטער קילאָמעטער אויף די רוקנס פון די בערג. ווהין איר זאָלט נישט וואַרפן אייער בליק, קוקט אויף אייך אורוואַלד, וועלכער איז ערטערווייז אזוי געדיכט, אז ער זעט פון ווייטנס אויס ווי אן אויסגעגאָסענע מויער פון טונקל־גרינעם קאָליר. קוקנדיק אויף די דאָזיקע וועלדער, מוז מען קומען צום אויספיר, אז אין דרום־טשילע האָט מען זיך ערשט קוים צוגערירט צו די נאַטירלעכע רייכטימער, וועלכע וואַרטן אויף מענטשלעכער אַרבעט, אויף מענטשלעכער איניציאַטיווע. דאָס וואָס מען האָט ביז איצט דאָרט אויפגעטון (און נישט ווייניק) איז ווי א טראָפּן אין דעם ים קעגן די מעגלעכקייטן, וואָס עס זענען דאָרט פאַראַן אויבנאויף, שוין נישט צו רעדן פון די מינעראַלן,

וועלכע דרעמלען אין דעם אינגעווייד פון דער וווּלקאַנישער טשילענער ערד.

אויב עס איז געשיכטלעך אמת, אַז די מענטשלעכע ישובים האָבן זיך אַממערסטן קאָנצענטרירט אין יענע געגנטן, וווּ עס איז פֿאַראַן גענוג וואַסער, איז דער טשילענער דרום די אידעאַלסטע געגנט פֿאַר אַ מאַסן־באַפֿעלקערונג. נישטאָ, דאַכט זיך, קיין איין ווינקעלע אין דער דאָזיקער זאָנע, וואָס זאָל נישט גענוואַשן ווערן פֿון אַ גרעסערן אָדער קלענערן טייך, אַ טײַכל אָדער גלאַט אַ ריטשקעלע, וואָס ריזלט פֿון ערגעץ אין די אַנדן־בערג אויף אַרײַנצופֿאַלן אין אַ טײַך און צוזאַמען מיט אים אין ים אַרײַן. אויסער דעם וואָס די דאָזיקע טײַכן באַוואַסערן און באַפֿרוכפּערן די גאַנצע זאָנע, זענען זיי אַן אויסערגעוויינלעכער רעזערוו אין פּאָטענץ פֿאַר הידראָ־עלעקטרישער קראַפֿט, מיט וועלכער מען וואָלט געקאָנט אינדוסטריאַליזירן די זאָנע אויף שפּאָט ביליקע באַדינגונגען.

***

אין סאַנטיאַגאָ נעמט איר אַכט אַזייגער אין אָוונט דעם „נאָקטורנאָ", וועלכער וועט אײַך צומאָרגנס עלף אַזייגער אינדערפֿרי ברענגען קיין קאָנסעפּסיאָן. די באַן רירט אין וועג אַרײַן, ווען אויפֿן ווײַטן האָריזאָנט, צו מערב־צו, לעשן זיך אויס די לעצטע פֿײַערן, וואָס די פֿאַרגייענדיקע זון האָט צעצונדן, איידער זי האָט אַראָפּגענידערט אין די וואַסערן פֿון פּאַסיפֿיק... עס איז מאָנאַט פֿעברואַר, סאַמע זומערדיקער הויכסעזאָן, אָבער די טשילענער נאַכט קומט אַראָפּ פֿון די אַנדן־בערג אַ קילע, כמעט אַ קאַלטע, און דערמאָנט אײַך, אַז אין טשילע זאָלט איר זיך קיינמאָל נישט לאָזן אין וועג אַרײַן אָן אַ וואַרעמען מאַנטל, מעג דאָס אַפֿילו זײַן אום זומער.

די פּאַסאַזשירן, אומבאַקאַנטע צווישן זיך, קוקן זיך איבער פֿאָרשעריש, ווילן דערגיין ווער דער שכן איז. מען פּאַרוואַרפֿט אַ וואָרט, ווי דער שטייגער איז, וועגן וועטער און באַלד איז איינער באַקאַנט מיט דער קורצער ביאָגראַפֿיע פֿון זײַן מיטפֿאָרער און אויך טיילווײַז מיט די צילן פֿון זײַן רײַזע. דער גרעסטער טייל באַשטייט פֿון טוריסטן, אָנגעשטעלטע, וועלכע נוצן אויס זייערע זומער־וואַקאַציעס אויף צו באַזוכן דעם הערלעכן

טשילענער דרום, און עס איז נישט קיין געפּאַר צו דערציילן וועגן וואָס מען פֿאַרט. סוף־כּל־סוף וועט מען זיך שפּעטער מיט אַ פּאָר טעג באַ־געגענען ערגעץ אין וואַלדיוויאַ, אָסאָרנאָ אָדער פּוערטאָ מאָנט, אָדער גאָר אויף אַ שיפֿל, וואָס פֿירט אייך איבער דער גרויסער אָזערע ליאַנקיהועָ, צו־פֿוסנס פֿון דעם ווולקאַן אָסאָרנאָ אָדער אין די קאַנאַלן פֿון די אינדזלען, וואָס הויבן זיך אָן נאָך פּוערטאָ מאָנט.

דער צוג איז אַ נאַכט־צוג מיט אַ סך שלאָף־וואַגאָנעס. כאָטש איך האָב אַ בעט, וואָלט איך גערן געזעסן ביים פֿענצטער און געקוקט אין דער פּרעכטיקער טשילענער נאַכט אַריין. דער הימל איז לויטער און טונקל־בלוי און איז באַזייט מיט בריליאַנטן. פֿון צווישן די מיליאָסן שטערן שיינט אַרום דער „איינזאַמער שטערן", אַ מערקווירדיק גרויסער, וועל־כער איז געוואָרן דער סימבאָל פֿון דער טשילענער פֿאָן... אַ בענקעניש הויבט אָן נאָגן; די לאַנדשאַפֿט פֿון דרום־טשילע איז זייער ענלעך אויף דער בעסאַראַביער.

איך וואָלט גערן געזעסן און געחלומט, אָבער... די ווירקלעכקייט דערלויבט נישט. נאָך אַ פּאָר שעה פֿאָרן ווערט דער גאַנצער וואַגאָן פֿאַר־וואַנדלט אין איין גרויסן שלאָפֿצימער און אויך איך מוז אַרויפֿקריכן אויף דעם אויבערשטן בעטל, וואָס דער גורל האָט מיר צוגעגרייט... אינצווישן דעם מאָנאָטאָנעם קלאַפּן פֿון דער באַן איבער די רעלסן, שפּילן צענדלי־קער מענטשן אויס זייער שנאָרך־סימפֿאָניע. די איינציקע, וואָס זענען געבליבן אויף דער וואַך זענען די מאַשיניסטן, די עטלעכע נאַכט־וועכטער און די פּאַסאַזשירן, וואָס פֿאָרן אין דריטן קלאַס, ווייל — עס איז קיין פּערטער נישטאָ...

***

גאַנץ פֿרי כאַפּ איך זיך אויף, פֿאַרהויב דאָס פֿוירהענגל און איך גע־פֿין זיך צווישן אַן אומבאַשרייבלעך הערלעכער לאַנדשאַפֿט. די באַן איז אַרויס פֿון דער אַזוי גערופֿענער צענטראַלער זאָנע און שלענגלט זיך איצט ביים ברעג פֿון אַ טייך. דער ערשטער געדאַנק, וואָס פֿאַלט מיר איין איז, אַז איך זע דעם דניעסטער, אַ טייך, וואָס זינגט צו מיר אַרויס אין די זכרונות פֿון מיין קינדהייט. מיר פֿאָרן איצט אויפֿן ברעג פֿונעם ביאָ־ביאָ,

אַ באַרימטער טייך אין דרום טשילע, וואָס קומט אַרויס פון די אַנדן־בערג און פאַלט אַריין אין פּאַסיפישן אָקעאַן נישט ווייט פון קאָנסעפּסיאָן. טעכניש גערעדט איז גאַנץ נאַטירלעך, אַז די באַן־ליניע זאָל זיך ציען מיטן ברעג פונעם טייך (כאָטש מען לייגט אָן אַ סך וועג), ווייל דאָ איז דער באָדן פלאַך... מיר אָבער פאַלט איין, אַז דאָס האָט דער רבונו של עולם צוגעגרייט דעם ביאָ־ביאָ דאָ, אויף דעם דאָזיקן פּלאַץ, ווייל ער האָט געוווסט, שוין משׁשת ימי בראשית, אַז מען וועט לייגן די באַן ליניע און פּאַרוואָס זאָלן זיינע באַשעפעניש נישט הנאה האָבן פון דער שיינער פּאַנאָראַמע... ס׳אַנדערע, ווו דען זאָל ער געוועזן אַהינטון דעם ביאָ־ביאָ?

די נאַטור שיינקייט אימפּאָנירט דאָ אויף שריט און טריט. אויף מיר אָבער מאַכט עס אַ באַזונדערן איינדרוק. אַלץ דערמאָנט מיר דאָ אין בעסאַראַביע און אין יענעם ווינקל פון דער אַלטער היים, ווו איך האָב פאַרבראַכט די קינדהייט און פריע יוגנט. די געגנט איז דאָ אַ באַרגיקע, אָבער איר זעט שוין דאָ נישט די ריזיקע, פעלזיקע גיגאַנטן פון די אַנדן־בערג, וואָס איר זעט אין דער צענטראַלער זאָנע. די אומגעגנט מאַכט אַן אויסגעצייכנטן איינדרוק און גלעט אייער געמיט. אָט שיפן זיך פויערים אויף אַ פּאַראָם איבערן טייך, צוזאַמען מיט זייערע פורן, וועלכע באַשטייען דאָ אָן אויסנאַם פון אַ פּאָר אָקסן, איינגעשפּאַנט אין אַן אַלטמאָדישן צווייראָדלדיקן וואָגן פונקט ווי אין די קאָלאָניאַלע צייטן. פון ווייטנס שטייט אַ מענטש אויף אַ טראַטווע און קירעוועט זי מיט זיין רודער. ער איילט זיך נישט, דער שטראָם פונעם טייך וועט אים שוין ברענגען אַהין וווהין מען דאַרף.

אויף צענדליקער און הונדערטער קילאָמעטער פאָרט מען אין אַ פּרוכטבאַרער געגנט. ביים ברעג פונעם ביאָ־ביאָ, אויף די פלאַכע לענדערייען, פאָרט מען פאַרביי גרויסע באַשטאַנעס, וועלכע זענען באַשאָטן מיט קאַוואַנעס און דיניעס, וואָס ציטיקן זיך קעגן דער זומער־זון. אויף טריט און שריט זעט מען סעדער, באַזונדערס פון דער פּאָפּולערער טשילענער „פּאַפּאַיאַ", אַ פּרוכט פון וועלכער מען מאַכט אַן אויסגעצייכנט געטראַנק מיט דעם זעלבן נאָמען. אויף די אַרומיקע בערגלעך ציטיקן זיך באַגילדעטע ווייץ־לאַנען. אויף אַ סך פעלער שניידט מען שוין די תבואה. דאָ מישט זיך אויס די מאָדערנע שנייד־מאַשין מיט דער קאָסע און דער

מעכטיקער קאַמיאָן מיט דעם אָקסן־וואָגן, וועלכע שטייען צו דינסט דעם מענטשן, אויף אָראַפּצונעמען די פּרוכט פון זיינע פעלדער.

***

איך פאָרט אין דער דאָזיקער גאָט געבענטשטער געגנט און איך קאָן נישט פאַרשטיין, ווי עס קומט, אַז דאָס וואָס דער מענטש האָט דאָ אויסגעבויט, האַרמאָנירט אַזוי נישט מיט דער אַרומיקער נאַטור־פּאַנאָראַמע. אויסערגעוויינלעך אָרעם און אומעסטעטיש זענען דאָ די ישובים וואָס איך טרעף אָן אין וועג. די הייזער, מערסטנס נידעריקע און געמאַכט פון ליימענע ציגל (אַדאָבע) און אַפילו די פּאַרקאַנס, אַרום די גערטנער, זענען נישט פון שטיין, נאָר פון ערדענע גראָבע ציגל. די סיבה דערפון איז נישט שווער צו טרעפן; די דאָזיקע הערלעכע אומגעגנט, וועלכע גלעט אַזוי אייער געמיט ביז צום איינשלעפערן, ווי עס פּאַסירט נאָכן טרינקען אַלטן ווייז... באַהאַלט אין איר איינגעווייד מוראדיקע עלעמענטן פון צעשטערונג און נישט איינמאָל מאַכט זיך, אַז די דאָזיקע לאַנדשאַפט ווערט אויפגעטרייסלט און גאַנצע ישובים ווערן פאַרוואַנדלט אין בערג פון ברוכשטיקער, אונטער וועלכע עס בלייבן באַגראָבן טויזנטער מענטשן. ערשט אין יאָר 1939 האָט עס פּאַסירט ווען די שטעט טשיליאַן און קאָנסעפּסיאָן זענען אַזוי גוט ווי חרוב געוואָרן פון דעם שרעקלעכן קאַטאַקליזם וואָס מען רופט ערדציטערניש.

אין קאָנסעפּסיאָן האָב איך דאָס דייטלעך געזען, כאָטש באַלד ביים אָנקומען באַמערקט מען עס נישט. אויפן אָרט פון דער אַלטער באַן־סטאַנציע, וואָס איז פון דער ערדציטערניש חרוב געוואָרן, קומט איר אָן אויף אַן אולטראַ מאָדערנעם וואָקזאַל געבויט פון בעטאָן און מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן פון דער לעצטער טעכניק. איר קרייצט דורך דעם וואָקזאַל און פון יענער זייט באַמערקט איר באַלד די שפּורן פון דער קאַטאַסטראָפע. קאָנסעפּסיאָן האָט פאַרהעלטנסמעסיק געליטן ווייניקער ווי טשיליאַן, אָבער אויך דאָ טרעפט איר אָן גאַנצע הייזער־בלאָקן, וועלכע זענען פון דער ערציטערניש איינגעפאַלן ווי די קאָרטן־שטיבלעך. דאָ און דאָרט טרעפט איר שוין אָן מאָדערנע קאָנסטרוקציעס, וועלכע מען האָט אויפגעבויט אויף די חורבות פון דער צעשטערטער שטאָט, מערסטנס פון בעטאָן,

אָבער נישט יעדערער האָט דאָס געקאָנט אויספירן און מען טרעפט דערי־בער אַן אַ שיעור פּאַריכטע הייזער אויף אַ פּראָוויזאָרישן אופן, מערסטנס מיט ברעטער, אין סאַמע צענטער פון שטאָט *).

קאָנסעפּסיאָן איז אַ זייער שיינע שטאָט. סימעטריש געבויט, און זי דערמאָנט אין די גרעסערע אַרגענטינער פּראָווינץ־שטעט. אין צענטער, ווו מען האָט שוין טיילווייז צוריק איבערגעבויט די הייזער וואָלט קיין פרעמד אויג נישט דערקענט, אַז ערשט נישט לאַנג האָט די שטאָט איבערגעלעבט אַ קאַטאַסטראָפע, אָבער אין די זייטיקע גאַסן, זענען די שפּורן גאַנץ קענטיק נאָך איצט אין די פּאַרריכטע, האַלב־חרובע הייזער זעען אויס ווי די שראַמען אויפן פּנים פון אַ פאַרוואונדעטער קראַסאַוויצע.

קאָנסעפּסיאָן איז אויך איינע פון די וויכטיקסטע טשילענער שטעט אויפן עקאָנאָמישן געביט. דאָרט געפינען זיך די גרעסטע וועבערייען פון טשילע און נישט ווייט פון קאָנסעפּסיאָן געפינען זיך די באַרימטע קוילן־שאַכטעס פון לאָטאַ און קאָראָנעל. זי פאַרמאָגט אויך אַ גרויסן אוניווער־סיטעט און אַ „אוניווערסיטעט־שטאָט”, מיט וועלכער זי איז שטאָלץ. יעדנפאַלס איז קאָנסעפּסיאָן אַ באַדייטנדע שטאָט און שפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין דער רייכער זאָנע פון דעם נענטערן טשילענער דרום.

ווייטער צו דרום צו געפינען זיך די שטעט טעמוקאָ, וואַלדיוויאַ און אָסאָרנאָ, וועלכע שפּילן אַ גרויסע ראָלע אין דעם עקאָנאָמישן און פּאָלי־טישן לעבן פונעם לאַנד. דער טשילענער דרום איז אויך באַרימט מיט זיינע אָזערעס און טערמאַלע קורערטער וואָס געהערן צו די באַרימטסטע אויף דער וועלט. די באַן קומט צו ביז פּוערטאָ מאָנט און דאָ הויבט זיך שוין אָן די זאָנע פון דעם באַרימטן אַרכיפּעלאַג, וואָס באַשטייט פון הונ־דערטער גרעסערע און קלענערע אינדזלען, וועלכער ציט זיך ביז פּונטאַ אַרענאַס, די ווייטסטע דרומדיקע שטאָט פונעם קאָנטינענט, וועלכע גע־פינט זיך ביים מאַגאַליאַנעס דורכגוס.

***

יידן וווינען אין דרום טשילע ווייניק. אין קאָנסעפּסיאָן האָבן אַמאָל געוווינט אַרום פופציק יידישע פאַמיליעס זענען זיי זיך צעפאָרן מער אין

*) די באַשרייבונג איז פון 1945.

צענטער אַריין. מיטן אָנקום פונעם היטלעריזם, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די איינוואַנדערונג פון דייטשע יידן קיין טשילע, האָבן זיך אין קאָנסעפּסיאָן באַזעצט אייניקע פאַמיליעס. ווען איך בין דאָרט געווען, האָב איך געטראָפן אַ 25 יידישע פאַמיליעס צווישן מזרח־אייראָפּעאישע ספרדים און דייטשע יידן, מיט אַ זייער אָרעם גייסטיק לעבן און מיט די טיפּיש־יידישע באַשעפטיקונגען. אין די שטעט ווייטער צו דרום, האָב איך געטראָפן נאָך ווייניקער יידן און קיין שפּור נישט פון אַ געזעלשאַפטלעך גייסטיקן לעבן.

און טראָץ דעם וואָס אין דרום־טשילע וווינען ווייניק יידן האָב איך בעת דער דאָזיקער רייזע דאָרט דערפילט ווי אייגנזייטיק עס האָט זיך אויסגעבילדעט דאָס יידישע עקאָנאָמישע לעבן דאָ אין דרום־אַמעריקע, טשילע אַריינגערעכנט. ווען מען זעט די גרויסע מעגלעכקייטן וואָס זענען פאַראַן אין דרום־טשילע פאַר לאַנדווירטשאַפט, פאַר האַנדל אין פאַרשידנאַרטיקע צווייגן פון דער ווירטשאַפט און פאַר אינדוסטריע, קאָן מען נישט אויסמיידן צו טראַכטן וועגן דער אייגנזייטיקייט פון דער יידישער עקאָנאָמיק. אין די אַלטע היימען, אין רוסלאַנד, רומעניע, פּוילן און אפילו דייטשלאַנד האָט איר אָנגעטראָפן טויזנטער יידישע סוחרים, וועלכע האָבן געהאַנדלט מיט געהילץ, מיט פעל, מיט בהמות און מיט אַנדערע הונדערטער פּראָדוקטן פונעם לאַנד; יידן האָבן געהאַלטן טאַרטאַקן, מילן און אַנדערע באַטריבן, וועלכע האָבן זיך געשפּייזט דירעקט פון די פעלד פּראָדוקטן, זיי האָבן געהאַנדלט מיט אַלץ וואָס עס האָט זיך געלאָזט און דער יידישער האַנדל איז געווען פילזייטיק און פאַרביק; דאָ, איז אַ ייד דער סינאָנים פון אַ קוענטעניק (אָדער סעמאַנאַלטשיק ווי מען רופט עס אין טשילע) אָדער אַ פאַבריקאַנט פון קאָנפעקסיאָן. עס וועט נאָך דאַרפן קומען דער פאָרשער און דעשיפרירן דעם דאָזיקן פענאָמען וואָס הייסט אייגנזייטיקע יידישע עקאָנאָמיק אין די דרום־אַמעריקאַנער לענדער, דאָן, צום ביישפּיל, ווען אין אַזאַ לאַנד ווי טשילע זענען נאָך פאַראַן צענדליקער געביטן, אויף וועלכע יידן האָבן זיך אַמאָל ספּעציאַליזירט און הייגט פאַלט גאָר אפילו קיינעם נישט איין צו האַנדלען מיט דעם.

אָט, צום ביישפּיל, איז אין טשילע פאַראַן אַ גוואַלדיק גרויסע מענגלעכקייט פאַר דער אינדוסטריאַליזאַציע פון פישוואַרג, אַ געביט מיט וועל־

כן יידן האָבן זיך אַמאָל זייער באַשעפטיקט אין די אַלטע היימען. אין גאַנץ דרום־טשילע האָב איך אָנגעטראָפן איין און איינציקן יידן אין טאַלקאַ־הואַנאַ, נישט ווייט פון קאָנסעפּסיאָן, וועלכער פאַרנעמט זיך מיט אויס־אַרבעטן פאַרשידענע פיש־פּראָדוקטן און... ער האָט מיר אַפילו געוויזן אַן ערשטע פּרעמיע וואָס ער האָט באַקומען אויף אַ רעגירונגס־אויסשטעלונג.

און גראָד האָבן מיר אין טשילע געהאַט ביי וועמען זיך אָפּצולערנען ווי אַזוי צו פאָרמירן אונדזער עקאָנאָמיק. מען דאַרף זען ווי אַזוי עס האָבן זיך איינגעאָרדנט די דייטשן אין דרום־טשילע, אויף צו באַנעמען וואָס אַזוינס עס הייסט השגה; אוודאי זענען אין טשילע פאַראַן גאַנץ פאַרמעגלעכע יידן, וואָס וווינען אין שיינע וווינונגען און האָבן זייער אַ הויכן לעבנס שטאַנדאַרט, אָבער וואָס פאַרא באַדייטונג האָט עס קעגן די פּאָזיציעס וואָס די דייטשן פאַרנעמען אין דרום־טשילע? מיר האָבן גרעסערע אָדער קלענערע קראָמען; זיי אָבער, באַזיצן די בעסטע לענדע־רייען אין דער פרוכטבאַרסטער געגנט פון טשילע. אָסאָרנאָ, וועלכע ווערט באַטראַכט אַלס אַ שטאָט פון מיליאָנערן, איז אַממערסטן באַוווינט פון דייטשן. יידישע פאַמיליעס זענען דאָרט פאַראַן צען אָדער צוועלף, פיר פון זיי מזרח־אייראָפּעאישע און די איבעריקע דייטשע און ספרדישע יידן. אין וואַלדיוויאַ איז די דייטשע באַפעלקערונג אַ ריזיקע און זיי זע־נען די אייגנטימער פון די גרעסטע לאַנד־גיטער און אינדוסטריעלע אונ־טערנעמונגען, דאָרט געפינען זיך די גרעסטע שמעלץ אויוונס און ווערפטן פון טשילע.

צוליב עפּעס האָט מען אין דער צייט פונעם היטלעריזם באַצייכנט דרום־טשילע אַלס די דרום־אַמעריקאַנער „סודעטן". היטלער האָט דאָ גע־האָט איינע פון זיינע פעסטונגען אויפן דרום־טייל פונעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט. די דייטשן פילן זיך אין דרום־טשילע ווי די באַלעבאַטים און עס איז געווען אַ צייט ווען זיי האָבן דער טשילענער רעגירונג פאַרשאַפט געוויסע קאָפּווייטיק.

***

דאָס איז בלויז אַ זייטיקע באַמערקונג; אָבער ווען אַ ייד פאָרט אין יענער פרוכטבאַרער געגנט קאָן ער זיך נישט באַפרייען פונעם געפיל אַז די דייטשן האָבן געהאַט גרעסערע השגות, ביים באַזעצן זיך אין טשילע, ווי עס האָבן אַרויסגעוויזן אחינו בני ישראל.

פוערטא מאנט און פוערטא וואראס

דער לייענער וועט זיך מוזן מטריח זיין און מאכן צוזאמען מיט מיר א „קפיצת הדרך" ווייטער צו דרום־צו. מיר וועלן כאפן א קוק אויף די ישובים, וואס הייסן פוערטא מאנט און פוערטא וואראס און געפינען זיך אויף א האלבער שעה רייזע איינס פונעם צווייטן.

אין פוערטא מאנט ענדיקט זיך די באן־ליניע פון דעם אזוי גערו־פענעם טשילענער „גראן סור". ווייטער, מער צו דרום־צו, מוז מען שוין פארן מיט דער אקס אדער מיט דער שיף, צווישן די הונדערטער אינדזלען, וועלכע ציען זיך ביז מאגאליאנעס און פונטא ארענאס. פוערטא מאנט איז רעלאטיוו א קליינע שטאט, פון אזעלכע צוואנציק טויזנט איינוווינער, אבער זי איז די גרעסטע שטאט, וואס געפינט זיך אויפן דרום־עקסטרעם פון דעם אמעריקאנער קאנטינענט און שטעלט מיט זיך פאר א וויכטיקן פונקט אין דעם ים־פארקער צווישן ארגענטינע און טשילע. אמאל, אין די גוטע אלטע צייטן, ווען דער פאנאמא־קאנאל האט נאך נישט עקזיס־טירט, און דער פארקער צווישן דעם אטלאנטיק און פאסיפיק איז אויס־שליסלעך געגאנגען דורך דעם מאגאליאנעס־דורכגאנג, איז פוערטא מאנט געווען גאר א גרויסע יחסנטע אלס וויכטיקער אפראוויזאציע־פונקט פאר די שיפן, וואס האבן דורכגעמאכט דעם לאנגן מארשרוט צווישן ביידע אקעאנען. היינט אבער איז איר באדייטונג רעדוצירט געווארן און זי איז אויף אזויפיל וויכטיק, אויף וויפל זי איז דער גרעסטער ישוב פון דעם טשילענער עקסטרעמען דרום.

דער פארשריט פון דער מענטשלעכער טעכניק האט, ווי געזאגט, רעדוצירט דעם געאגראפישן ווערט פון פוערטא מאנט, אין דער הינזיכט פון ים־פארקער; אבער ער האט ביי איר נישט געקאנט צונעמען די נאטור־שיינקייטן, מיט וועלכע זי איז ארומגערינגלט און זי גילט ביז צום היינטיקן טאג אלס איינער פון די וויכטיקסטע אטראקציע־פונקטן פאר צענדליקער

טויזנטער טוריסטן, וועלכע ציען אַהין, באַזונדערס אין די זומער־מאָנאטן, ווען דער קלימאַט איז מילד און די אומגעגנט איז אויסערגעוויינלעך שיין.

פּוערטאָ מאָנט געפינט זיך נישט ביים אָפענעם ים, נאָר ביי א גרויסער בוכטע אין דער פאָרעם פון אַ ריזיקן האַלב־קרייז. די דאָזיקע בוכטע איז אגב דער הויפּט־קוואַל פון פּרנסה פאַר טויזנטער איינוווינער פון דער דאָזיקער מערקווירדיקער שטאָט, וועלכע איז אַ וויכטיקער צענ־טער פון פישפאַנג, באַזונדערס פון די באַרימטע טשילענער „מאַריסקאָס״ און גאָר באַזונדערס פון אָסטראַס, וועלכע קאָטיזירן זיך זייער גוט אין טשילע און אויך אין אויסלאַנד. (איינער אַן איינוווינער פון פּוערטאָ מאָנט האָט זיך פאַר מיר געוויצלט, אַז דאָ זענען קיין אָסטראַס נישט בנמצא, ווייל מען שיקט זיי אוועק קיין סאַנטיאַגאָ...)

דער אמתער אמת איז אָבער, אַז אין פּוערטאָ מאָנט זענען פיש און אַלערליי ים־ראַקעס און טשערעפּאַכעס בחצי־חינם. איר קויפט דאָרט אַ „סיערראַ״ א ריזיקער פיש אפשר פון אַ מעטער די לענג, פאַר פינף טשי־לענער פּעזאָס (80 אַרגענטינער סענט), דאַן ווען אין סאַנטיאַגאָ קאָסט דער זעלבער פיש ביז צוועלף און אַכצן פּעזאָס אַ קילאָ, און ערשט איז ער נישט אַזוי פריש. איך האָב דאָרט געזען פאַרקויפן אַזעלכע עקזאָטישע ים־חיות, וואָס נישט איך און נישט איר האָבן מיר זיי אויף אונדזער לעבן געזען, אויף אַ שפּאָט־ביליקן פּרייז, „מאַריסקאָס״, וועלכע שטעלן מיט זיך פאָר די טייערסטע געריכטן אין די רעסטאָראַנען פון סאַנטיאַגאָ, ווו נישט יעדער קאָן זיך פאַרגינען דעם לוקסוס צו עסן, צוליב די פּרייזן.

און פאַרוואָס זאָל אין פּוערטאָ מאָנט נישט זיין אַזוי ביליק פיש, ווען די פיש שטעקן ממש אַרויס דעם קאָפּ פונעם וואַסער און בעטן זיך אַז מען זאָל זיי כאַפּן. דאָס וואַסער האָט דאָ מערקווירדיקע צופלוס־ און אָפּפלוס־קאַפּריזן און דער וואָס ווייסט עס ווי אויסצוניצן, דאַרף נאָר אויסשטרעקן די האַנט און נעמען פיש וויפל ער וויל. איך האָב טאַקע געזען אַ סך מענטשן, צווישן זיי קינדער און פרויען, וועלכע זענען גאַנץ פרי געשטאַנען, אפשר א קילאָמעטער פונעם ברעג, ווען דאָס וואַסער איז אָפּגעפאַלן און פון צווישן דעם זאַמד אַרויסגענומען אין די הויפנס אַלערליי ים־ראַקעס און „מאַריסקאָס״. נאָכמיטאָג־צייט, האָב איך געזען ווי קינדער האָבן זיך געבאָדן ביים סאַמע ברעג אין דעם וואַסער, וואָס האָט

געהאט אַ טיף פון דריי ביז פיר מעטער, ווייל עס איז ווידער פאַרגעקומען דער צופלוס פון דעם ים. דאָס איז אַ פענאָמען, וואָס חזרט זיך איבער טאָג־טעגלעך און האָט אַן ענגע שייכות מיט דער קונסט פון פיש־פאַנג, אויף וועלכע די תושבים פון פּוערטאָ מאָנט זענען גרויסע מומחים.

די שטאָט פּוערטאָ מאָנט גופא האָט נישט קיין באַזונדערע אַטראַק־ציעס פאַר טוריזם, אָבער זי איז דער צענטער, פון וואַנען עס ציען זיך אַלע קאָמוניקאַציעס, דורכן וואַסער און דורך דער יבשה, צום באַרימטן אַרכיפּעלאַג. דאָ זענען פאַראַן אַ גאַנצע רייע קאָמפּאַניעס, וועלכע גיבן זיך אָפּ אויסשליסלעך מיט טוריסטישע אויספלוגן צו די אינדזלען און צווישן די קאַנאַלן, וועלכע זענען איינע פון די גרעסטע סענסאַציעס פאַר טויזנטער מענטשן, וואָס קומען באַוואונדערן די נאַטור־מערקווירדיקייטן פון דעם טשילענער דרום. דאָס שטעטל אַליין איז פונדעסטוועגן נישט אוועקצו־מאַכן מיט דער האַנט. ווי אין אַלע שטעט פון דרום־טשילע, זענען דאָ די הייזער על־פּי־רוב פון האָלץ און זענען געבויט אין אַ זייער אָריגינעלן סטיל, מערסטנס אין דייטשן סטיל, וועלכער פּרעדאָמינירט אין כמעט גאַנץ דרום־טשילע. אויף די בילדער זעט פּוערטאָ מאָנט אויס זייער פּאַר־ביק און פייערלעך, אָבער אין דערווירקלעכקייט זעט עס אויס אַביסל אַנדערש. כאָטש איך בין דאָ געווען אין סאַמע מיטן זומער, האָב איך אָבער געזען די בולטע שפּורן, וואָס דער ווינטער מיט זיינע אומאויפהער־לעכע רעגנס, לאָזט אויף דעם אויסערלעכן אַספּעקט פון די הייזער: אַלע הייזער, אָן אויסנאַם, זעען דאָ אויס ווי פאַרזשאַווערט און אינעווייניק פילט איר אומעטום אַ טוכלע ריח פון צעפוילט האָלץ. אין דרויסן איז די לופט אַ געזאַלצענע און פילט זיך נאָך פיש.

***

יידן זענען אין פּוערטאָ מאָנט נישטאָ קיין סך, אָבער — עס זענען פאַראַן... איך ווייס נישט ווער עס האָט דאָס גרעסטע געשעפט אין דעם צפונדיקן עקסטרעם פון דעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט, אין אַלאַסקאַ; אָבער אויפן דרומדיקן עקסטרעם איז דאָס אַ ייד; נאָכמער — אַ יידישער יונגערמאַן פון קאַלאַראַש, בעסאַראַביע, וועלכער האָט זיך איבער מיר דער־פרייט און באַלד געשטעלט צו מיין דיספּאָזיציע זיינעם אַן אָנגעשטעלטן,

אַ יידישן פליכטלינג פון עסטרייך, וועלכער האָט געזאָלט זיין מיין וועג־ווייזער.

דער דאָזיקער וועגווייזער, האָט פון קיין שום קאָמפּראָמיסן נישט געוואָלט וויסן. דער בעלי הבית האָט אים געהייסן, אז ער זאָל מיר ווייזן „אַלע יידן" פון פּוערטאָ מאָנט, איז קיין שום אופן נישט געווען אים איבערצוצייגן, אז די וועלט וועט נישט אונטערגיין, אויב איך וועל זען ווייניקער מיט איינעם. ער האָט מיך געפירט צו אַלע יידן און אומעטום האָט ער מיך פאַרגעשטעלט מיט אַלע מיינע טיטלען, וואָס גאָט ווייסט דעם אמת, אז איך ווייס נישט ווער עס האָט זיי אים אנטדעקט און פון וואַנען זיי האָבן זיך גענומען. די סאַמע ריכטיקע שפּראַך האָט ער, נאַטירלעך, אַוועקגעלייגט ביי זיינע אייגענע לאַנדסלייט, ביי די דייטשע יידן, וועלכע האָבן מיך אויפגענומען זייער און זייער העפלעך.

צוועלף יידישע פאַמיליעס וווינען אין פּוערטאָ מאָנט, שטעלן זיי מיט זיך פאָר אַן אמתן קיבוץ גלויות פון מיזרח אייראָפּעאישע „יידישע" יידן, ספרדים און דייטשע יידן. איך האָב זיך צוגעקוקט צו דעם דאָזיקן מאָדנעם קיבוץ גלויות אויפן ווייטער עקסטרעם פונעם טשילענער דרום און זיך געפרעגט — וואָס פאַראייניקט זיי, די דאָזיקע צוועלף פאַמיליעס? לויט זייער שפּראַך, געוווינהייטן און קולטור זענען זיי זיך פולשטענדיק פרעמד, וואו־זשע געפינט זיך דאָס וואָס פאַראייניקט זיי? דער יידישער יונגערמאַן פון קאָלאָראַש, דער ייד פון מזרח־דייטשלאַנד און דער ספרדי פון סאַלאָניק אָדער סטאַמבול, זענען אין תוך גענומען פולשטענדיק פרעמדע עלעמענטן און פונדעסטוועגן פילן זיי זיך ווי די מיטגלידער פון איין פאָלק יעדנפאַלס ווי מיטגלידער פון איין פאַרנאַנגענהייט... ווייל די צוקונפט פון די יידישע ישובים אין אזוינע פאַרוואָרפענע העקן ווי פּוערטאָ מאָנט איז אַן ענין, וועגן וועלכן איך וואָלט וועלן, אז עס זאָלן זיך אַרויסזאָגן גרעסערע מבינים פון מיר...

***

שיינע לאַנדשאַפטן זענען ווי שיינע געדאַנקען: אייניקע פון זיי קריצן זיך איין אין זכרון און איר קאָנט זיי נישט פאַרגעסן. דער טשילע־נער דרום פאַרמאָגט אַן אַ שיר אַזעלכע לאַנדשאַפטן, אַ טייל פון זיי אָבער

פאַרמאָגן עפּעס אַזוינס אין זיך, וואָס מאַכט זיי אומפאַרגעסלעך, אויב איר האָט זיי נאָר איין מאָל געזען; צו דער דאָזיקער קאַטעגאָריע געהער אָן שום ספק פּוערטאָ וואַראַס, אַ באַרימטער טוריסטן־פּונקט פון דרום־טשילע, אַ האַלבע שעה רייזע פון פּוערטאָ מאָנט.

עס איז אבסאָלוט נישט איבערגעטריבן צו באַהויפּטן, אַז די דאָזיקע געגנט איז ווי ספּעציעל באַשאַפן געוואָרן פאַר טוריזם. זי פאַרמאָגט, וואָלט איך געזאָגט אַלע עלעמענטן צו באַפרידיקן דעם עסטעטישן גע־שמאַק פון דעם סאַמע ראַפינירטסטן טוריסט און עס איז דעריבער קיין חידוש נישט, וואָס עס ציען אַהין יאָר נאָך יאָר רייכע טוריסטן, וועלכע האָבן דאָס דאָזיקע קליינע און מערקווירדיקע שטעטל פאַרוואַנדלט אין זייער שטענדיקן וואַקאַציע־פּלאַץ... וואָס־וואָס, אָבער די גבירים ווייסן וואָס גוט איז, האָב איך צו זיך געטראַכט, ווען איך האָב געזען פּוערטאָ וואַראַס.

אין וואָס באַשטייט די שיינקייט פון פּוערטאָ וואַראַס? די שיינקייט פון פּוערטאָ וואַראַס, לויט מיין באַשיידענער מיינונג, באַשטייט אין דעם, וואָס איר קאָנט פון דעם אַלגעמיינעם בילד אויסטיילן די „ראָזשינ־קע". אַ קונסט־קריטיקער וואָלט געזאָגט, אַז דאָס איז אַ פּולקאָם, אַ האַר־מאָניש בילד און אַ בילד מיט אַ — הינטערגרונט. די אַלגעמיינע פּאַנאָ־ראַמע פון דער געגנט איז באַשאַפן געוואָרן משֵשת ימי בראשית, אַזוי פאַרענדיקט, עסטעטיש, אַזוי צו זאָגן, אַז עס האָט נאָר געפעלט אַ קליין ביסעלע „רעטושירן" זי און אַ „ראַם" פון דער מענטשלעכער ציוויליזאַציע, אין דער פאָרעם פון האָטעלן, קאָמוניקאַציע־מיטלען, וועגן און אַנדערע הצטרכותן, וואָס פעלן צו דעם טוריסטישן רומל, אַז פּוערטאָ וואַראַס זאָל מיט זיך פאָרשטעלן איינעם פון די פּולקאָמסטע אָפּרו־ און געניס־פּלעצער, וואָס טשילע פאַרמאָגט.

די הויפּט־אַטראַקציע פון פּוערטאָ וואַראַס, איז די אָזערע ליאַנקיהוע, וועלכע איז די גרעסטע פון אַלע אָזערעס, וואָס געפינען זיך אין דער אַזוי גערופענער „רעכיאָן דע לאָס לאַגאָס" (די געגנט פון די אָזערעס) פון דרום טשילע, וועלכע הויבט זיך אָן נאָך טעמוקאָ און פאַרענדיקט זיך אין פּוער־טאָ מאָנט. די דאָזיקע אָזערע פאַרמאָגט אַ גרויס פון 840 קוואַדראַט־קילאָ־מעטער און אין פּערימעטער (אַרום און אַרום) באַשטייט פון נישט ווייניקער

ווי 188 קילאָמעטער. אויף אייניקע ערטער פאַרמאָגט די ליאַנקיהוע אַ טיף פון איבער 500 מעטער. דאָס אויסזען פון דער דאַזיקער אָזערע איז באמת איינס פון די שענסטע בילדער, וואָס מען קאָן זען. אין קעגנטייל צו דעם געפיל פון אומרואיקייט, וואָס עס רופט ארויס דאָס קוקן אויפן ים, ווערט איר ווי באַהערשט פון אַ מנוחה־געפיל, ווען איר קוקט אויף דער דאַזיקער אָזערע, וואָס זעט אויס ווי אַ ריזיקער בלוילעכער שפּיגל. זינט איך לעב האָב איך נאָך נישט געזען אזא קרישטאָל־קלאָר וואסער, ווי דאָס וואָס איך האָב געזען אין דער ליאַנקיהוע; אויף אַ טיף פון איבער צען מעטער האָב איך געזען, וואָס עס טוט זיך אויפן דנאָ, ווי גלייך עס וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן אַ ווייסן טעלער מיט וואסער.

די אָזערע ליאַנקיהוע איז, אַזוי צו זאָגן, דאָס בילד גופא פון דער פּאַנאָראַמע אין פּוערטאָ וואַראַס. אָבער דאָס בילד אליין, ווי פּרעכטיק עס זאָל נישט זיין, וואָלט דאָך געווען צו איינטאָניק, ווען עס זאָל זיך נישט געפינען אין דער פּרעכטיקער ראַם פון דער ארומיקער בערגיקער געגנט און ווען עס וואָלט נישט געהאַט דעם „הינטערגרונט" פון צוויי בארימטע ווולקאַנען, וואָס געפינען זיך קעגנאיבער פּוערטאָ וואַראַס: די ווולקאַנען „אָסאָרנאָ" און „קאַלבוקאָ". די דאַזיקע צוויי ווולקאַנען געפינען זיך פּונקט קעגנאיבער דעם שטעטל אויף אַ דיסטאַנץ פון אזעלכע פופציק־זעכציק קילאָמעטער, אָבער דער וואונדער באשטייט אין דעם, וואָס אייך ווייזט זיך אויס, אז זיי געפינען זיך אַזוי נאָענט, כאָטש מיט דער האַנט צו דערגרייכן. באַזונדערס פּרעכטיק איז דער אויסזען פון דעם „אָסאָרנאָ", מיט זיין אייביק פאַרשנייטן קאָפּ, וועלכן מען זעט אָן אויף אַ דיסטאַנץ פון אזעלכע הונדערט קילאָמעטער נאָך איידער מען קומט אָן קיין פּוערטאָ וואַראַס. נאָך קלינגט מיר אין די אויערן דער געשריי פון באוואונדערונג, וואָס עס האָט אַרויסגעלאָזט די טשילענער פריילין, וועלכע איז געזעסן לעבן מיר אין דער באַן, ווען איך האָב איר געוויזן דעם „אָסאָרנאָ", וועלכן איך האָב דערזען פון ווייטנס, ווען מיר זענען געפאָרן פון אָסאָרנאָ קיין פּוערטאָ מאָנט. עס איז געווען פאַרנאַכט. די זון האָט זיך געהאַלטן ביים ארונטערלאָזן צו מערב־צו און אירע דעמערונגס־שטראַלן האָבן אויסגעכישופט אַן אומפאַרגעסלעך בילד איבער דעם ווייסן קאָפּ פון דעם דאַזיקן בארימטן ווולקאַן, וואָס נישט שטענדיק קאָנט איר אים

זען אין זיין גאַנצער פּראַכט, מחמת דעם, וואָס גאַנץ אָפּט איז ער מיטן קאָפּ אין... די כמאַרעס.

***

ווי איך האָב שוין אויבן געזאָגט, איז פּוערטאָ וואַראַס אויף אַלע הונ־דערט פּראָצענט אַ פּלאַץ פון טוריזם און די וואָס פאָרן אהין, טוען עס מיט דעם איינציקן ציל צו געפינען רו אָדער אַן אויסלאָדונג פאַר זייער טוריסטישן באַרוף. מענטשן, וואָס האָבן קיינמאָל נישט באַזוכט קיין טור־ריסטישע צענטערס, וועלן אפשר נישט באַנעמען דעם באַגריף „באַרוף" אין צוזאַמענהאַנג מיט טוריזם. עס זענען אָבער בפירוש פאַראַן אַזעלכע, פאַר וועמען טוריזם האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ באַרוף און זיי לאָדן אויס ביי דעם די אָנזאַמלונג פון זייער גייסטיקער ענערגיע, ווי עס פּאַסירט מיט אַזעלכע, וואָס נוצן אויס זייער באַרוף אויף אַנדערע געביטן. וואָס שייך רו, איז פּוערטאָ וואַראַס דאָס רואיקסטע ווינקל וואָס מען קען זיך פאָרשטעלן. געגרינדעט געוואָרן איז דאָס דאָזיקע שטעטל אין דער צווייטער העלפט פון פאָריקן יאָרהונדערט און צוליב דער ווייטקייט פונעם צענטער, איז דאָס ביז צום היינטיקן טאָג געבליבן אַ פּלאַץ פאַר יחידי סגולה און איז דעריבער אויסגעהיט געוואָרן פון דעם דיספּראָפּאָרציאָנעלן וווקס, וואָס עס האָבן דורכגעמאַכט אַנדערע טוריסטישע ערטער (ווינִיאַ דעל מאַר, צום ביישפּיל), וועלכע זענען היינט צו טאָג גרויסע שטעט, אָבער זיי האָבן פאַרלוירן פיל פון זייער רייץ, אַלס טוריסטישע פּונקטן מיט יענעם חן־פּינטל, וואָס הייסט רויע, אוממיטלבאַרע נאַטור־שיינקייט. אין דער היינ־זיכט האָט פּוערטאָ וואַראַס אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען ביז היינט צו טאָג און אַלץ וואָס איר זעט דאָרטן, האָט אין זיך עפּעס פון מעשה בראַ־שיתדיקס, צווישן וועלכן דאָס ביסל „ציוויליזאַציע" גילט נאָר אויף אַזוי פיל, אויף וויפל מען קאָן זיך אָן דעם נישט באַגיין היינט צו טאָג; אויך דאָס וואָס די ציוויליזאַציע האָט דאָ צוגעגעבן אין דער פאָרעם פון האָטעלן, קראָמען און אַנדערע טאָג־טעגלעכע נויטווענדיקייטן, זענען פריי פון שריי־ענדיקן לוקסוס און האַרמאָנירן מיט דעם אַלגעמיינעם אמביענט. וועלכער טרעט נישט אַריבער די גרענעצן פון פּשטות, כאָטש די מענטשן וואָס קומען על־פּי־רוב אַהער קאָנען זיך פאַרגינען דעם גרעסטן לוקסוס.

דאָס איז בנוגע רואיקייט אין פּוערטאָ וואַראַס. וואָס שייך דער אויסלאָדונג פון דער טוריסטישער עמאָציע, מיט וועלכער עס קומען אַהער פיל טוריסטן און באַזונדערס די יוגנט, גילט דאָ אַממערסטן דער ספּאָרט פון שיפן זיך און די אויספלוגן, וואָס ווערן געמאַכט איבער דער גרויסער אָזערע מיט ספּעציעלע דאַמפּערס. עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז די באַדינגונגען פאַר דעם שיפונג־ספּאָרט, זענען דאָ אויסגעצייכנטע און די וואָס האָבן חשק צו רודערן, האָבן דאָ אַ ברייט פעלד פאַר זייער ספּאָרט אויף דער ריזן־אָזערע, וועלכע איז שטענדיק רואיק און בעט זיך ממש, אַז מען זאָל אויף איר זיך שיפן.

אָבער איינער פון די וואונדערלעכסטע טוריסטישע מאָמענטן פון פּוערטאָ וואַראַס, זענען די אויספלוגן, וואָס ווערן דאָ געמאַכט מיט די ספּעציעלע דאַמף־שיפלעך. די דאָזיקע עקסקורסיעס ווערן געמאַכט טעגלעך און אין קאָמבינאַציע מיט יבשה־קאָמוניקאַציעס, קומען דאָ טוריסטן צו ביז פּוערטאָ בלעסט, וועלכע געפינט זיך אויף דער אַרגענטינער זייט, ביים מערב־ברעג פון דער באַרימטער אָזערע נאַהועל הואַפּי, ווו מען קאָן מיט דער שיף צופאָרן ביז סאַן קאַרלאָס דע באַרילאָטשע. די רייזע איז פון אויסערגעוויינלעך־באַצויבערנדיקן כאַראַקטער און קריצט זיך איין אין זכרון פון דעם וואָס מאַכט זי דורך. פון פּוערטאָ וואַראַס פאָרט מען מיט דעם שיפל ביז צו אַ פּונקט, וואָס הייסט ענסאַנאַדאַ און פון דאָרטן מיט אַן אויטאָ ביז צו אַ צווייטן פּונקט, וואָס מען רופט פּעטראָהוע, וועלכער געפינט זיך אויף דעם מערבדיקן ברעג פון דער גרויסער אָזערע „טאָדאָס לאָס סאַנטאָס״, ווו מען נעמט דאָס שיפל, וואָס פירט אייך איבערן וואַסער ביז צו אַ פּונקט, וואָס הייסט פּעהוזשאַ און פון דאָרט ווידער מיט דער יבשה ביז צו דעם אַרגענטינער פּונקט, וואָס הייסט פּוערטאָ בלעסט, ווו עס הויבט זיך אָן די וואונדערלעכע אַרגענטינער טוריסטישע געגנט, אַרום דער אָזערע נאַהועל הואַפּי.

די רייזע איז פון אומפאַרגעסלעך עמאָציאָנעלער ווירקונג. איר ווייסט נישט וואָס פריער צו באַוואונדערן. צי זאָלט איר באַוואונדערן די שטילע, בלויע וואַסערן פון דער ריזן אָזערע, איבער וועלכער דאָס שיפל גליטשט זיך אָדער גאָר די מאַיעסטעטישקייט פון די קאָלאָסאַלע ווולקאַנען און סתם בערג, וואָס איר טרעפט אָן בעת דער רייזע אויף דער יבשה.

אַלץ איז דאָ גרויס אין אומפאַנג און אין שיינקייט. עס אימפּאָנירט סיי די קאָלאָסלקייט פון יעדן דעטאַל און סיי די מיסטעריעזע דממה, וועלכע הערשט דאָ שטענדיק און ווערט בלויז געשטערט פון דער מענטשלעכער מאַשין, וועלכע רייסט זיך אַריין מיט אַראָגאַנץ אין דער דאָזיקער מעשה בראשיתדיקער נאַטור־מנוחה...

ווי אַ ריזיקער „המן־טאַש", אַ דרייעק, זעט אויס די אָזערע ליאַנקיהועע און אַרום דעם דאָזיקן וואַסער־וווּנדער האָט די נאַטור אויסגעבישופט איין לאַנדשאַפט שענער פון דער צווייטער און דער מענטש איז געקומען און האָט צוגעגעבן אַ בלימל דאָ און אַ בלימל דאָרט אין דער געשטאַלט פון חנעוודיקע שטעטלעך, וועלכע ליגן צעוואָרפן אַרום דער אָזערע און דינען אַלס אָפּרו־פּלעצער פאַר טויזנטער מענטשן, וועלכע קומען אַהער זוכן רו און פאַרגעניגן; וועלכע אַנטלויפן פון דעם ציוויליזאַציע־האַרמידער און לאָזן זיך פאַרוויגן אין דער באַצויבערנדיקער שיינקייט פון דעם דאָזיקן גאָט־געבענטשטן ערד־ווינקל, וואָס נישט קיין אַנדערער ווי דער פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, טעאָדאָר רוזוועלט (נישט פרענקלין רוזוועלט...), וועלכער האָט באַזוכט די געגנט, האָט זיך אויסגעדריקט, אַז דאָס איז „נאָך איין וווּנדער פון דער נאַטור". און טעאָדאָר רוזוועלט איז, ווי באַוווּסט געווען אַ ליידנשאַפטלעכער רייזנדער, וואָס האָט „עפּעס" געזען אויף זיין לעבן.

***

און ווען איך האָב פאַרלאָזט אין אַ שיינעם פרימאָרגן פּוערטאָ וואַראַס האָב איך געטראַכט פון דער פּריילין, די חנעוודיקע טשילענערין, וועלכע האָט אַזוי שטורמיש באַוווּנדערט די אַרומיקע פּאַנאָראַמע מיט דעם ווולקאַן „אָסאָרנאָ" אין הינטערגרונט. נישט וועגן איר אַליין האָב איך זיך אַזוי דערמאָנט, נאָר אין איר באַהויפּטונג, אַז די רייזע אירע איז די פרוכט פון צען יאָר אָפּשפּאָרונגען. זי איז אַן אָנגעשטעלטע אין אַ פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפט און האָט יאָרן געשטרעבט צו באַזוכן דעם דרום פון איר געבורטסלאַנד. די איצטיקע רייזע איז אַלזאָ געווען איר העכסטע דערגרייכונג אין לעבן, אַ שטרעבונג, וועלכע עס האָבן טויזנטער און טויזנטער פאָלקס־מענטשן, וועלכע קאָן ליידער נישט פאַרווירקלעכט

ווערן, ווייל פּוערטאָ וואַראַס ליגט איבער טויזנט קילאָמעטער פון דער הויפּטשטאָט סאַנטיאַגאָ און פון דעם צענטער בכלל, ווו טויזנטער פאַר־דינען בלויז אַזויפיל (און אַמאָל ווייניקער) וויפל זיי דאַרפן צום לעבן...

בין איך מיר געזעסן ביים פענצטער פון וואַגאָן און צום לעצטן מאָל געקוקט אויף דער ווונדערלעכער פּאַנאָראַמע פון דער אָזערע ליאַנקיהוע, אַרום וועלכער די באַן האָט זיך איצט געשלענגלט צו צפון־צו און געטראַכט צו זיך: שיין ביסטו פּוערטאָ וואַראַס, אומבאַשרייבלעך שיין, אָבער צו א טייערער ביסן פאַר דעם גרעסטן טייל פון די מענטשן, וואָס וואָלטן דיך געדאַרפט זען, וואָס האָבן דאָס רעכט דיך צו זען...

אינדיאַנער

צווישן די לענדער אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט, וואָס גלאָריפיצירן די אינדיאַנער אַלס טיפּן פון זייער קולטור־געשיכטע און באַטראַכטן זיי אַלס אַ רינגעלע אין דער קייט פון זייער היסטאָרישער אַנטוויקלונג, פאַר־נעמט טשילע אַ בכבודיקן פּלאַץ. עס פאַרשטייט זיך, אַז פון דעם שטאַנד־פּונקט פון דער אַנטדעקונג און דעראָבערונג פון דער טעריטאָריע וואָס שטעלט היינט מיט זיך פאָר די טשילענער רעפּובליק, ווייסט אונדז די געשיכטע צו דערציילן, אַז די ווייסע האָבן געהאַט אויסצושטיין גרויסע צרות פון די אינדיאַנער, וועלכע האָבן זיך בשום אופן נישט געלאָזט באַהערשן. די אַראוקאַנער שבטים, וועלכע האָבן באַוווינט יענעם טייל פון טשילע, וועלכער ציט זיך פון טעמוקאָ ביז וואַלדיוויאַ, זענען געווען פון די מוטיקסטע און אויך גרויזאַמסטע אין קאַמף מיט דעם שונא פון אַלע אינדיאַנער וואָס האָבן באַוווינט דעם טייל פון דעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט. די טשילענער געשיכטע האָט אייניקע פון זיי אַרומגעוועבט מיט לעגענדעס, מיט אַזעלכע לעגענדעס, וואָס נאָר נאַציאָנאַלע העלדן זענען זוכה צו זיין.

די אינדיאַנישע קאַציקן און קריגערס קאַופּאָליקאַן, לאַוטאַראָ און גאַל־וואַרינאָ פיגורירן אין די טשילענער שול־טעקסטן אַלס מוסטער פון מוט און העלדישקייט. אַרום זייערע נעמען זענען וואונדערבאַרע לעגענדעס גע־שאַפן געוואָרן און ביז היינט צו טאָג זענען זיי די באַליבטע טעמע פון טשילענער היסטאָריקער, שריפטשטעלער און דיכטער. אַ פּאָר פון די לעגענדעס וועגן זיי וועלן מיר, פאַרבייגייענדיק, דערציילן, איידער מיר גייען צו צום עצם הענין.

דער אינדיאַנישער קריגער קאַופּאָליקאַן, וועלכער איז אַ לאַנגע צייט געווען דער הויפּט־שעף פון די אַראוקאַנער אין זייער קאַמף מיט די שפּאַ־ניער, איז ענדלעך אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט צו די ווייסע, וועלכע

האָבן אים אומגעבראַכט אויף אַ שווידערלעכן אופן, ווי עס איז געווען זייער געוווינהייט. דערציילט די לעגענדע, אַז ווען קאַופּאָליקאַן איז שוין געווען געפאַנגען ביי די שפּאַניער, איז צו אים צוגעקומען זיין ווייב, פרעסיאַ, און אים צוגעוואָרפן דאָס קינד וואָס זי האָט געהאַט מיט אים, אויסשרייענדיק: „ביסטו דען נישט געווען דער, וועלכער האָט צוגעזאָגט צו באַזיגן די שפּאַניער? צי ווייסטו דען נישט, אַז שטאַרבן אין קאַמף איז אַ כבוד און אַ גלאָריע? איך וויל נישט קיין קינד פון אַ מאַן אַ פּחדן".

די דאָזיקע לעגענדע געפינט מען אין אַלע טעקסט־ביכער פון דער טשילענער שול און זי ווערט געבראַכט אַלס מוסטער פון נאַציאָנאַלן מוט און העלדישקייט, הגם די פּראָטאָטיפּן פון דער דאָזיקער האַנדלונג זענען געווען אינדיאַנער.

אַ צווייטע לעגענדע, ווערט דערציילט וועגן דעם אינדיאַנישן קאַציק גאַלוואַרינאַ, וועלכן די שפּאַניער האָבן געכאַפּט און אים נישט דערמאָרדעט, נאָר אים אָפּגעשניטן די הענט און באַפרייט. ווען זיי האָבן אים אָפּגעלאָזט, זאָל ער לויט דער לעגענדע האָבן געזאָגט: „עס בלייבט מיר נאָך גענוג בלוט און כוח אויף ווייטער צו קעמפן; איר וועט חרטה האָבן אויף דעם וואָס איר האָט מיך באַפרייט". לויט דער געשיכטע, האָט ער געהאַלטן וואָרט. ער איז שטענדיק געווען דער ערשטער אָנצוגרייפן און דער לעצטער זיך צוריקצוציען; די שפּאַניער האָבן אים ענדלעך געכאַפּט און אויפגעהאָנגען.

עס איז כדאי צו באַמערקן, אַז דער קאַמף מיט די אינדיאַנער אין טשילע האָט זיך אָנגעהויבן אין דער ערשטער העלפט פון 16טן יאָרהונדערט, ווען פּעדראָ דע וואַלדיוויאַ האָט אָנגעהויבן די דעראָבערונג פון טשילע, און ערשט אין 1881, מיט אַזעלכע 70 יאָר צוריק, האָט מען ענדלעך געהאַלטן פאַר דערליידיקט די געפאַר פון די אינדיאַנער. איבער דריי הונדערט יאָר האָבן זיי, הייסט עס, געשטעלט אַ ווידערשטאַנד.

***

די טשילענער געשיכטע איז פול מיט גלאָריפיקאַציע פאַר די אַראַוקאַנער און זייער ווידערשטאַנד, אָבער אין דער היינטיקער טשילענער ווירקלעכקייט, איז נאָר פאַרבליבן אַ שאָטן פון זייער אַמאָליקער גלאָריע.

דעמאָגראַפיש ווערן זיי אומדערשיטערלעך פאַרשוווּנדן און אין די געגנטן ווו זיי וווינען נאָך טיילווייז אין קאָמפּאַקטע מאַסן, שטעלן זיי שוין מיט זיך נישט פאָר קיין שום פאַקטאָר אין דעם שעפערישן לעבן און זיי האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין דער אַטראַקציע פון די טוריסטן, וועלכע קומען אָנקוקן די לעצטע רעשטלעך פון יענע, וועלכע האָבן געשטעלט אַ העלדישן ווידערשטאַנד די דעראָבערער פון דער גרעסטער אימפּעריע בשעתה: די שפּאַנישע קאָנקוויסטאַדאָרן.

טעמוקא און די אומגעגנט, איז יענער טייל פון טשילע, ווו עס וווינט דער גרעסטער טייל פון אינדיאַנער, וועלכע האַלטן נאָך אָן טיילווייז דעם פּרימיטיוון לעבנסשטייגער פון זייערע אורעלטערן. פיל פון זיי זענען נאָך אפילו נישט באַקערט געוואָרן צום קריסטנטום און זיי לעבן זיך אויס גייסטיק אין זייער געצנדינערישן לעבנסשטייגער. זיי באַשעפטיקן זיך טיילווייז מיט פּרימיטיווער ערד־אַרבעט און מיט אויסאַרבעטן פאַרשידענע געוועבטע אַרטיקלען פון באַדייטנדער עסטעטישער און קינסטלערישער קאַטעגאָריע, נעמענדיק אין אַכט די פּרימיטיווע מיטלען וועלכע זיי באַניצן ביי דער אַרבעט.

איך האָב די רעשטן פון די אינדיאַנער געזען אומגיין אויף די גאַסן פון טעמוקא און בשום אופן נישט געקאָנט דערקענען אין זיי די אָפּשטאַמלינגען פון יענע, וועלכע די געשיכטע גלאָריפיצירט אַלס גרויסע העלדן. באַזונדערס קאָנסערוואַטיוו אין דעם אויסזען און אָנטון זיך זענען די פרויען, זיי גייען, אָן אויסנאַם, אַלע באָרוועס, אַ שוואַרצן שאַל אויף די אַקסלען, וועלכער איז ביים האַלדז צוגעשפּיליעט מיט אַזאַ בראָש, וועלכער הענגט זיך נאָך אויף אַ דרייסיק סענטימעטער איבער דער ברוסט און וועלכן די אינדיאַנער רופן אין זייער שפּראַך: טראַפּילאַקוטשאַ; פון די אויערן הענגען ביי זיי אַראָפּ אַזעלכע ריזן אויערינגען, וועלכע הייסן אין דער אינדיאַנער שפּראַך, טשאַוואַי, אַרום די האָר טראָגן זיי אַזעלכע באַפּוצונגען פון מטבעות און סתם צאַצקעס, וואָס הייסט אין זייער שפּראַך — טראָהוע. אייניקע יונגע אינדיאַנערקעס, וועלכע איך האָב געזען, וואָלטן געקאָנט זיין שיינהייטן מיט אַ סך ווייניקער קאָסמעטישע מיטלען, וואָס עס באַנוצן פיל ווייסע פרויען. אפשר זענען דאָס שוין געווען מישלינגען, ביאָלאָגיש, אָבער לויט זייער הילוך און אויסזען, האָבן

זיי געמאַכט דעם איינדרוק פון אַזעלכע וואָס זענען נאָך נישט באַרירט געוואָרן פון דעם ווייסן איינפלוס.

איך ווייס נישט ווי עס האָט אויסגעזען זייער עלטער־באָבע פּרעסיאַ, וועלכע האָט איר מאַן צוגעוואָרפן דאָס קינד, לויט דער טשילענער לע־גענדע, פאַר דעם וואָס זי האָט באַטראַכט אַלס פּחדנות פון זיין זייט; די איצטיקע אינדיאַנערינס וואָס מען באַגעגנט אויף די גאַסן פון טעמוקאָ זעען נישט אויס צו זיין אַזעלכע אַנטשלאָסענע העלדינס. נאָך ווייניקער העלדיש זעען אויס צו זיין די מענערשע רעשטלעך פון די אַראוקאַנער. אויב די אינדיאַנער פרוי ציט נאָך דעם פּאָדעם פון איר שטאַם לויט איר אויסערלעכן אויסזען, קליידונג און צירונג, וועט איר דעם מענערשן מין פון דעם אינדיאַנער דערקענען בלויז לויט זיינע געזיכט־שטריכן. אין זיין קליידונג אונטערשיידט זיך דער אינדיאַנישער מאַן כמעט נישט פון אַ געוויינלעכן טשילענער פּויער אָדער „הואַסאָ” (אַ טשילענער ווערסיע פון דעם אַרגענטינער גאַוטש). דאָס קלאַמערן זיך פון דער אינדיאַנער פרוי אין דעם טראַדיציאָנעלן טראַכט און צירונג פון אירע אורעלטערן (און מעגלעך אַז אין דער היים איז זי אויך די טרעגערין פון דער עכט־אינדיאַ־נער קולטור און טראַדיציע) צווינגען צו גלויבן, אַז די לעגענדע פון פּרע־סיאַ איז נישט אויסגעזויגן פונעם פינגער און אַז די אינדיאַנער פרוי איז אפשר געווען די, וועלכע האָט אין משך פון אַזוי פיל צייט אינספּירירט דעם פאַרעקשנטן ווידערשטאַנד פון די אינדיאַנער אין טשילע.

***

פון דער אַמאָליקער אַראוקאַנישער גלאָריע איז אין טשילע זייער וויי־ניק פאַרבליבן. דער איינציקער בולטער סימן פון דער ראָלע וואָס זיי האָבן אַמאָל געשפּילט אין די דאָזיקע מקומות זענען די נעמען פון די ישובים, וועלכע זענען מיט זייער קליינע אויסנאַמען, אויסשליסלעך אינ־דיאַנישע נעמען, אויסער די גרעסערע שטעט, וועלכע טראָגן די נעמען פון זייערע גרינדער אָדער פון קריסטלעכע הייליקע. אויך די אָזיערעס און טייכן טראָגן אין גרעסטן טייל אינדיאַנישע נעמען, קיין סימנים פון עפּעס אַ העכערער קולטור אָדער ציוויליזאַציע, ווי עס איז געווען דער פאַל מיט די אינקאַס אין פּערו, איז נישט אָנצוטרעפן. די אַראוקאַנער האָבן

זיך אויסגעצייכנט מיט זייער קריגערישקייט און מיט זייער פאטריאטיזם, אבער זיי האבן נישט באזעסן יענעם גראד פון קולטור און וויסן (אין דעם פרימיטיוון זין פון ווארט נאטירלעך) וואס די אינקאס פון פערו אדער די אצטעקן פון מעקסיקע, וועלכע האבן נאך זיך געלאזט, ווי באוווסט, גרויסע מאנומענטן, וואס זאגן עדות אויף דעם הויכן גראד פון זייער ארכיטעקטאנישן און קולטור־טאלאנט.

אז עס האט דעם אינדיאנער פון דרום־טשילע געפעלט דער עסטעטישער געשמאק, קאן מען זיך איבערצייגן אין דעם אראוקאנישן מוזיי, וועלכער עקזיסטירט אין טעמוקא און וועלכן דער שרייבער פון די שורות האט באזוכט. דער מוזיי, נישט קיין איבעריק רייכער איז זיין צוזאמענשטעל, פארמאגט דאך א באדייטנדע קאלעקציע פון אינדיאנישע חפצים, וועלכע דערמעגלעכן צו שאפן זיך א באגריף וועגן דעם גראד ציוויליזאציע וואס עס זענען באזעסן יענע, וועלכע האבן אמאל באוווינט די דאזיקע ערד. דער גרעסטער טייל חפצים וואס זיי האבן נאך זיך געלאזט גייט נישט ווייטער פון פרימיטיוו־אויסגעארבעטע שטוב געצייגן און כלים, אן דעם מינדעסטן חוש פאר עסטעטיק, אדער דערפינדערישקייט, ווי עס האבן ארויסגעוויזן די אינדיאנער פון צענטראל־אמעריקע, איבערהויפט יענע, וועלכע האבן באוווינט די אינקאישע אימפעריע. פון דעם גאנצן רייכטום וואס האט זיי ארומגערינגלט אין דער פרוכטבארער געגנט פון דרום־טשילע, האבן זיי נישט אויסגעפונען קיין מער מעגלעכקייט פאר זייער לעבנסמיטל ווי אביסל ארעמע אגריקולטור און יאגד. דאס געצייג, די כלי־זיין און די כלים וואס זיי האבן באנוצט אין זייער טאג־טעגלעכן לעבן, באווייזן ווי ווייניק זיי האבן געשטרעבט אויסצובעסערן זייערע לעבנס־אומשטענדן און זייער ניווא. איינע פון די באדייטנדסטע אפטיילונגען פון דעם אויבנדערמאנטן מוזיי, איז יענע וואס אנטהאלט די קאלעקציעס פון די אינדיאנישע וואפן, וועלכע באשטייען, נאטירלעך, אמערסטן פון פייל און בויגן, אויך פרימיטיוו געמאכט. ווען איר באטראכט די פרימיטיווע וואפן פון די אינדיאנער מוזט איר באוואונדערן, ווי אזוי די דאזיקע אוראלטע איינוווינער פון טשילע האבן באוויזן צו שטעלן א ווידערשטאנד דעם ווייסן מענטשן ביז אין סוף פון פאריקן יארהונדערט. עס האט ביי זיי געמוזט זיין א שטארקע ליבע צו זייער פאטערלאנד

און אַ מעכטיק, פאַרוואָרצלט געפיל פאַר גערעכטיקייט, אויב זיי האָבן באַוויזן אָנצוהאַלטן דעם ווידערשטאַנד אַזאַ לאַנגע צייט. נאָך היינט צו טאָג זעט איר זיי אומגיין אויף די גאַסן פון טעמוקאָ, איבערהויפט די פרויען, ווי עפּעס אויף אַ פרעמדער חתונה, זיי דרייען זיך אום אויף דעם ציוויליזאַציע־יריד, עפּעס אַזעלכע פרעמדע, אַזעלכע נישט־דאָיקע. דער באַוואָפנטער ווידערשטאַנד זייערער האָט זיך, אמת, פאַרענדיקט, אָבער עס איז נישט שווער צו דערקענען זייער פאַסיוון ווידערשטאַנד צו אַלץ וואָס רינגלט זיי אַרום. זיי גייען פאַרביי די ריזיקע שויפענצטער מיט די מאָדערנסטע מלבושים אין זייערע פרימיטיווע שאַלן. זייערע גלאַט־פאַרקעמטע האָר, אַרומגענומען מיט דעם אומבאַדינגטן „טראָהוע", זענען דער עקוויוואַלענט פון די מאָדערנע פריזורן וואָס זיי זעען ביי זייערע ווייסע שוועסטער און די פרויען־שיך אין די לוקסיעזע שויפענצטער זענען זאכן וואָס געהערן ניט צו זייער רומל. א פרעמדע וועלט, אַ וועלט פון הונדערטער, פון טויזנטער יאָרן צוריק, אַ וועלט וואָס שמעקט נאָך אורוואַלד און נאָך אומגעצוימטע אינסטינקטן, טראָגן זיי מיט זיך אום אויף די גאַסן פון גרויס־שטאָט. נישט עס רופט זייער אויפמערקזאַמקייט אַלץ וואָס זיי זעען אַרום זיך און נישט זייער אָנוועזנהייט מאַכט אויף עמעצן פון אַרומיקע אַ באַזונדערן איינדרוק. אַ געוויינלעכע דערשיינונג. די אוראייניקלעך פון יענע וואָס זענען אַמאָל געווען די איינציקע הערשער פון דער געגנט, דרייען זיך אַרום ווי לעבעדיקע רעליקוויעס פון פרימיטיווע שבטים, וועלכע האָבן פאַרגעצויגן ליבערשט אונטערצוגיין איידער אָנצונעמען אַ ציוויליזאַציע, וועלכע קלעפּט זיך נישט צו זיי, אַ ציוויליזאַציע וואָס געפעלט זיי נישט. יאָ, דאָס ריכטיקע וואָרט — עס געפעלט זיי נישט.

***

דער ווידערשטאַנד פון די אינדיאַנער אין טשילע, האָט זיך פאַרענדיקט אָפיציעל אין 1881. דאָס מיינט מען דעם אַקטיוון ווידערשטאַנד. דער פאַסיווער ווידערשטאַנד האַלט נאָך אָן ביז היינטיקן טאָג. אפשר שטאַמט דער דאָזיקער ווידערשטאַנד פון זייערן אַ טויזנטיעריקן אָרגאַנישן געפיל, וואָס דערלויבט זיי נישט צו אַסימילירן אין זיך די נייע ציוויליזאַ־

ציע, אָבער עס איז דאָ אַ קאָנקרעטע סיבה פאַרוואָס זיי פילן נישט קיין איבעריקע סימפּאַטיע צו זייערע ווייסע הארן. פונקט ווי אין אַנדערע לענדער פון לאַטיין־אַמעריקע, האָט מען אויך דאָ צוגערויבט ביי די אינדיאַנער זייערע נחלות דורך פאַרשידענע מאַכינאַציעס און זיי האָבן איצט אַן ארבעט צו קעמפן מיט די ווייסע דורך די געריכטן. מען קאָן זיך פאָרשטעלן ווי עס זעט אויס זייער לאַגע, ווען מען נעמט אין אַכט, אַז עס פאַרמעסטן זיך דאָ פרימיטיווע, צוריקגעשטאַנענע אינדיאַנער אָן שום איינפלוס, מיט פיפיקע כיטראַקעס, וועלכע האָבן אומעטום אַ פוס. איידער וואָס ווען פאַלן זיי אריין אין די הענט פון ווינקל־אַדוואָקאַטלעך, וואָס פרעסן ביי זיי אויס ביז צום לעצטן סענט און די געריכט־פּראָצעדורן ציען זיך אָן אַ סוף, ביז עס ווערט זיי סוף כל סוף נמאס און זיי רעזיגנירן פון זייערע רעכט.

אין אָסאָרנאָ, אַ שטאָט אין דרום־טשילע, האָב איך געזען עטלעכע צענדליק אינדיאַנער וואַרטן אינדרויסן ביי די טריבונאַלן. אַ ייד, אַ שטענדיקער תושב פון אָסאָרנאָ, האָט מיר דערציילט, אַז דאָס איז אַ בילד וואָס מען זעט דאָ כסדר. דער צד שכנגד פון דער לאָדעניש, איז כמעט שטענדיק אַ דייטש, ווייל אין דער קונסט פון צונעמען ביי די געבירטיקע זייערע פעלדער, האָבן די „ריינע אריער", וואָס וווינען אין מאַסן אין דרום־טשילע, ארויסגעוויזן אמתע עלאָקווענץ און די באַרימטע דייטשע פּינקטלעכקייט. דער דייטשער אינסטינקט פאַר רויב און באַהערשונג האָט דאָ געפונען אַ גאַנץ גוטן באָדן פאַר זיין אַנטוויקלונג. עס פאַרשטייט זיך, אַז באַרויבט די אינדיאַנער פון זייערע פעלדער האָבן נישט נאָר די דייטשן, אָבער לויט מען האָט מיר דערציילט, האָבן עס די אוראייניקלעך פון די גערמאַנישע הונען געמאַכט באַזונדערס ברוטאַל.

האָב איך געקוקט אויף די פּאָר מנינים אינדיאַנער, וועלכע האָבן דאָ אינדרויסן געוואַרט אויף גערעכטיקייט און געטראַכט, אַז ווי טראַגיש עס מוזן זיך פילן די וואָס זעען זייער אונטערגאַנג מיט די אייגענע אויגן; וויפל האָס און צאָרן עס מוז ארויסרופן דער ווערעדיקט פון דעם געריכט, וועלכער איז בדרך כלל קעגן זיי. און דאָס זענען דאָך די אָפּשטאַמלינגען פון יענע, וואָס האָבן אין משך פון דריי הונדערט יאָר געשטעלט אַ ווידערשטאַנד דער אריינדרינגונג פון דעם ווייסן מענטשן! דאָס זענען די

איייניקלעך פון קאַופּאָליקאַן, לאַוטאַראָ און גאַלוואַרינאַ, וועלכע די לע־גענדע הילט אַרום אַן אָרעאָל פון מוט און העלדישקייט!

***

די אינדיאַנישע גלאָריע געהער אין טשילע צו דער געשיכטע, וועל־כע מאַכט נישט די מינדסטע אָנשטרענגונג זי צוצונעמען ביי זיי. די טשילענער געשיכטע פּרוווט נישט אָפּצוטרייסלען זיך פון די אינדיאַנער, אַלס אַ טייל, און זייער וויכטיקער טייל, פון דער טשילענער נאַציאָנאַ־ליטעט. דער נאַטירלעכער מוט און העלדישקייט פון דעם עכטן טשילענער ווערט טיילווייז צוגעשריבן דעם ביאָלאָגישן איינפלוס פון די אַראַוקאַנער וועלכער איז גאַנץ בולט אין דער גענעאָלאָגיע פון דעם טשילענער פאָלק. די געשיכטע אָנערקענט די אינדיאַנער אַלס אַ טייל פון דער טשילענער נאַציאָנאַליטעט, אָבער דאָס לעבן, דאָס רעאַלע לעבן פאַרלייקנט עס. ביאָלאָגיש שטעלן די אינדיאַנער מיט זיך פאָר אַ פּראָצעס אין ליקווידאַ־ציע און גייסטיק איז זייער איינפלוס געווען און איז — נול. פּונקט ווי די הערלעכע לאַנדשאַפטן פון טשילע, אירע בערג, טאָלן, טייכן און אָזערעס שטעלן די רעשטן פון די אינדיאַנער מיט זיך פאָר אָביעקטן פאַר טוריס־טישער אַטראַקציע און אין דער הינזיכט זענען שוין פאַראַן געוויסע קרייזן, וועלכע זענען פאַראינטערעסירט אויפצוהאַלטן זייערע ישובים, זייער הלבשה, זייערע וווינונגען און זייערע מנהגים אין דעם פּרימיטיוון צו־שטאַנד, ווי מיט הונדערטער און טויזנטער יאָרן צוריק.

און עס איז כדאי אָנצווווייזן, אַז אויף דעם געביט פון פאַרשידענע אָריגינעלע אויסאַרבעטונגען צייכענען זיך די אינדיאַנער אויס אין דער טשילענער הויז־אינדוסטריע. אין סאַנטיאַגאָ, וואַלפּאַראַיסאָ און אַנדערע גרויסע שטעט פון טשילע, וועט איר אָנטרעפן אין די צענדליקער גע־שעפטן וואָס פאַרקויפן „אַראַוקאַנישע קונסט". באַזונדערס פעאיק זענען זיי אויף דער אויסאַרבעטונג פון וואַרעמע, וואָלענע שאַלן און דעקעס און אַזעלכע אָריגינעלע טעפּיכער, וועלכע זיי מאַכן מיט ראַשיקע קאָלירן. אויפן געביט פון קאָמבינירן קאָלירן ווייזן זיי אַרויס אַ באַדייטנדן קונסט־חוש און די פאַרבן מאַכן זיי אַליין פון פאַרשידענע קרייטעכצער און קאָרעס פון פלאַנצן אוןביימער. זיי זענען אויך גרויסע מומחים אין דער סעלעקציע פון הייל־קרייטעכצער און גראָזן, וועלכע מען געפינט לרוב אין די בערג.

די לעצטע מאהיקאנער — דאָס איז דער געדאַנק וואָס באַהערשט אייך, ווען איר זעט אין דער פּראָווינץ קאוטין, באַזונדערס אין טעמוקאָ און אומגעגנט, די רעשטן פון דעם וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט איינער פון די קריגערשסטע אינדיאַנישע שבטים אויף דעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט. די אַראוקאַנישע שבטים פון טשילע, וועלכע האָבן זיך אַמשטאַרקסטן קעגנגעשטעלט דער ווייסער אַריינדרינגונג זענען פאַרשוואונדן געוואָרן כמעט אָן אַ שפור אויפן שעפערישן געביט, און האָבן נישט געלאָזט קיין שום מאָנומענט פון אַ גייסטיקן אָדער עסטעטישן ניוואָ, ווי עס האָט פּאַסירט מיט זייערע אינקאישע לאַנדסלייט פון פּערו. אין די צייטן פון אולטראַ מעכאַנישע ווערבעריעסן פאַרלירן זייערע פּרימיטיווע שאַלן און „מאַנטאַס" דעם מאַרק און דאָס דערשיינען פון פּעניסילין אין די שוויפענצטער פון די אַפּטייקן אַלס אַ געוויינלעך הייל־אַרטיקל, האָט באַדייטנד רעדוצירט די קאָט'זאַציע פון די אינדיאַנישע קרייטעכצער...

די אינדיאַנער פון טשילע און זייער גלאָריע געהערן שוין צו דער געשיכטע, וועלכע איז צו זיי זייער גרויסמוטיק; דאָס לעבן נישט אַזוי...

וועלדער אין פלאַמען

אין חודש פעברואַר פון 1945 איז מיר אויסגעקומען צו באַזוכן אַ גאַנצע רייע געגנטן פון דרום־טשילע, ווו איך האָב צווישן אַנדערע אומפאַרגלייכלעכע נאַטור־בילדער פון דעם דאָזיקן באַרגיקן און וואולקאַנישן לאַנד אויך געזען דאָס ווילד־שיינע בילד פון וועלדער אין פלאַמען, אַ בילד וואָס האָט זיך מיר איינגעקריצט אין זכרון ווי איינע פון די זעלטנסטע איבערלעבונגען.

געפאָרן בין איך זוכן אַבאָנענטן פאַר דעם יידישן וואָכנבלאַט, וואָס איך האָב מיט אַ יאָר פריער געהאַט געגרינדעט און רעדאַגירט אין דער טשילענער הויפטשטאָט. איצט מעג מען שוין אויסזאָגן דעם סוד, אַז אין דער הינזיכט איז מיין רייזע געווען אַ קיילעכדיקער דורכפאַל, מחמת די יידן פון דרום־טשילע זענען ווייניק־וואָס נתפעל געוואָרן פון מיינע לאָגישע אַרגומענטן, אַז עס ליגט אויף זיי אַ „נאַציאָנאַלער חוב" צו שטיצן דאָס בלאַט וואָס דערשיינט אין סאַנטיאַגאָ. אייניקע האָבן אויף מיר געקוקט מיט אַ טיף רחמנות־געפיל און אַנדערע האָבן מיך גלאַט באַטראַכט אלס א טויגעניכטס און לא־יצלח און האָבן אויס מיטלייד זיך אַבאָנירט אויף דער צייטונג. ווי אַזוי עס זאָל נישט זיין, האָב איך מיר געקאָנט אויסשלאָגן די הוצאות פון דער דאָזיקער רייזע, וואָס איז פון געשעפטלעכן שטאַנדפונקט געווען אַ קיילעכדיקער דורכפאַל, אָבער וואָס האָט מיר פערזענלעך, אַלס שרייבער, פאַרשאַפן אַן אויסערגעוועגלעכן נחת־רוח, ווי נאָר עס קענען פאַרשאַפן די מעשה־בראשיתדיקע פאַנאָראַמעס פון דעם דאָזיקן טראַנסאַנדינישן לאַנד.

ווער עס האָט באַזוכט טשילע, און באַזונדערס דרום־טשילע, וועט אייך וויסן צו דערציילן, אַז זעלטן־ווו זעט מען אַזוי פיל נאַטור־פראַכט אָנגעהויפנט, וואָלט איך געזאָגט, אויף איין פלאַץ. טשילע איז זייער אַ שמאָל לאַנד, וואָס ליגט צווישן דער קייט פון די ווילד־מאַיעסטעטישע

אנדן־בערג און דער אומענדלעכער וואַסער־וועלט פון דעם פּאַסיפישן אָקעאַן; און פונקט ווי איר קענט אין דער צענטראַל־זאָנע פון אַרגענטינע אָפּפאָרן טויזנט קילאָמעטער און נישט אָנטרעפן „אויף קיין רפואה" קיין בערגל אָדער וועלכע עס איז דעפּרעסיע פון דעם באָדן, אַזוי קענט איר אין טשילע אָפּפאָרן טויזנט קילאָמעטער און נישט זען קיין שטיקל פלאַכן באָדן. און אויב — ווי עס זאָגט ה. וועלס אין זיין קורצער וועלטגעשיכטע — די פעלדזן זענען בלעטער אויף וועלכע עס איז פאַרשריבן די געשיכטע פון אונדזער פּלאַנעט, איז טשילע בלי־ספק פון די וויכטיקסטע אָפּטיילונגען פון דער דאָזיקער „ביבליאָטעק". אייניקע פון די פעלדזן אין די אנדן־בערג, וואָס אימפּרעסיאָנירן דעם צושויער שוין מיט זייער ריזן־גרויסקייט אַליין, האָבן נאָך דערצו דעם אויסזען פון אומגעהויערע אָפּגעלאָשענע קוילן, וואָס עפּעס אַ מיסטעריעזע האַנט האָט פון ערגעץ־ווו אַרויסגענומען און זיי דאָ אַוועקגעלייגט עד סוף כל הדורות...

וואָס ווייטער צו דרום־צו ווערט די באַרגן־קייט פון די קאָרדיליערן נידעריקער און וויניקער ווילד ווי זי איז אין דער צענטראַלער זאָנע פונעם לאַנד און זי איז אויך פאַרבנרייכער, צוליב די וועלדער וואָס וואַקסן אויף די רוקנס פון די בערג, וועלדער פון ווער ווייסט וויפל טויזנטער יאָרן, וואָס האָבן נאָך נישט געהערט דעם מאָנאָטאָנעם גערויש פון דער זעג אָדער דעם טעמפּן אָפּהילך פון דער האַק, אָבער וואָס פאַרזוכן פון צייט צו צייט דעם טעם פון פייער, וואָס מאַכט אין זיי אָן אמתע חורבנות. מען ווייסט נישט פון וואַנען עס נעמט זיך, אָבער פון דער העלער הויט ברעכט אוים אין די דאָזיקע אוראַלטע וועלדער אַ שרפה, וואָס פאַרניכטעט דיביימער אויף הונדערטער קוואַדראַט־קילאָמעטער און עס איז נישטאָ די קראַפט וואָס זאָל די דאָזיקע גיהנומדיקע שריפות אָפּלעשן, ביז עס קומט אַ גאָס־רעגן און מאַכט אַ סוף צו דער דאָזיקער טראַגעדיע פונעם בוים, ווי מען וואָלט מיט רעכט געקאָנט באַצייכענען די דאָזיקע סטיכישע אויסברוכן.

בעת מיין דעמאָלטדיקער רייזע איבער דרום־טשילע, האָבן די צייטונגען געקאָכט מיט אַזעלכע שרפות, וואָס האָבן פאַרוויסט די וועלדער סיי אויף דער טשילענער און סיי אויף דער אַרגענטינער זייט פון דער אנדן־קייט. עס זענען געוועזן אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז די דאָזיקע

שרפות זענען נישט קיין צופעליקע אָדער אַקצידענטאַלע דערשיינונגען, נאָר זיי ווערן בכיוון פאַראורזאַכט פון געוויסע עלעמענטן, וואָס האָבן אין דעם אַ ספּעציעלן אינטערעס, און האָבן געפאָדערט, אַז די רעגירונג זאָל קענען זיי אָננעמען דראַסטישע מאָסמיטלען. וועלכע עס זאָל אָבער נישט געווען זיין די ריכטיקע סיבה פון די דאָזיקע שרפות, זענען זיי געווען אַ פאַקט וואָס האָבן געלאָזט זייער טיפע און טראַגישע, וואָלט איך געזאָגט, שפּורן אויף דער לאַנדשאַפט פון יענעם ווינקל, וואָס די נאַטור האָט באַשאָנקען מיט אַזאַ שפע פון שיינקייט.

פאָרנדיק מיט דער באַן צווישן טעמוקאָ, די אומגעגנט ווו עס וווינען נאָך די לעצטע רעשטן פון די בראַווע טשילענער אַראַוקאַנער אינדיאַנער, און פּוערטאָ מאָנט, ווו עס ענדיקט זיך די אייזנבאַן־ליניע און עס הייבט זיך אָן דער באַרימטער אַרכיפּעלאַג פון די דרומדיקע אינדזלען, וואָס ציען זיך ביז צו דעם מאַגאַליאַנעס־דורכגוס, האָט מען פון דערווייטנס געזען די וואָלקנס רויך וואָס האָבן געצויגן אין הימל אַריין פון די ברענענדיקע וועלדער. אפילו דער וואָס האָט נישט געוווסט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, האָט באַלד געקאָנט באַמערקן, אַז דאָס זענען נישט קיין געוויינלעכע שייטערס וואָס עמעצער האָט אָנגעצונדן אין די בערג, נאָר אַז דאָס איז דער רויך פון אַ גאַנצער וועלט וואָס ברענט. די גאַנצע אומגעגנט צווישן וועלכער די באַן האָט געצויגן, איז געווען איינגעהילט אין אַ דורכזיכטיקן נעפּל פון דעם דאָזיקן רויך און צייטנווייז האָט זיך אפילו אויסגעוויזן, אַז דער רויך קיצלט אין דער נאָז...

אָבער נישט דווקא דער רויך איז געווען דאָס סאַמע שרעקלעכסטע פון דעם דאָזיקן איינדרוקספולן בילד. רויך איז סוף כל סוף אַ דערשיינונג וואָס גייט אַריין אין די נאַטירלעכע מעגלעכקייטן פון אונדזער אָפּטישער אויפנאַמס־פעאיקייט און דער רויך פון אַ קוימען איז אפילו זייער אַ נויטיקער דעטאַל אויף צו דערגענצן די האַרמאָניע פון אַ גוט־געמאָלענעם פּייסאַזש. דאָס סאַמע איינדרוקספולסטע וואָס מען האָט געזען, ווען די באַן האָט געצויגן נאָענט פון אַ ברענענדיקן וואַלד אָדער דורך אַ וואַלד ווו דאָס פייער האָט שוין געהאַט פאַרענדיקט די צעשטערערישע אַרבעט, זענען געווען די נישט דערברענטעביימער, וואָס האָבן נאַקעטע געסטאַר־טשעט אין רוים אַריין ווי די מאָוימדיקע ווייזפינגער פון פאַרלאָזטע

סקעלעטן. עס האָט ממש אָנגעכאַפּט אַ רחמנות צו זען די דאָזיקע ריזיקע האָלעוועשקעס וואָס זענען שטיין געבליבן מיט זייערע דורותדיקע וואָרצלען אין דער מוטער־ערד ווי די געשפּענסטער פֿון אַ מיסטעריעזער וועלט. זיי האָבן באמת אויסגעזען ווי נישט־דערשאָכטענע בעלי־חיים וואָס האָבן מיט די לעצטע כוחות זיך געראַנגלט צו דערהאַלטן זיך ביים לעבן. עפּעס ענלעכס מוז מיט זיך פֿאָרשטעלן דאָס בילד נאָך אַ פֿאָרגעקומענער גרויסער שלאַכט, ווו צווישן די אומגעקומענע בלייבן ליגן די שווער־פֿאַרוונדעטע, פֿאַר וועלכע עס איז שוין נישטאָ קיין שום רעטונג...

נאַטירלעך, איז דאָס ערשטע געפֿיל וואָס מען באַקומט פֿון אַזאַ בילד אַ געפֿיל פֿון שוידער ווי דאָס וואָס מען האָט, ווען מען זעט אַ שווער צעקאַליעטשעטן מענטש. די דאָזיקע נישט־דערברענטע ביימער האָבן מיט זייער וויסטן אויסזען (און געזען האָט מען זיי ממש אין די טויזנטער) עפּעס ווי צעוווּנדיקט די האַרמאָניע פֿון דער אַרומיקער הערלעכער פּאַנאָראַמע פֿון באַרג, טאָל און טייך. פֿון דער נאָענט האָט מען בולט געזען, אַז עס האַנדלט זיך וועגן נישט־דערברענטע ביימער, אָבער פֿון דערווייטנס האָבן זיי, אונטערן אָפּשיין פֿון דער פֿאַרגייענדיקער זון, אויסגעזען ווי די זיילן פֿון חרוב־געוואָרענע, פֿאַרצייטיקע פּאַלאַצן, וואָס שטייען שוין אַזוי טויזנטער יאָרן און האָבן דער אַרומיקער ווילד־שיינער לאַנדשאַפֿט צוגעגעבן אַן אויסזען פֿון מיסטעריע און פּרעהיסטאָרישער סודותדיקייט...

און נישט ווילנדיק איז מיר דאַן געקומען אויפֿן געדאַנק נישט דאָס וואָס עס איז פֿון די דאָזיקע ביימער געוואָרן, נאָר דאָס, וואָס עס האָט פֿון זיי געקענט ווערן... און די דאָזיקע השערה איז נישט געווען שווער צו מאַכן, ווען מען איז דורכגעפֿאָרן ביי די באַן־סטאַנציעס פֿון יענעם וויטן דרום־קאַנט און מען האָט געזען די אָנגעהויפּנטע סקלאַדן פֿון פֿאַרשידענעם געהילץ, וואָס שטאַמט טאַקע פֿון די וועלדער פֿון דרום־טשילע. עס איז נישט געווען שווער זיך פֿאָרצושטעלן, אַז די דאָזיקע אָפּגעברענטע ביימער, וואָס זענען פֿארלענדט געוואָרן פֿונעם פֿייער, וואָלטן געקענט פֿאַרוואַנדלט ווערן אין פּונקט אַזעלכע ברעטער, ווי די וואָס איך האָט געזען אָנגעהויפּנטע אויף די באַן־סטאַנציעס, ברעטער פֿון וועלכע עס וועט שפּעטער ווערן א דעליקאַט שטיק מעבל, אַ טיש, א בענקל אָדער גאָר א טיר

און א פענצטער פון א ניי הויז. נישט ווילנדיק איז מיר אויפן געדאנק געקומען דאָס וואָס איך טראכט אָפטמאָל, ווען איך זע אין א שויפענצטער, אין סאמע שטאָט־צענטער, אויסגעשטעלט א שטיק קונסט־מעבל און די פאנטאזיע פארטראָגט מיך אהין וווּ עס האָט געקענט וואקסן דער בוים, פון וועלכן מען האָט דאָס שטיק מעבל געמאכט... איך האָב אין די אָפּגעברענטע און נישט־דערברענטע ביימער דערזען די טויזנטער שטיק מעבל, וואָס האָבן נישט דערזען די ליכטיקע שיין און זענען אומגעקומען ווי די מפּילס אין דער מוטערס בויך נאָך איידער זיי זענען געבוירן גע־וואָרן...

דער איינדרוק, וואָס באקומט זיך פון זען רואינען איז נישט אומעטום דער זעלבער. איך דערמאָן מיך דעם איינדרוק, וואָס איך האָב באַקומען, ווען איך בין אמאָל דורכגעפאָרן אין דער געגנט פון מאראשעשט, אין רו־מעניע, ווו עס זענען אין דער צייט פון דעם ערשטן וועלט־קריג פאָרגעקו־מען ווילדע שלאכטן. די רומענער האָבן יענע געגנט גערופן דער „רומעני־שער ווערדען" און וואָס ווערדען מיינט, ווייסט יעדער איינער, וואָס גע־דענקט די ערשטע וועלט־מלחמה, אָדער האָט געלייענט וועגן דער בארימ־טער שלאכט אויפן מערב־פראָנט. עס זענען שוין געהאט אריבער עטלעכע יאָר זינט דער קריג האָט זיך געענדיקט, אָבער די שפּורן פון די שלאכטן האָבן זיך נאָך גאנץ בולט אָנגעזען. די ערד איז דורכאויס געווען ווי צע־וווּנדיקט און אומעטום האָט מען געזען סימנים פון דעם חורבן, וואָס דער מענטש האָט באוווסטזיניק אליין געבראכט אויף זיך. דאָס בילד האָט בפירוש געמאכט א דערדריקנדיקן רושם, אָבער אין דעם אונטערבא־וווּסטזיין האָט עפּעס דיר אונטערגעזאָגט אז עמעצער איז אין דעם אלעם שולדיק און אז מען האָט דאָס געקענט אויסמיידן. דאָס איז געווען די מילדערנדיקע זייט, וואָס געפינט זיך אין יעדער צער־שטימונג און וואָס העלפט אונדז טיילווייז אויסלאָדן און פארלייכטערן אונדזער דערדריקט געמיט.

גאנץ אַנדערש איז אָבער דער איינדרוק, וואָס מען באקומט פון רואינען, וואָס ווערן פאראורזאכט פון דער נאטור־סטיכיע, ווי אין דעם פאַל פון א פארפלייצונג, אן ערדציטערניש, אָדער אַ גרויסער וואלד־שריפה. דאָ איז נישטאָ דער מילדערנדיקער מאָמענט פון קענען ווארפן

אויף עמעצן די שולד און דער מענטש דערפילט זיך דאָ אין זיין גאַנצער אומבאַהאָלפנקייט, וואָס ווירקט נאָך מער צו פאַרשטאַרקן דעם איינדרוק, וואָס ער באַקומט פון דעם בילד, און עפּעס אַזעלכעס האָב איך טאַקע געפילט אין יענעם מאָמענט. ווען איך האָב געזען די חורבנות פון די אָפּגעברענטע וועלדער. זיי האָבן אויף מיר געמאַכט דעם זעלבן איינדרוק, וואָס איך האָב באַקומען פון די רואינען, וואָס איך האָב געזען אין טשיליאַן און קאָנסעפּסיאָן, זעקס יאָר נאָך דער טרויעריק־באַרימטער ערדציטערניש פון 1939, וואָס האָט אָנגעמאַכט אַן אמתע קאַטאַסטראָפע אין די ישובים פון צענטראַל און דרום־טשילע.

וואָס זענען די סקעלעטן פון נישט־דערברענטע ביימער אין אַזאַ פּרעכטיקער נאַטור־לאַנדשאַפט ווי די וואָס מען זעט אין דרום־טשילע? דער וואָס פאָרט אין יענער הערלעכער געגנט קאָן פּשוט נישט אָפּרייסן דאָס אויג פון דעם וואַגאָן־פענצטער, פאַר וועלכן עס שוועבן פאַרביי ווי אויף א כישוף־לייוונט איין בילד שענער פונעם צווייטן. בערג, בערג, בערג. און פון די בערג קוקן צו דיר אַראָפּ אוראַלטע וועלדער און פון צווישן די דאָזיקע אַלט־שטאַמיקע וועלדער קומען אַרויס טייכן, אָבער אַלע יאָגן זיי אַזוי שנעל אויף אַריינצופאַלן אין דעם אין־סופיקן אָקעאַן. אומעטום ווו דאָס אויג פאַלט זעט מען אומגעהייערע נאַטור־רייכטימער, וואָס זענען נאָך מיט גאָרנישט אויסגענוצט געוואָרן. דער מענטש האָט דאָ קוים א קראַץ געטון די ערד אין איר אויבערשטער שיכט, דאַן ווען אויף דער אויבערפלאַך פון דער ערד און אין אירע אינגעווייַדן ליגן אוצרות פון נישט אויסגענוצטע פּראָדוקטן און מינעראַלן. בלויז די עלעקטרישע קראַפט, וואָס מען וואָלט געקענט אַרויסבאַקומען מיט דער הילף פון די טייכן, וואָס גייען אין ניוועץ איז אַ פאַנטאַסטיש רייכטום, וואָס גייט לאיבוד און קיינער קוקט זיך אויף דעם נישט אום. און ווען מען באַרעכנט נאָר, וואָס עס וואָלט געקאָנט ווערן פון די אַרומיקע וועלדער און פון די מינעראַלן, וואָס געפינען זיך אונטער דער ערד מיט דער הילף פון דער דאָזיקער ביליקער עלעקטרישער קראַפט, קאָן מען זיך פאָרשטעלן, אַז דאָס דורכרייזן יענע געגנט פאַרשאַפט נישט נאָר אַן עסטעטישן און גייסטיקן פאַרגעניגן נאָר רופט אויך אַרויס געדאַנקלעכע אַסאָסיאַציעס און ביי מיר האָט זיך אין יענעם מאָמענט געשטעלט אַזאַ מאָדנע פראַגע ווי: וואָס וואָלט אַ

שטייגער געווען, ווען אזא „לענדל״ פאלט אריין אין יידישע הענט אלס זייערס אַן אייגנס? זיי וואָלטן שוין פון דעם געמאכט אַ לייט...

פון יענער רייזע קיין דרום־טשילע זענען מיר פארבליבן זייער אַ סך שיינע איינדרוקן, אָבער פון צווישן די דאָזיקע איינדרוקן שטייען מיר פאר די אויגן די נישט דערברענטע שטאַמען פון די אָפּגעברענטע וועלדער, וואָס האָבן זיך נישט געקאָנט דערוואַרטן אויף דעם תיקון, וואָס דער מענטש זאָל זיי געבן און זענען אומגעקומען דורך דעם פייער פון די געטער, ווי עס וואָלטן מסתמא געזאָגט די אַלטע גריכן...

א בליק אויפֿן מיסט־קעסטל

נישט קיין מיסט־קעסטל אין מעטאַפֿאָרישן אָדער סימבאָלישן זין האָב איך דאָ אינזינען, נאָר אַ מיסט־קעסטל. „פשוטו כמשמעו". אַ מיסט־קעסטל אין וועלכן מען קלויבט אין משך פֿון טאָג צונויף דאָס מיסט און מען שטעלט ער דערנאָך אַרויס פֿאַר דער שוועל פֿונעם הויז, אַז די מיסט־אויפֿקלייבערס זאָלן עס צונעמען.

עס וועלן זיך געפֿינען אַזעלכע וואָס וועלן טענהן אַז מיסט איז מיסט, און עס איז נישט כדאַי דערמיט זיך אָפּצוגעבן. די פּראַקטיק אָבער ווייסט אונדז צו דערציילן, אַז מיסט איז נישט נאָר נוצלעך, נאָר אין אַ סך פֿאַלן נויטיק און איך וועל מיר דערלויבן צוצוגעבן, אַז דאָס מיסט איז איינס פֿון די בעסטע און קאָנקרעטסטע מיטלען, דורך וועלכן מען קאָן שטודירן דעם מאַטעריעלן מצב פֿון די פֿעלקער. מיט איין בליק אויפֿן מיסט־קעסטל, קאָנט איר דערקענען ווי עס האַלט מיט דעם לעבנס־ניוואָ פֿון אַ פֿאָלק.

צי איז אייך אַמאָל איינגעפֿאַלן אַ קוק צו טון אויף די מיסט בלעכן, וואָס מען שטעלט אַלע אינדערפֿרי אַרויס ביי די טירן פֿון בוענאָס איירעס? די דאָזיקע מיסט בלעכן און די וועגענער וואָס זאַמלען צונויף דעם אָפּ־פֿאַל, דערציילן אייך בעסער ווי אַלע באַריכטן און סטאַטיסטיקעס וועגן דעם הויכן מאַטעריעלן מצב אין אַרגענטינע. עס איז מיט גאָרנישט איי־בערגעטריבן צו באַהויפּטן, אַז אין אַרגענטינע גייט אַוועק אין אָפּפֿאַל אַזוי פֿיל עסבאַרע שפּייז, וויפֿל עס ווערט פֿאַרנוצט; דאָס וואָס עס ווערט אין אַרגענטינע אַוועקגעוואָרפֿן איז גענוג אויף צו באַשפּייזן טויזנטער און אפֿשר צענדליקער טויזנטער מענטשן.

איך פּערזענלעך, האָב שטענדיק געהאַט דאָס דאָזיקע געפֿיל; דעם ריכטיקן באַגריף האָב איך אָבער באַקומען דאַן, ווען איך האָב געזען דאָס מיסט אין טשילע. אין אַ פֿרימאָרגן בין איך געשטאַנען און געוואַרט אויף אַ טראַמוויי און מיין בליק איז געפֿאַלן אויף אַ מוניציפּאַלן וואָגן, וואָס

האָט צונויפגעזאַמלט דאָס מיסט. קוקנדיק דערויף, האָט זיך מיר נישט ווילנדיק פאַרגעשטעלט דאָס בילד פון די בוענאָס איירעסער מיסט־וועגענער און עס איז פאַר מיינע אויגן אויסגעוואַקסן בולט דער אונטער־שיד אין דעם מאַטעריעלן לעבנס־ניוואָ פוןביידע פעלקער.

ווען אַ פאָלק איז זאַט און לעבט אין רחבות, ווי עס איז דער פאַל אין אַרגענטינע, דערציילט אייך אפילו דער אָפּפאַל וועגן דער שפע; דאָס מיסט וואָס איך האָב צופעליקערווייז געזען אין דעם אויבנדערמאָנטן טשי־לענער וואָגן, האָט דערציילט וועגן דער מאָגערער דיעטע פון דעם טראַנס־אַנדינישן פאָלק. נישט נאָר אַ גרעסערער בעל־חי, נאָר אפילו אַ פייגעלע האָט, ווי מיר דוכט זיך, נישט געהאַט וואָס צו געפינען אין דעם דאָזיקן וואָגן מיט אָפּפאַל, אין וועלכן עס איז אפילו פאַר קיין רפואה נישט געווען צו באַמערקן עפּעס וואָס זאָל טויגן צום עסן.

דאָס וויל, פאַרשטייט זיך נישט זאָגן, אַז אין טשילע שטאַרבט מען חלילה פאַר הונגער, אָבער ווען מען נעמט אַלס ביישפּיל די אַרגענטינער דיעטע, איז דער מעניו פונעם טשילענער פאָלקס־מענטש זייער אַן אָרע־מער. דאָס מיסט, וואָס איר זעט דאָרט דערציילט אייך קלאָר, אַז עס בלייבט נישט דעם טשילענער פאָלק וואָס אַרויסצוואַרפן אין אָפּפאַל, אויסער אַזעלכעס וואָס טויג שוין מער נישט צום עסן.

אין אַרגענטינע קאָנט איר אין יעדן מיסט בלעכל זען גאַנצע חמרים ברויט, פלייש און פרוכט; אין טשילע האָב איך קיינמאָל נישט באַמערקט, אַז אויפן מיסט זאָל זיך וואַלגערן אַ שטיקל ברויט — פון פלייש איז אָפּגערעדט.

דאָס פאַרשטייט זיך, שליסט נישט אויס, אַז די פאַרמעגלעכע שיכטן פאַרמאָגן מער וויפל זיי דאַרפן צום עסן און אַז אין טשילע זענען פאַראַן אַזעלכע מענטשן, וואָס לאָזן איבער מער וויפל זיי קאָנען אויפעסן, אָבער די דאָזיקע פּרטים באַשטעטיקן בלויז דעם כּלל, אַז איר וועט אין טשילע גיכער זען וואַלגערן זיך אויפן מיסט מענטשן, וועלכע זוכן עפּעס צו שטילן דעם הונגער, איידער עפּעס אַזעלכעס, וואָס זאָל באמת זיין עסבאַר.

שרייבנדיק וועגן דער דיעטע פונעם טשילענער פאָלק, דערמאָנט זיך מיר פאָלגנדער אינטערעסאַנטער עפּיזאָד:

פאַליק לערנער

ווען איך בין דאָס ערשטע מאָל געפאָרן קיין טשילע, בין איך איינגע־שטאַנען אין אַ האָטעל פון מענדאָסאַ, ווו איך האָב געוואַרט אויף דער טראַנסאַנדינישער באַן. אין די מענדאָסער האָטעלן גיט מען אויסערגעוויינ־לעך אַ סך און גוט עסן. האָב איך נאַטירלעך נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה ווי אויך נאָכצוהאַלטן דעם דאָזיקן מנהג, ווער שמועסט אַז דעמאָלט מיט קנאַפּע צען יאָר צוריק האָט מיר קיין אַפּעטיט נישט געפעלט...

פלעגט דער קעלנער זיך נוהג זיין, אַז נאָך די זעקס זאַטע טעלער וואָס ער האָט אייך סערווירט האָט ער געפרעגט צי זייט איר חלילה נישט געבליבן הונגעריק און אויב יאָ, קאָן ער אייך הייסן צוגרייטן „און ביפע־סיטאָ", אַ ביף, הייסט עס, פון אַ האַלבער קילאָ פליייש, לויט די השגות פון די מענדאָסער האָטעלן.

נאַטירלעך, פלעג איך דעם אָנבאָט פונעם קעלנער אויפנעמען ווי אַ וויץ, אָבער איינמאָל, ווען איך האָב געזען מיט וואָס פאַר אַן ערנסט פנים ער מאַכט מיר דעם אָנבאָט, האָב איך אַ פרעג געטון:

— זאָגט מיר, כ'בעט אייך, וואָס איז די מעשה וואָס מען גיט דאָ אין די האָטעלן אַזוי פיל עסן?

דער קעלנער, וועלכער האָט געוווסט אַז איך פאָר קיין טשילע, האָט אָנשטאָט ענטפערן אויף מיין פראַגע, מיך געפרעגט:

— איר פאָרט צום ערשטן מאָל קיין טשילע?

— צום ערשטן מאָל — האָב איך געענטפערט.

— אויב אַזוי עסט דאָ וויפל ס'לאָזט זיך, ווייל אין טשילע וועט מען אייך נישט געבן אַזוי פיל און אַזאַ עסן — האָט ער מיך מיט אַ טאָן פון עצה געוואָרנט און דערביי זיך צעשמייכלט מיט זיין ברייט מויל פון וועלכן עס האָבן אַ שיין געטון צוויי שורות ווייסע און שטאַרקע ציין.

דיווירקלעכקייט האָט עס שפּעטער באַשטעטיקט. זיין וואָרענונג איז געווען אמת, נישט נאָר אינעם זין פון דער קוואַליטעט נאָר אויך וואָס שייך דער קוואַנטיטעט פון דעם מעניו אין די האָטעלן און פענסיאָנען פון טשילע.

אין טשילע זענען פאַראַן סאַליטרע מאַגנאַטן, קוילן־ און קופּער־קעניגן, אָבער איך שטעל מיר נישט פאָר קיין מיסט־קעניג, אַזעלכע וואָס זענען פאַראַן אין אַרגענטינע, פּשוט דערפאַר, ווייל דאָס מיסט וואָס איך

האָב געזען דאָרט איז טאַקע ריכטיקער אַפּפּאַל, פון וועלכן עס איז אומ־מעגלעך אַרויסצונעמען עפּעס, וואָס זאָל נאָך טויגן פאַרן געברויך.

ווער עס האָט געזען אַוועקפירן דאָס איבערבלייבעכץ פון די בוענאָס איירעסער רעסטאָראַנען, וועט זיך קוים קאָנען פאָרשטעלן אַז איר זאָלט פון דער פּאָרציע, וואָס מען גיט אייך אין אַ טשילענער רעסטאָראַן, נאָך קאָנען איבערלאָזן עפּעס אויף אַרויסצוואַרפן, סיידן אַזעלכעס וואָס טויג שוין נישט. די וואָס עסן שטייענדיק ביי די ביליקע גאַסן־רעסטאָראַנדלעך, זענען אוודאי נישט קיין קאַנדידאַטן אויף צו באַרייכערן דאָס מיסט־קעסטל מיט צו־וועגטפולע שיריים, ווען מען נעמט אין אַכט דעם מאָלצייט, וואָס זיי עסן. די טויזנטער אָרעמע און היימלאָזע, זיי עסן דאָך קיינמאָל נישט צו דער זעט. איז פון וואַנען זאָל זיך נעמען אַ העכערע קאַטעגאָריע צו דעם מיסט־קעסטל אין טשילע?...

***

פאַר אַ טשילענער איינוווינער, וועלכער האָט קיינמאָל נישט באַזוכט אַרגענטינע, וועט די דאָזיקע דעפיניציע קלינגען אומגלויבלעך: פאַר דעם וואָס קומט פון אַרגענטינע קיין טשילע איז דער חילוק אַן אויסערגעוויינ־לעכער. מען דאַרף נישט זיין קיין גלאָטאָמאַן (אַ פרעסער), אַז מען זאָל האָבן אויסצוזעצן קעגן דער דורכשניטלעכער דיעטע פונעם טשילענער פאָלק. עס איז אָבער גענוג צו וויסן, אַז טשילע מוז אַ גרויסן טייל פון איר עשפּייז אימפּאָרטירן פון אויסלאַנד און צו זיין באַקאַנט מיט די שוועריקייטן וואָס טשילע האָט אין אירע יבשה און ים־קאָמוניקאַציעס מיט אויסלאַנד, אויף צו פאַרשטיין די ריכטיקע סיבה פון דעם נישט געהויבענעם באַשפּייזונגס מצב אין דעם טראַנסאַנדינישן לאַנד. טשילע פּראָ־דוצירט נישט גענוג ברויט און פלייש פאַר איר באַפעלקערונג און די פּראָ־דוקטן וואָס קומען אַריין פון אויסלאַנד, זענען נישט שטענדיק גענוג און טראָגן אויס טייער. דער טראַנספּאָרט פון פּי פון אַרגענטינע קיין טשילע איבער די אַנדן־בערג, איז ביז היינטיקן טאָג אַן אויסערגעוויינלעכע, שווע־רע אונטערנעמונג און אין באַשטימטע פּעריאָדן פונעם יאָר, ווען די דורכ־גענג פון די בערג זענען בלאָקירט פונעם שניי, אין דער דאָזיקער טראַנס־פּאָרט אינגאַנצן פּאַראַליזירט, מיט די געהעריקע קאָנסעקווענצן פאַר דער באַשפּייזונג פון דער טשילענער באַפעלקערונג.

אין אַ סך אַספּעקטן פון איר ווירטשאַפטלעכן לעבן ליידט טשילע די קאָנסעקווענצן פון איר געאָגראַפישער אוביקאַציע. עס זענען פאַראַן זייער ווייניק לענדער אויף דער וועלט, וואָס זאָלן געאָגראַפיש זיין אַזוי אָפּגעזונדערט דורך דער יבשה און ים פון דער איבעריקער וועלט ווי טשילע, און די דאָזיקע לאַגע שפּיגלט זיך אָפּ אויפן גאַנצן לעבן פונעם טשילענער פאָלק און איבערהויפּט אויף זיין קעשענע.

לויט איר געאָגראַפישער פּאָזיציע און כאַראַקטעריסטיק, וואָלט טשילע געדאַרפט זיין אַ לאַנד מיט אַן אויטאַרכישער ווירטשאַפט. דאָס הייסט, אַז זי זאָל זיך אַליין באַזאָרגן, ליידער אָבער איז זי עס אין פיל הינזיכטן נישט און דאָס רופט זיך אָפּ אויפן עקאָנאָמישן מצב פון דעם פאָלק. די קאָמוניקאַציעס מיט אויסלאַנד זענען זייער שווערע, ווייטע און קאָמפּליצירטע, און דאָס ווירקט סיי וואָס שייך דעם אימפּאָרט פון די געברויך־אַרטיקלען פאַר דער באַפעלקערונג און סיי בנוגע דעם עקספּאָרט פון די אַרטיקלען און מינעראַלן מיט וועלכע טשילע איז זייער רייך.

פון מענדאָסאַ קיין סאַנטיאַגאָ דע טשילע איז פאַראַן נישט מער ווי אַזעלכע דריי הונדערט פופציק קילאָמעטער, אָבער דער טראַנספּאָרט צווישן די צוויי שטעט איז, אפילו ביי די היינטיקע פאַרהעלטענישן, פאַרבונדן מיט שוועריקייטן און טראָגט אוים טייער. סחורה וואָס ווערט אַרויסגעשיקט פון בוענאָס איירעס קיין סאַנטיאַגאָ, קומט זעלטן אָן פאַר צוויי חדשים, ווען זי ווערט געשיקט דורך דעם ים־וועג, ווייל דאָס הייסט, אַז זי מוז געפירט ווערן אָדער דורכן פּאַנאַמאַ־קאַנאַל אָדער דורכן מאַגאַליאַנעס דורכגאַנג — איןביידע פאַלן אַ זייער ווייטע שטרעקע.

בעת דער מלחמה האָבן די מינעראַלן פון טשילע געהאַט אַן אָפּזאַץ, ווייל די אַליאירטע האָבן נויטיק געהאַט דעם טשילענער קופּער, די טשילענער סאַליטרע און דאָס אייזן־אַרץ פאַר קריגס־צוועקן און די טשילענער מינעראַלן האָבן נישט געהאַט אויסצושטיין קיין טראַנספּאָרט־פּראָבלעמען, ווייל די ענגלישע און נאָרד־אַמעריקאַנער פלאָטן האָבן עס באַזאָרגט. אָבער אין נאָרמאַלע פרידנס צייטן האָט די טשילענער מינעראַלן־פּראָדוקציע אויסצושטיין אַ שטאַרקע קאָנקורענץ, וועלכע זי קאָן נישט אויסהאַלטן, צוליב די שוועריקייטן און דער טייערקייט פונעם טראַנספּאָרט־וועזן מיט דער אויסערלעכער וועלט. די טשילענער סאַליטרע, וועלכע איז אין מלחמה־

צייט „פאַרצוקערט״ געוואָרן פון די אַליאירטע אויף צו מאַכן אויפרייס־שטאָפן, קאָן אין נאָרמאַלע צייטן בשום אופן נישט אויסשטיין די קאָנ־קורענץ פון דער סינטעטישער סאַליטרע, כאָטש דאָס פּראָדוצירן די לעצטע טראָגט אויס פיל טייערער; די סיבה ליגט אין דעם, וואָס די טשילענער סאַליטרע קאָסט טייער איבערצופירן.

אפשר וועט פאַר א סך לייענער אויסזען עקסטראַוואַגאַנט דאָס „משדך״ זיין דאָס טשילענער מיסט־קעסטל מיט דער געאָגראַפישער פּאָ־זיציע פונעם לאַנד. איך אָבער דענק, אַז די געאָגראַפישע פּאָזיציע פון טשילע און איר איינפלוס אויפן ווירטשאַפטלעכן לעבן פונעם לאַנד, האָבן אַ זייער ענגע שייכות מיטן עקאָנאָמישן מצב פון דעם פאָלק און מיט די מאָגערע שיריים וואָס ער לאָזט פאַרן מיסט־קעסטל...

אין טשילע ציטערט די ערד

נאטור־קאטאסטראפעס, אזעלכע ווי ערדציטערנישן, פארפלייצונגען און כראנישע עפידעמיעס, זענען דערשיינונגען וואס לייגן א באשטימטן חותם אויף דער פיזיאלאגישער און פסיכישער פארמאציע פון די פעל־קער וואס לעבן זיי איבער. עס וועט אפילו נישט זיין איבערגעטריבן צו זאגן אז זיי שפילן א וויכטיקע ראלע אין זייערע סאציאל־עקאנאמישע נייגונגען. אין טשילע פילט מען דאס אויף טריט און שריט.

צו דער קאטעגאריע פון די שרעקלעכע נאטור קאטאקליזמען גע־הערן די סיסמישע פענאמענס, אדער ערדציטערנישן. עפידעמיעס אדער פארפלייצונגען קאן מען אין א געווויסן זין פארכאפן, ווייל שטענדיק זענען פאראן באשטימטע סימנים אדער סימפטאמען וואס קלאפן די טרעוואגע וועגן זייער אנקומען; ערד ציטערנישן זענען שטענדיק ספאנ־טאנע דערשיינונגען, וועלכע לאזן זיך מיט גארנישט פאראויסזען. זייער דעסטרוקטיווע כאראקטעריסטיק האט א ריוואל בלויז אין דער שנעלקייט פון א בליץ און זייער ווירקונג לאזט זיך פילן אין משך פון גאנצע יאר־צענדליקער אויף די מענטשן און ישובים, וועלכע האבן איבערגעלעבט די קאטאסטראפע.

טשילע איז דאס קלאסישע לאנד פון ערדציטערנישן און די ווירקונג פון דעם דאזיקן פענאמען איז דארט א פערמאנענטע. אין דער פסי־כיק פון דעם דורכשניטלעכן טשילענער, פילט זיך די ווירקונג פון דער דאזיקער געאלאגישער נישט סטאבילקייט; אין דער פאטאליסטישער לעבנס פילאזאפיע פונעם טשילענער האט א גרויסן חלק די נישט זיכערקייט וואס ער פילט אויף דעם באדן, אויף וועלכן ער טרעט און די טרויעריקע אויסזיכט פון זען מארגן צעשטערט דאס וואס ער האט נעכטן און היינט געבויט. דא ווילן מיר בארירן די מאטעריעלע און פיזאלאגישע קאנסעק־

זוענצן וואָס טשילע האָט אויסצושטיין אַלס רעזולטאַט פון איר געאָגראַ־פישער דראַמע.

די שרעקלעכע ערדציטערניש, וועלכע האָט חרוב געמאַכט די שטעט טשיליאַן און קאָנסעפּסיאָן אין יאָר 1939, האָט פאַראורזאַכט קנאַפּע פופצן טויזנט טויטע. די פאַרוואונדעטע האָבן זיך געציילט אין די הויכע טויזנטער און די מאַטעריעלע שאָדנס — נישט צום אָפּשאַצן. אָט פאַרוואָס איך זאָג, „געאָגראַפישע דראַמע".

יעדע שטאַרקע ערדציטערניש, וועלכע קומט פאָר אין טשילע, גאַנץ אָפט, פאַרגרעסערט די אַרמיי פון יענע, וועלכע מוזן אָנקומען צו דער הילף פון אַנדערע און עס איז דעריבער קיין שום וווּנדער נישט, וואָס אין טשילע איז אַזוי אַנטוויקלט די בעטלעריי און דאָס קאָלעקטיווע געפיל פאַר ווילטעטיקער הילף.

זעלטן־ווו זעט מען אַזאַ גרויסן פּראָצענט בעטלער ווי אין טשילע און אינערגעץ קומען נישט פאָר אַזוי פיל עפנטלעכע גאַסן זאַמלונגען ווי אין דעם דאָזיקן לאַנד. שבת איז דער טראַדיציאָנעלער טאָג ווען קינדער און פרויען גייען אום בעטן נדבות.

די צאָל מענטשן וואָס בעטלען, אויף אַזאַ אָדער אַנדער אופן אין סאַמע צענטער פון סאַנטיאַגאָ, איז דערשטוינענד פאַר דעם וואָס איז דערצו נישט צוגעוווינט. די גרונט כאַראַקטעריסטיק פון די טשילענער בעטלערס באַשטייט אָבער אין דעם, וואָס זיי בעטן ביי אייך די מטבעה נישט ווי פשוטע שנאָרערס, נאָר ווי אַזעלכע וואָס דער גורל האָט פאַראורטיילט צו אַזאַ לאַגע. אָפטמאָל באַשטייען די דאָזיקע בעטלערס פון פאַטאַלע קאַליקעס אָדער בלינדע, וועלכע אַפּעלירן צו אייערע נדבנישע געפילן, שפּילנדיק אויף עפּעס אַן אינסטרומענט, אָדער זינגענדיק אַ האַרצרייסנד, מעלאָדראַמאַטיש לידל.

אויף צו געבן דעם לייענער אַ באַגריף וועגן דעם פאַרנעם פון דער בעטלעריי אין דער טשילענער הויפּטשטאָט, וועט זיין גענוג צו דערציילן, אַז אין דעם האָל פון דער צענטראַל פּאָסט, וועלכע געפינט זיך אין סאַמע צענטער, קעגנאיבער דער אַלטער און באַרימטער „פּלאַסאַ דע אַרמאַס", האָב איך יאָרנלאַנג געזען זיצן אַן אַלטיטשקע פרוי, וועלכע האָט אונטערגעצימבלט אויף אַ קליין גיטאַרעלע און גערופן אויף זיך די

אויפֿמערקזאַמקייט פֿון די טויזנטער מענטשן, וועלכע גייען דאָרט טאָג־טעגלעך פֿאַרביי. אַ האַלבע קוואַדרע פֿון דער צענטראַלער קאַראַבינערן־קוואַרטיר (פּאָליציי דעפּאַרטאַמענט) האָב איך געזען זיצן אַ בעטלער אַ קריפּל, וועלכער האָט צוגעצויגן די בליקן פֿון די פֿאַרבייגייער, נישט אַזוי אַלס שרעקלעכע קאַליקע, ווי מיט דעם מאָדנעם עקזאָטישן אינסטרומענט, וועלכן עמעצער האָט ספּעציעל דערפֿונדן פֿאַר אים און ער האָט פֿון אים אַרויסבאַקומען טענער, וועלכע האָבן נישט קיין באַשטימטע דעפֿיניציע אין דער מוזיק. אין וואַלפּאַראַיסאָ האָב איך געזען אַ בעטלער, וועלכער האָט מיט אַ פּייקל דערמאָנט די פֿאַרבייגייער, אַז ער לעבט אויף דער וועלט און נויטיקט זיך אין אַ נדבה; סיי זיין אויסזען און סיי דער אופֿן פֿון זיין בעטלען, ווי די שטים מיט וועלכער ער ריטשעט אַרויס זיין געבעט, מאַכן אַן אומפֿאַרגעסלעך־שווידערלעכן איינדרוק.

דאָס זענען וווּנדן, מווירעדיקע ווונדן אויפֿן קערפּער פֿון דעם שווער־געפּרוווטן טשילענער פֿאָלק, וועלכעס טראָגט איבער די אויפֿטרייסלונגען פֿון דעם פֿאָטערלענדישן באָדן אויף אַ מערקווירדיק־סטאָאישן אופֿן. אין טשילע — האָט מען מיר פֿאַרזיכערט — קומט פֿאָר אין דורכשניט דריי מאָל אין טאָג אַ סיסמישע באַוועגונג. נאַטירלעך איז דער גרעסטער טייל ציטערנישן פֿון אַזאַ לייכטן כאַראַקטער, אַז זיי גייען פֿאַרביי אומבאַמערקט פֿאַרן מענטשן און ווערן בלויז רעגיסטרירט פֿון די סיסמאָלאָגישע אָבסערוואַציע־אינסטרומענטן. זייער אָפֿט מאַכט זיך אָבער, אַז די סטיכיע גיט זיך אַ צעשפּיל אויף אַזאַ אופֿן ווי זי האָט עס אָנהויב 1944 געטון אין סאַן כואַן. די געשיכטע פֿון טשילע ווייסט צו דערציילן וועגן מערערע קאַטאַקליזמען ווי די פֿון סאַן כואַן.

אַ צווייטער שטריך וואָס איז זייער קענטיק אין דעם טשילענער קאָלעקטיוו לעבן, און וועלכער איז וואַרשיינלעך אַ דירעקטער פּועל יוצא פֿון די דאָזיקע פּעריאָדישע איבערלעבונגען פֿונעם טשילענער פֿאָלק, איז דאָס געפֿיל פֿאַר פּערמאַנענטער ווילטעטיקייט, וואָס איז שטאַרק פֿאַרוואָרצלט אין דעם עפֿנטלעכן לעבן פֿון דעם טראַנסאַנדינישן לאַנד.

עפֿנטלעכע גאַסן זאַמלונגען זענען אין טשילע אַ פּערמאַנענטע און זייער אָפֿטע דערשיינונג. אַמווייניקסטנס איינמאָל אין וואָך ווערט אין סאַנטיאַגאָ דורכגעפֿירט אַ גאַסן זאַמלונג פֿאַר דער אָדער יענער הילפֿס

אינסטיטוציע. אין אַזאַ פּרימאָרגן (די זאַמלונגען קומען פאַר דעם ערשטן האַלבן טאָג) איז זעלטן צו זען אַ מאַן אין סאַנטיאַגאָ, וועלכער זאָל נישט האָבן צוגעשפּיליעט צום לאַץ אַ צעטעלע אַלס אָפּצייכן פון דער אינסטיטוציע, וועלכע פירט דורך די זאַמלונג. דאָס צעטעלע מיינט צו זאָגן, אַז ער האָט מיט דער גרעסטער וויליקייט שוין אַריינגעוואָרפן די מטבעה אין דעם זאַמל־שאַכטעלע, וואָס עס האָט אים אונטערגעטראָגן איינע פון די הונדערטער פרויען אָדער קינדער, וועלכע פאַרפלייצן אין דעם טאָג די גאַנצע שטאָט און דערמאָנען יעדער איינוואוינער אין זיין פליכט זיך ביישטייערן פאַר די טויזנטער אומגליקלעכע, וועלכע וואַרטן אויף זיין הילף אין די יתומים־הייזער, אין די אַזילן פאַר אינוואַלידן, שפּיטאָלן אָדער ווילטעטיקע הייזער, ווו טויזנטער אָרעמעלייט באַקומען אַ מאָלצייט צום אָפּעסן אָדער אַ פּלאַץ פאַר נאַכטלעגער.

איך ווייס נישט אויף וויפל די דאָזיקע זאַמלונגען באַווייזן צו לינדערן די נויט פון די טויזנטער אָרעמע און אומגליקלעכע, וואָס זענען געשטעלט געוואָרן אויפן ראַנד פונעם לעבן, סיי אַלס קאָנסעקווענץ פון נאַטירלעכע קאַטאַסטראָפעס און סיי צוליב סאָציאַלע אומשטענדן, אָבער איין זאַך ווערט דערמיט יאָ דערגרייכט: די פּעריאָדישע זאַמלונגען שטרייכן אונטער און סטימולירן דאָס טיפע סאָלידאַרישע געפילן וואָס די אָפּטע נאַטור אומגליקן האָבן געשאַפן אין דער נשמה פון דעם טשילענער פאָלק. ביי מיר פּערזענלעך האָט זיך געשאַפן דער איינדרוק, אַז אין דעם טאָג ווען עס קומט פאַר די זאַמלונג באַקומט די שטאָט עפּעס ווי אַן אויסזען פון דערהויבונג. פון איין זייט די אַרמיי פון פרויען וואָלונטירקעס און פון דער צווייטער זייט דאָס פּובליקום, אָטעמען מיט דער לופט פון אָפּפערוויליקייט. שוין בלויז דער שמייכל פון דעם וואָס וואַרפט אַריין די מטבעה, גיבן אייך צו פילן, אַז סיי דער וואָס מאָנט און סיי דער וואָס גיט, טוען עס אונטערן באַגריף פון באַוווסטזיניקער ווילטעטיקייט. די עפּנטלעכע גאַסן זאַמלונגען זענען אין טשילע נישט קיין ספּאָנטאַנע דערשיינונגען, נאָר אַ פּערמאַנענטע אינסטיטוציע, וועלכע איז אַרויסגערופן געוואָרן צום לעבן פון דעם לעבן אַליין, וועלכעס איז פאַרן טשילענער מענטש דער סינאָנים פון טויזנטער אומפאָראויסגעזעענע געפאַרן און אומגליקן.

מען זאָל נישט געפרווט ווערן מיט וואָס מען קאָן געווינט ווערן —

זאָגט דאָס פֿאָלקס ווערטל: דאָס טשילענער פֿאָלק איז שוין געפּרוווט געוואָרן מיט אַן אַ שיעור אומגליקן און קאַטאַסטראָפֿעס, צו וועלכע עס איז זיך שווער צוצוגעוווינען.

***

מיר איז אויסגעקומען איבערצולעבן אין טשילע איין ערדציטערניש, פֿון וועלכער איך האָב באַקומען אַ באַגריף וואָס אַזוינס עס שטעלט מיט זיך פֿאָר דער דאָזיקער נאַטור־פֿענאָמען. אייגנטלעך האָב איך אין דער טראַנסאַנדינישן לאַנד דורכגעמאַכט אַ סך ערדציטערנישן, אָבער די מערהייט פֿון זיי אַזעלכע לייכטע, אַז דער טשילענער איינוווינער שענקט זיי ווייניק אויפֿמערקזאַמקייט. די אויף וועלכער איך פֿאַרוף זיך, איז פֿאָרגעקומען דעם 13טן סעפּטעמבער פֿון 1945 און זי געהער צו דעם סאָרט דערפֿאַרונגען וואָס לאָזן זיך נישט פֿאַרגעסן אַזוי לייכט.

לויט די סיסמאָגראַפֿישע באַריכטן, האָט די טשילענער הויפּטשטאָט נישט דורכגעמאַכט אַזאַ פֿענאָמען זינט 1906, ווען אַן ערדציטערניש האָט חרוב געמאַכט די שטאָט וואַלפּאַראַיסאָ. אין 1927 איז אין טשילע פֿאָרגעקומען אַ שטאַרקע ערדציטערניש, אָבער נישט אַזאַ לאַנגדויערנדע ווי די וואָס איז פֿאָרגעקומען דאָנערשטיק, דעם 13טן סעפּטעמבער 1945, וועלכע האָט זיך געפֿילט מיט אַלצאייניקער העפֿטיקייט אויף אַ שטרעקע פֿון איבער 1.500 קילאָמעטער.

דאָס איז געווען עפּעס אַזעלכעס וואָס איך האָב קיינמאָל נישט איבערגעלעבט. שטעלט אייך פֿאָר, אַז איר וווינט אין אַ הויז געגאָסן פֿון בעטאָן און איר זעט מיט די אייגענע אויגן ווי די שטוב שאָקלט זיך און די ווענט בייגן זיך גלייך זיי וואָלטן געווען פֿון — גומי (דאָס וואָרט גומי זעט מיר אויס צו זיין דער פּאַסיקסטער פֿאַרגלייך, נעמענדיק אין אַכט, אַז די שטוב איז געבליבן גאַנץ אָן איין שפּאַלט). און דאָס אַלץ ווערט באַגלייט מיט אַ מוראדיקן אונטערערדישן גערויש און אַ פֿאַרטויבנדיק קראַכן, גלייך ווי צענדליקער דונערן וואָלטן זיך געקוילערט אין דער לופֿט.

אַ מינוט מיט דרייסיק סעקונדעס האָט עס געדויערט. דערנאָך איז אַלץ שטיל געבליבן. עס האָט אויסגעזען גלייך די נאַטור אַליין וואָלט

אַ פֿאַרגאַפֿטע און מיט אַ פֿאַרכאַפּטן אָטעם צוריקגעקומען צו זיך נאָך דער שרעק וואָס זי האָט אין משך פֿון נײַנציק סעקונדן איבערגעלעבט... די טשילענער ערד, אַ וואולקאַנישע ערד, וווּ די עלעמענטן לויערן זינט מיליאָנען יאָרן און גיבן זיך צײַטנווײַז אַ צעשפּיל, וועלכע האָט זיך נאָר־וואָס געכוואַליעט (יאָ געכוואַליעט; די ציטערניש איז געווען פֿון דער קאַטעגאָריע, וואָס מען רופֿט אין דער סיסמאָלאָגישער טערמינאָלאָגיע אַ כוואַליענדיקע), ווי אַ צעשטורעמטער ים אין אַ ווינטיקן טאָג, איז איצט געלעגן רואיק, ווי זי וואָלט זיך אָפּגערוט נאָך דער שווערער איבונג...

און די מענטשן? אָ, דאָס איז אַ קאַפּיטל פֿאַר זיך. ווער קאָן דען אָפּמעסטן דעם גראַד אנגסט וואָס עס קומט פֿאָר אין דעם געמיט פֿון אַ מענטשן קעגנאיבער איינעם פֿון די אומדערוואַרטעטסטע נאַטור קאַטאַקליזמען? איך האָב מיט באַזונדערער אויפֿמערקזאַמקייט באַאָבאַכטעט די פּנימער פֿון די מענטשן וואָס זענען אַרויס פֿון די הײַזער און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז מער פֿון אַלץ האָבן זיי זיך געפֿילט באַליידיקט ווי עס פֿילט דער וואָס ווערט פֿאַראַטן... יאָ, עפּעס אַזאַ מין סאָרט געפֿיל באַהערשט אייך נאָך יעדער ערדציטערניש, וועלכע קומט אַזוי אומדערוואַרטעט, פּלוצלינג.

פֿאַסירט האָט עס אינדערפֿרי, ווען די מערהייט אײַנוווינער זענען נאָך געלעגן אין די בעטן. מיטאַמאָל האָט עס אַזוי גענומען טרייסלען, אַז די הײַזער האָבן זיך געשאָקלט ווי די קאָרטן שטיבלעך. ווען איך בין צו צום פֿענצטער (נאָכדעם ווי איך בין ממש אַרויסגעשליידערט געוואָרן פֿון בעט) האָב איך געזען ווי מענטשן זענען געלאָפֿן פֿון די הײַזער אין די אונטערוועש. אַנדערע זענען געשפּרונגען דורך די פֿענצטער. איך האָב שוין נישט געפֿונען פֿאַר נויטיק אַרויסצושפּרינגען; עס איז געווען נאָך אַלעמען... פֿיניטאַ לאַ קאָמעדיאַ.

איך האָב זיך צוגעקוקט צו איייניקע פּרויען, וואָס זענען אַרויסגעלאָפֿן אויף דער גאַס אין די הוילע אונטערוועש. זיי זענען געווען איבערגעשראָקן, באַליידיקט און פֿאַרשעמט. אַ פּאָר אַרבעטער וואָס זענען בשעת מעשה געגאַנגען אויף דער גאַס, זענען שטיין געבליבן און זיך נישט געקאָנט אַנטשליסן צי זיי זאָלן זיך רירן פֿון אָרט אָדער נישט. ענדלעך האָבן זיי גענומען ווײַטער גיין לאַנגזאַם, פֿאָרזיכטיק, גלײַך זיי וואָלטן

מורא געהאַט צו טרעטן אויף דער גאַס וואָס האָט זיי נאָר־וואָס אויסגעזען אַזוי סאָליד, אַזוי זיכער. אַלץ אויף דער גאַס האָט זיך עפּעס ווי אָפּגע־האַלטן, אין דערוואַרטונג אויף נאָך עפּעס אויסטערלישעס, אויסערגעוויינ־לעכעס...

דאָס אויסערגעוויינלעכע האָט שוין געהאַט פּאַסירט. מענטשן זענען אַ פּאָר מינוט געשטאַנען אויף די ערטער ווו די ציטערניש האָט זיי פאַר־כאַפּט. נישט געוואַגט זיך צו רירן פון פּלאַץ און — ווידער האָט לעבן, דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן מיט די צענדליקער און הונדערטער פליכטן ווײַ־טער גערופן... נישט גערירט האָבן זיך נאָר יענע וואָס האָבן געהאַט דאָס אומגליק געטראָפן צו ווערן פון דער פּאַטאַליטעט: די טויטע, די פאַר־וואונדעטע און אויך אַזעלכע וואָס האָבן געקראָגן אַטאַקעס אויס שרעק.

***

דער חשובער לייענער וואָלט מסתמא וועלן, אַז איך זאָל אים באַ־שרייבן ווי אַזוי „עס זעט אויס" אַן ערדציטערניש. לײַדער איז דאָס אַן אוממעגלעכקייט. עס איז כמעט נישטאָ מיט וואָס עס צו פאַרגלײַכן אין דעם צעטל פון נאַטירלעכע קאַטאַקליזמען, וואָס זענען באַקאַנט דעם מענטשן, סײַדן... די אַטאָמישע באָמבע. אַ שטורעם, אַ פאַרפלייצונג אָדער אַ שׂרפה, זענען אומגליקן, וואָס לאָזן זיך פאָראויסזען און אין אַ געווי־סער מאָס געבן זיי צייט זיך צו באַוואָרענען אָדער ראַטעווען. אויך די סיסמאָלאָגיע פאַרמאָגט שוין געוויסע מיטלען פאָראויסצוזען סיסמישע באַוועגונגען, זי פאַרמאָגט אָבער נישט דעם אופן צו דערגיין ווען, אין וואָס פאַר אַ צייט זיי וועלן פאָרקומען. די ערדציטערנישן זענען דעריבער אַן אַבסאָלוט אומדערוואַרטעטע דערשיינונג מיט אַ שרעקלעך עמאָטיוועער ווירקונג. עס קומט אויס ווי עמעצער וואָלט אייך אומדערוואַרט הינטנ־ אַרום אָנגעכאַפּט ביים האַלדז און געגומען וואַרגן... עס שאַפט זיך בײַ אייך אין איין סעקונדע דאָס געפיל, אַז די גאַנצע וועלט „קערט זיך איבער" און דער באָדן הויבט אייך אָן פאַרשווינדן אונטער די פיס. די שרעק פון דער דאָזיקער דערשיינונג איז נאַטירלעך אין אָנקלאַנג מיט דער העפטי־קייט פון דעם טרייסל (אַ ציטער פון פינף גראַד ווערט פאַרעכנט פאַר אַ שטאַרקן. דער ציטער פון וועלכן מיר דערציילן איז אין סאַנטיאַגאָ געווען

איבער זיבן גראַד מיט אַ דויער פֿון ניינציק סעקונדן. אין איינציקע ער־טער האָט ער דערגרייכט ביז איבער 8 גראַד און עס איז ממש געווען אַ נס וואָס ער האָט נישט פֿאַראורזאַכט קיין קאַטאַסטראָפֿע). די איינציקע „מעלה" וואָס עס פֿאַרמאָגן די ערדציטערנישן באַשטייט אין דעם וואָס צייטנווייז געדויערן זיי אַזוי ווייניק, אַז איר האָט פּשוט קיין צייט נישט צו ד ע ר ש ר ע ק ן זיך און ווען איר ווילט זיך דערשרעקן, איז שוין צו שפּעט...

פֿון דער צווייטער זייט האָבן די ערדציטערגישן אַ חסרון וואָס מען קאָן זיך צו זיי נישט „צוגעוווינען". דער מענטש, ווי באַוווסט, געוווינט זיך צו צו אַלערליי קלימאַטן, צייט־ענדערונגען, וועטערן און אַנדערע נאַטור דערשיינונגען. די איינציקע דערשיינונג צו וועלכער דער מענטש קאָן זיך נישט צוגעוווינען, איז די ערדציטערניש און דערמיט דערקלערט זיך, וואָס די אויטענטישע, געבוירענע טשילענער האָבן מער מורא פֿאַר די ערדציטערנישן ווי אַפֿילו די גרינע אויסלענדער. איך האָב געזען עטלעכע טשילענער געבוירענע, וועלכע זענען געלאָפֿן אין טויטשרעק זוכן אַ שוץ פּלאַץ ביי דעם מינדסטן ציטער, דאַן ווען אויסלענדער זענען גע־שטאַנען און זיך נישט גערירט פֿון פּלאַץ. עס איז אַ פֿראַגע פֿון באַהערשן זיך, בלייבן רואיק און נישט אַריינפֿאַלן אין קיין פּאַניק, אויף וויפֿל עס איז מעגלעך אין אַזעלכע אומשטענדן.

ניין, ליבער לייענער, קיין ערדציטערניש איז נישט מעגלעך צו באַ־שרייבן, אַפֿילו די לייכטסטע ערדציטערניש איז אוממעגלעך צו שילדערן. דאָס איז אַזאַ סטיכישע דערשיינונג, וועגן וועלכער מען קאָן נאָר דאַן האָבן אַ באַגריף, ווען מען לעבט זי אַליין איבער, מען פֿילט ווי די פֿאַר־באָרגענע כּוחות פֿון דער נאַטור צעשפּילן זיך אין אַ קאַראַהאַד פֿון אַ ווילדן שדים־טאַנץ און דער באָדן גליטשט זיך דיר אַרויס פֿון אונטער די פֿיס.

דער „ווייסער טויט“

אויפן ווינטערדיקן „פּאָן“ דערשיינט דאָס לעבן פון דעם טשילענער פאָלקס־מענטש אַ סך טראַגישער און מוראדיקער ווי אין אַנדערע צייטן פונעם יאָר. זען אַן אָפּגעריסענעם און באָרוועסן מענטשן אום זומער, איז נישט דאָס זעלבע וואָס זען דעם דאָזיקן מענטשן אין אַ קאַלטן און נאַסן ווינטער־טאָג, ווען עס איז אַן „עבירה אַ הונט אַרויסצולאָזן“. אום זומער רופט עס ביי אייך אַרויס מיטלייד, אָבער אָפּטמאָל מאַכט זיך אַז דער סנאָב אין אייך פאַרגינט זיך אַ שמייכל צו טון פון יענעמס דראַמע; אום ווינטער איז אַזאַ זאַך אויסגעשלאָסן און אוממעגלעך. מען דאַרף שוין זיין צופיל ציניקער און האַרצלאָזער מענטשן, אַז מען זאָל נישט גערירט ווערן פון אַזוי פיל מיזעריע און נויט, וואָס מען זעט אויף די גאַסן, ווו עס וווינט די אָרעמקייט פון סאַנטיאַגאָ. דאָ זעט איר די סאָציאַלע דראַמע פון דעם מענטשן אין איר אויטענטישן אויסדרוק. איך וועל דאָס אויסדריקן אין אַנדערע ווערטער: עס איז די טראַגעדיע פון דער קריאַטור מיט איר אומבאַהאָלפנקייט קעגנאיבער די עלעמענטן.

וואָס אַ שטייגער קאָן שוין זיין טראַגישער, ווי אָפּגעריסענע נאַקעטע קינדער, וואָס זעען אויס — ווי אומגייענדיקעביילן און וווּנדן? אויף דער גאַס אַהומאַדאַ, אין סאַמע צענטער, נישט ווייט פון פּלאַסאַ דע אַרמאַס, האָב איך געזען איינס אַזאַ קינד זיצן לעבן אַן אומגעהויער גרויסן שויפענצטער און דרימלען. עס איז געווען אַרום ניין אינאָוונט. אַרום און אַרום האָבן די נעאָן־ליכטער פון די שילדן און שויפענצטער מיט אויסערגעוויינלעכער אַראָגאַנץ געשפּיגן מיט מולטיקאָליר אין דער פייכטער, נעפּלדיקער נאַכט אַריין. מענגעס זאַטע, צופרידענע מענטשן זענען פאַרבייגעגאַנגען, געכאַפּט אַ קוק און — גאָרנישט; אין סאַנטיאַגאָ זענען אַזעלכע בילדער אַ צו געוויינלעכער ענין, אַז מען זאָל זיי שענקען אויפמערקזאַמקייט.

איך האָב שוין ביי אַ געלעגנהייט געזאָגט: אינערגעץ באַגעגענען זיך נישט די סאָציאַלע עקסטרעמען אַזוי פּנים אל פּנים ווי אין טשילע. אום ווינטער מאַניפעסטירט זיך די דאָזיקע דערשיינונג ממש אין פּלאַסטישן בילד אויף די גאַסן פון סאַנטיאַגאָ. קיין שום זאַך אילוסטרירט נישט אַזוי בולט דעם סאָציאַלן אונטערשיד צווישן מענטשן, ווי זייער קליידונג און ווו נאָך איז פאַראַן אַזאַ גרויסער אונטערשיד אין דער הלבשה פון די סאָציאַלע שיכטן ווי אין טשילע — דאָס לאַנד פון קלאַסישער אָרעמקייט.

ווי פיינלעך און באַליידיקענד עס איז צו זען דעם דלות מאַרשירן האַנט ביי האַנט מיט דעם גרעסטן לוקסוס און עשירות. מאָלט אייך אויס דאָס בילד פון אַ האַלב נאַקעט קינד וואָס ציטערט פון קעלט לעבן אַ רייכער דאַמע, וועלכע טראָגט אַ קאַראַקולענעם מאַנטל פאַר 25 טויזנט פּעזעס. אָדער שאַפט אייך אַ באַגריף וועגן די טויזנטער און טויזנטער נאַקעטע און שלעכט־באַשפּייזטע אָרעמעלייט, קעגנאיבער ריזן קראָמען, פונוואַנען עס קריכט ממש אין די אויגן אַריין די שפע און די איבער־געזעטיקטקייט אין דער געשטאַלט פון קליידונג און שפּייז־אַרטיקלען.

**
*

דער ווינטער איז אין טשילע נישט קיין שטאַרק קאַלטער, אָבער ער פאַרמאָגט עפּעס אַזוינס וואָס איז אין אַ געוויסער מאָס ערגער פון קעלט. ער צייכנט זיך אויס מיט דער דאָזיקער הארבסטיק־נעפּלדיקער פייכט־קייט, וואָס עסט זיך איין אין די ביינער, אין אַ פאַרמעסט צו פאַראַליזירן אייער בלוט צירקולאַציע...

די הויפּט־כאַראַקטעריסטיק פון דעם טשילענער ווינטער איז — דאָס רעגענען: אין משך פון אַ גאַנצן זומער רעגנט נישט, אָדער עס רעגנט זייער זעלטן. ווען עס פאַלט אויס דער ערשטער שטאַרקער רעגן הייסט עס, אַז דער ווינטער האָט זיך אָנגעהויבן.

איך האָב געהאַט די געלעגנהייט צו זען ווי דער ווינטער איז „אָנגע־קומען". פון דער העלער הויט האָט זיך צערעגנט, און מיט אַזאַ אימפּעט, אַז מען האָט געפילט בפועל ממש, אַז די נאַטור „נעמט זיך אָפּ אירס". דאָס איז געווען נישט קיין רעגן אין דעם נאַטירלעכן זינען פון וואָרט, נאָר עפּעס אַ סטיכישער אויסגוס, וועלכער איז מיט די כמאַרעס געקומען

פונעם ים אָדער פון די אַנדן־בערג און זיך אַראָפּגעלאָזט מיט אַן אומבאַשרייבלעכן, בלינדן אימפעט און — געגאָסן, געגאָסן...

אין אַזעלכע טעג זעען די אַלטע שטאָט־געגנטן פון סאַנטיאַגאָ אויס ווי ריזיקע לאַגערן פון אַלטוואַרג אונטערן פרייען הימל, וואָס ווייקן זיך אונטערן רעגן. די אַלטע הייזער פון מאָדנע טונקל־ברוינע און גרינע קאָלירן; די שמאָלע געסלעך מיט זייער אייגנאַרטיקן ברוק פון אַרויסגעסטאַרטשעטע שטיינער און צעהרגעטע טראָטואַרן, מאַכן אין אַזעלכע טעג דעם איינדרוק פון אומבאַשיצטע וועזנס, איבער וועלכע די נאַטור איזדיעקעוועט זיך אָן רחמנות.

און וואָס זאָל מען שוין זאָגן וועגן די האַלב־נאַקעטע און באָרוועסע מענטשן? זיי זעען דאָך אין אַזעלכע טעג אויס ווי די פאַרפאַלגטע בעלי־חיים. באַזונדערס טראַגיש זעען אויס די קינדער פון דער סאַנטיאַגער אָרעמקייט אין אַזעלכע טעג, ווייל אין די ליידן פון קינדער קומט אַמבולטסטן צום אויסדרוק די טרויעריקע לאַגע פון די דאָזיקע אָרעמע שיכטן, וואָס קלייבן נישט איבער אין קיין מיטלען און מעטאָדן אין זייער טאָג־טעגלעכן, שווערן קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ.

און — ווי קאָמיש און מאָדנע עס קלינגען די הויכע געדאַנקען און די טרעפלעכע עצות, וואָס איר געפינט טאָג־טעגלעך אין דער טשילענער פרעסע, בנוגע די מיטלען וואָס מען וואָלט געדאַרפט און געקאָנט אָננעמען לגבי פּראָבלעמען, וואָס זענען אַזוי דרינגענד ווי, למשל, אַ שרפה וווּ עס איז קיין צייט נישטאָ צו קלערן. די סיטואַציע פון אַ באַשטימטער צאָל באַפעלקערונג אין טשילע, איז נישט קיין פראַגע פון זוכן ערשט מיטלען, נאָר אַ פראַגע פון אָנווענדן זיי — אָן שום אָפּציעניש. עס איז אַ פראַגע פון אָפּראַטעוועון מענטשן פון אַ לעבן פול יסורים און פּיין וואָס יאָטערט ווי אַ ווונד, פראַנק און פריי.

מענטשן זאָגן מיר: דאָס וואָס איר זעט איצט איז גאָרנישט. איר האָט געדאַרפט זען ווי אַזוי דאָס היגע לעבן האָט אויסגעזען מיט צוואַנציק, מיט דרייסיק יאָר צוריק. פון זייער שטאַנדפונקט זענען זיי אפשר גערעכט, אָבער זיי פאַרגעסן, אַז אין משך פון דער דאָזיקער צייט איז די לאַגע בלויז געענדערט געוואָרן קוואַנטיטאַטיוו, דאָס הייסט, אַז עס זענען פאַראַן ווייניקער אָפּגעריסענע און באָרוועסע, אָבער אין עצם איז די לאַ־

גע געבליבן נישט געענדערט, ווייל די צאָל וואָס איז פאַרבליבן (און גאָרנישט אַזאַ קליינע צאָל) לעבן געַנוי אין די זעלבע באַדינגונגען, אויב נישט שווערערע, ווי מיט צוואַנציק, דרייסיק יאָר צוריק.

**
*

דער ווינטער אין טשילע, ווי איך האָב אים אויבן געשילדערט, פאַר־מאָגט נישט קיין שיינע קאָלירן; דאָס זענען אַש־קאָלירן, אין זייער נאַסן, נישט איבעריק־פאַרכאַפּנדיקן אויסזען... דער טשילענער ווינטער האָט זיך אָבער אויך זיינע פאַרביקע זייטן, אויף וויפל עס האַנדלט זיך וועגן דער נאַטור און אירע ווונדערלעכע קאָמבינאַציעס. עס זענען דאָ פאַראַן בילדער און דערשיינונגען, וואָס איר קאָנט זיי אין ערגעץ נישט זען אויסער אין טשילע, דאָס באַרגיקע לאַנד דורך און דורך. אין קיין שום פּלאַץ זעט איר נישט אַזוי דעם נאַטורשפּיל אין זיינע וואַריאַציעס ווי דאָ אין טשילע. נאָך אַ מעת לעת פון אומאויפהערלעכן רעגן, וואָס גיסט און גיסט און עסט זיך איין אין אייער געמיט, שטייט איר אויף אינדערפרי און פאַר אייערע אויגן אַנטפּלעקט זיך אַ באמת־ווונדערלעך בילד. די שטאָט, ווי אַ ריזן־לאַגער פון אַלטוואַרג ליגט אַ צעוויקטע און אויסגע־נעצטע, און אַרום איר — די באַרגן־קייט מיט אַ ווייסן־צודעק. די זון, וועל־כע שיינט איצט ווי אַן אויסגעשלאָפענע בת־מלכה, איז אַרויסגעקומען פונצווישן די בערג און וואַרפט אירע שטראַלן אויף די ווייסע קעפּ פון די מיליאָנען־יעריקע אַנדן, וועלכע קוקן איצט אויפן טאָל מיט דער מינע פון אַלטע שטיפערס, וואָס האָבן ליב אָפּצוטון שפּיצלעך... און עס איז דאָך באמת אַ שפּיצל, אַט דאָס דאָזיקע לייגן זיך מיט שוואַרצע און אויפשטיין מיט — ווייסע, אויסגעצוואָגענע קעפּ...

דער איינגעבוירענער, אָדער דער וואָס וווינט שוין לאַנג אין לאַנד, שענקט נישט דער דאָזיקער דערשיינונג קיין איבעריקע אויפמערקזאַמקייט. פאַר דעם אָבער, וואָס האָט עס קיינמאָל נישט געזען, איז דאָס אַ בילד פון אומפאַרגעסלעכער שיינקייט, וועלכעס מען זעט נאָר אין באַשטימטע געגנטן און לענדער. און אַז מען רעדט שוין פון דעם איינגעבוירענעם, איז כדאי צו דערמאָנען, אַז ער האָט צו באַזאָרגן בילכערע זאַכן ווי דאָס באַוווּנדערן צום טויזנטסטן מאָל דעם נאַטור־צויבער פון זיין לאַנד. די

וויים־באַדעקטע בערג, קאָנען ביי אים נישט אַרויסרופן עפּעס אַנדערש ווי דאָס געפיל פון זאָרג, ווייל זי דערמאָנען אים, אַז דער ווינטער קלאַפּט שוין אין טיר און ווינטער אין טשילע מיינט אומבאַקוועמלעכקייט און יסורים פאַר טויזנטער און טויזנטער מענטשן, וועלכע האָבן נישט קיין מיטלען זיך צו באַוואָרענען קעגן דער קעלט, קעגן דער פייכטקייט און פאָלגלעך קעגן — קראַנקייט.

***

פון צייט צו צייט גיט זיך די סטיכיע אַ צעשפּיל אין טשילע און פאַרציקט די לעבנס פון הונדערטער, אַמאָל טויזנטער און אויך צענדליקער טויזנטער פון אירע קינדער. אַ לאַנד וואָס איז הערמעטיש אַרומגערינגלט פון דער ריזיקער אַנדן־קייט, געפינט זיך עם כסדר קעגנאיבער דער מיסטעריע פון טויזנטער געפאַרן, וואָס לויערן פון אַלע זייטן און פאַלן אויף איר אַראָפּ אומדערוואַרט. מיט דער שנעלקייט פון אַ בליץ.

דער באַגריף פון די עלעמענטן מיט זייער בלינדער פוריע, איז אין טשילע נישט קיין לעגענדע, נאָר אַווירקלעכקייט אין פּערמאַנענטער פאַטענץ. די געשיכטע פון דעם דאָזיקן טראַנסאַנדינישן לאַנד, ווייסט צו דערציילן וועגן זייער אַ סך קרבנות וואָס די נאַטור־סטיכיע האָט מקריב געווען אויפן מזבח פון אירע געטער. צוזאַמען מיט די העלדנטאַטן פון אירע נאַציאָנאַלע העלדן און פון איר פאָלק, איז די געשיכטע פון טשילע פאַרשריבן מיט אָן אַ שיעור בלעטלעך וואָס שילדערן מאָמענטן פון נאַציאָנאַלן אומגליק, אַלס קאָנסעקווענץ פון ערדציטערנישן, פאַרפלייצונגען, עפּידעמיעס און אַנדערע נאַטור־קאַטאַסטראָפעס, וואָס זענען נאָר מעגלעך אין אַזאַ לאַנד, ווו אין דעם איינגעווייד פון דער ערד ברויזט עס מיט פּחדימדיקע עלעמענטן, וואָס קאָנען צו יעדער מאָמענט זיך צעשפּילן.

צווישן דער סעריע סכנות וואָס לויערן אויפן מענטש און אויף זיין האָב און גוטס אין טשילע איז פאַראַן אַ מין „סעזאָן"־געפאַר, וואָס האָט אין דער טשילענער פאָלקס־שפּראַך באַקומען דעם נאָמען „דער ווייסער טויט", ווייל ער האָט אַ שייכות מיט שניי. פּאַסירן, פּאַסירט עס אין די גאָר הויכע געגנטן פון די אַנדן־בערג און ווען דאָס קומט פאָר אין אַ באַפעלקערטער געגנט, ענדיקט זיך עס שטענדיק מיט אַ קאַטאַסטראָפע

און מענטשלעכע קרבנות. דער טשילענער פאָלקס־מענטש רעדט וועגן דעם ווי וועגן אַ מיסטעריעזער דערשיינונג, הגם דאָס איז איינער פון יענע פענאָמענס, וואָס זענען רעזולטאַטן פון דער קאַפּריזנער נאַטור אין די אַנדן־בערג.

דער דאָזיקער אָט פענאָמען אין די אַנדן־בערג, ווערט אין דער שפּאַנישער שפּראַך אָנגערופן מיטן נאָמען „ראַדאַדאָס". עס שטאַמט פון דעם וואָרט ראַדאַר, וואָס מיינט קייקלען, און באַשטייט אָט אין וואָס: נאָך דעם וואָס אין די העכסטע הויכקייטן פון די בערג פאַלט אויס אַ שניי וואָס האָט ס'רוב מאָל ביז פינף און זעקס מעטער די הויך, ביי אַ טעמפּעראַטור פון 15 ביז 18 גראַד אונטער זעראָ, בייט זיך מיטאַמאָל די טעמפּעראַטור. עס גיט פון ערגעץ אַ קום־אָן אַ וואַרעמער שטראָם לופט, וועלכער צעלאָזט די אומגעהויערע שניי־מאַסע און דאַן קומען פאָר די אַזוי גערופענע „ראַדאַדאָס". אָנהייבן, הויבט זיך דאָס אָן מיט אַ רעלאַטיוו־קליינער מאַסע שניי וואָס רייסט זיך אָפּ פון ערגעץ אַ פעלדז און מיטן קייקלען זיך צום אָפּגרונט, ווערט זי וואָס אַמאָל גרעסער און גרעסער ביז זי פאַרוואַנדלט זיך אין אַזאַ מאַסע, וואָס שלעפּט מיט זיך גאַנצע פעלדזן און וואָס קאָן וועלטן חרוב מאַכן..

דעם 8טן אויגוסט פון 1944 — איך האָב דעמאָלט געוווינט אין טשילע — האָט אין די קופּער־מינעס פון סעוועל, נישט ווייט פון דער שטאָט ראַנקאַגוא, פּאַסירט איינער אַזאַ פאַל, אין וועלכן עס זענען אין געציילטע מינוטן אומגעקומען עטלעכע הונדערט מענטשן. אין די דאָזיקע קופּער־מינעס, וואָס ווערן עקספּלאָאַטירט פון דער נ' אַמעריקאַנער פירמע „בראַדער קאָפּער קאָמפּאַני", און וועלכע געפינען זיך אויף אַזעלכע פירטויזנט מעטער איבער דעם ים־שפּיגל, אַרבעטן טויזנטער אַרבעטער, וועלכע וווינען אין דער באַרגיקער אומגעגנט מיט זייערע פאַמיליעס. אָט אויף דעם דאָזיקן אַרבעטער־ישוב, האָט זיך פּלוצלינג אַראָפּגעלאָזט אַ „ראַדאַ", דאָס הייסט אַ ריזיקע שניי־מאַסע פון די אַרומיקע בערג און האָט באַגראָבן אונטער זיך איבער דרייהונדערט נפשות, צווישן זיי פרויען און קינדער פון די אַרבעטער. די שניי־מאַסע וואָס האָט פולשטענדיק פאַרשיט דעם ישוב איז געווען צווישן פופצן און צוואַנציק מעטער די הויך, לויט עס האָבן איבערגעגעבן די באַריכטן אין די צייטונגען. די דאָזיקע

מענטשן זענען, הייסט עס, אומגעקומען מיט דעם „ווייסן טויט", ווי ער ווערט אָנגערופֿן אין טשילענער פֿאָלקס־שפּראַך. עס איז אַ מין „סעזאָן"־טויט פֿון דעם טשילענער ווינטער, וועלכער טרעפֿט נאַטירלעך יענע, וואָס וווינען אין די הויכע באַרג־געגנטן. אויפֿן וועג פֿון אַרגענטינע קיין טשילע, צווישן די סטאַנציעס לאַס קועוואַס און פּאָרטיזשאָ, אויף דער טשילענער זייט, קאָן מען ביז צום היינטיקן טאָג זען די רואינען פֿון די חורבות פֿון אַ באַרג־סטאַנציע, וועלכע איז אָפּגעווישט געוואָרן פֿון אַ „ראָדאַדאָ". די מענטשן וואָס האָבן דאָרט געוווינט זענען זיכער אומגעקומען פֿון דעם „ווייסן טויט".

דער פֿאַל פֿון דעם „ווייסן טויט" וואָס האָט זיך אַ „שפּיל־געטון" מיט די לעבנס פֿון די אַרבעטער פֿון די קופּער־מינעס פֿון סעוועל, האָט דאַן געמאַכט אַן אויסערגעוויינלעכן איינדרוק אין גאַנצן לאַנד. די טשילענער עפֿנטלעכע מיינונג, וועלכע איז געוווינט צו נאַטור־קאַטאַסטראָפֿעס, האָט זיך אין משך פֿון וואָכן נישט געקאָנט באַרואיקן און די צייטונגען האָבן ביי דער געלעגנהייט קאָמענטירט די ספּעציפֿישע דראַמע פֿון טשילע, אַלס לאַנד וואָס איז פּערמאַנענט אויסגעשטעלט צו פֿאַרשידענע געפֿאַרן, צוליב איר געאָגראַפֿישער פּאָזיציע. איין צייטונג — די „לאַ נאַסיאָן" — האָט דעמאָלט געשריבן די ווייטערדיקע כאַראַקטעריסטישע ווערטער:

„זינט טשילע איז טשילע — האָבן מיר, אירע קינדער, געלעבט אין אַ כסדרדיקן קאַמף מיט די בלינדע קרעפֿטן פֿון דער נאַטור. אַנדערע פֿעלקער האָבן אַ גרינג און שפּעדיק לעבן; באַלעבאַטים פֿון אומגעהויערע פֿלאַכלענדער, באַאַרבעטן זיי די מאַמע־ערד, וועלכע גיט זיי אירע פּרוכטן, אָן אַן אַנדער אָנשטרענגונג ווי די, וואָס עס פֿאָדערט די געוויינלעכע ערד־אַרבעט. מיר, די טשילענער, אַ פֿאָלק פֿון באַרג־לייט און ים־מענטשן, לעבן מיר און פֿאַרדינען זיך די פּרנסה מיט דעם פּרייז פֿון אונדזער לעבן. די באַרג־לייט קוקן אַרויף צו די פֿאַרשנייטע פֿעלדזן פֿון די הויכקייטן ווו עס דרימלען די מעטאַלן, אין דערוואַרטונג פֿון די מוטיקע שאַכטיאָרן, וואָס זאָלן עפֿענען די אינגעווייידן אויף אַרויסצונעמען פֿון דאָרט דאָס עשירות. די ים־לייט זוכן זייער פּרנסה אויף דעם

אומגעהויערן בלויען לײַלעך פון דעם פּאַסיפיק און לאָזן זיך אַרויס
אין ים אַרײַן אַלס מאַטראָסן און פישערס און אין דער דאָזיקער
אַרבעט פון שטאַרקע מענער, זענען פאַראַן לרוב די גרויע טראַ־
געדיעס וואָס הילן אײַן דאָס פאָלק אין טרויער".

אָט אזוי איז דאָס לעבן פון טשילענער פאָלק אַ קייט פון דראַמאַ־
טישע און טראַגישע איבערלעבונגען. דער „ווייסער טויט" פון סעועל,
וועלכער האָט אזוי שנעל אָפּגעשניטן דאָס לעבן פון הונדערטער פאָלקס־
מענטשן, אַרבעטער, וואָס האָבן זייער לעבנס־מיטל אַרויסגעריסן פון די
אַנדן־פעלדזן דורכן אײַנשטעלן זייערע לעבנס, איז נישט מער ווי נאָך
אַ רינגעלע אין דער לאַנגער קייט פון ענלעכע אומגליקן און קאַטאַסטראָ־
פעס, וואָס לאָזן זיך אַראָפּ אויף דעם דאָזיקן לאַנד.

ווי פרעמד און „עקזאָטיש" דאָס זעט אויס פאַר דעם מענטשן וואָס
לעבט ווײַט דערפון, אָבער פאַר דעם באַרג־מענטשן איז דאָס די ווירק־
לעכקייט פון אַלע טאָג. אפילו אין צײַטן ווען דאָס וועטער אין די קאָר־
דיליערן איז מילד, איז דאָס לעבן פון די באַרג־אײַנוווינער אײַן לאַנגע
אָפּקומעניש, אַרומגערינגלטע מיט דער מיסטעריעזער דממה פון ריזן־
פעלדזן. אין דעם שוים פון דעם דאָזיקן פענאָמען איז דאָס לעבן פון די
אײַנוווינער נישט גאָר קיין אָנגענעמס און פרײַלעכס און איז פאַרבונדן
מיט טויזנטער אומבאַקוועמלעכקייטן און געפאַרן.

אָט די טרויעריקע עפּיזאָדן אילוסטרירן אונדז אויף אַ רעאַלן אופן
דאָס אײַנגלויבעניש פון דעם טשילענער פאָלקס־מענטשן, אַז „דער וואָס
לעבט איבער דעם חודש אויגוסט, איז שוין פאַרזיכערט מיטן לעבן אַ
גאַנץ יאָר"...

אַ קאָמפּלימענט דער טשילענער פרוי

עס זענען פאַראַן דריי זאַכן וואָס מאַכן אויפן פרעמדן אין טשילע אַן אומפאַרגעסלעכן איינדרוק: די וווּנדערלעכע, אומפאַרגלייכלעכע נאַטור־שיינקייט פונעם לאַנד; די אייגנאַרטיקייט פון דער טשילענער פאָלקס־דראַמע און די פערזענלעכקייט פון דער טשילענער פרוי.

די טשילענער פרוי האָט אַ שם אַלס שיינע און עלעגאַנטע. פאַראַלגעמיינערן די דאָזיקע מיינונג וואָלט, ווי אין אין אַלע פאַלן, געווען אַן אבסורד אָבער עס איז נישט איבערגעטריבן צו באַהויפּטן, אַז על פּי רוב באַמיט זיך די טשילענער פרוי (מיר רעדן דאָ וועגן דער גרויסשטאָטישער פרוי) צו דערשיינען וואָס שענער און עלעגאַנטער און איר נאַטירלעכער חן שפּילט דאָ אָן ספק די הויפּט־ראָלע.

קאָמפּלימענטן דעם שיינעם מין זענען געמאַכט געוואָרן אין אַלע צייטן און ביי אַלע געלעגנהייטן. זינט יענע אוראַלטע צייטן פון געטלעכער התגלות, ווען דער משורר פון שיר השירים האָט אויסגעדריכטעט אין פּרעכטיקע מעטאַפאָרן זיין בענקעניש און באַוווּנדערונג פאַר דער שיינקייט פון דער פרוי, ביז צו אונדזער היינטיקער מעכאַניזירטער עפּאָכע, האָט די פרוי נישט אָנגעוווירן איר ביז גאָר וויכטיקע פונקציע פון פאַרשטעלן מיט זיך די ליכטיקע נאָטע אין דעם דאָזיקן נעפּלהאַפטן און פאַרפּלאָנטערטן דזשאָנגל וואָס הייסט — לעבן.

אַזוי אין אַלע צייטן, אַזוי ביי אַלע פעלקער: מרים, דבורה, אסתר יהודית, חנה, זשאַן ד'אַרק, שרה בת טובים, הענריעטע סזאָלד און אַנדערע — דאָס זענען מער ווי העלדינס אָדער פּירערינס; דאָס זענען פרויען, וועלכע שפּילן זייער ראָלע קודם כל אַלס אַזעלכע, און זיי דערשיינען אַלס אייגנאַרטיקע נאָטעס אין דער אַביסל האַמעטנער סימפאָניע פון דער מענטשלעכער געשיכטע.

די ראָלע פון דער פרוי אין טאָג־טעגלעכן לעבן איז די זעלבע: איז טשילע זעט זיך די דאָזיקע דערשיינונג אָן אַ סך בולטער, ווייל — הינ־טערן בילד פון דער טשילענער פרוי, מיט איר שיינקייט, בייגעוודיקייט און עלעגאַנץ, געפינט זיך דער גרויער פּאָן פון דער טשילענער פאָלקס־ווירקלעכקייט.

די טשילענער פרוי, פון דער נאַטור אַ שיינע, אַ חנעוודיקע, האָט דאָס אויפהיטן איר עלעגאַנטע סילועטע פאַרוואַנדלט אין אַ קולט. איך דענק, אַז איך וועל נישט איבערטרייבן, ווען איך וועל באַהויפּטן, אַז איך האָב דאָרטן כמעט ווי נישט באַגעגנט קיין דיקע פרויען. אַז פריילינס אָדער יונגע פרויען זאָלן אָפּהיטן די ליניע איז דאָך אָפּגערעדט; אָבער איך בין ס׳רוב מאָל איבערראַשט געוואָרן צו באַגעגענען מיטעלעריקע און אפילו עלטערע פרויען, וועלכע האָבן אויף אַ וואונדערבאַרן אופן אויפגע־היט זייערע עלעגאַנטע פיגורן.

אומעטום איז די עלעגאַנץ פון דער פרוי די אַטראַקציע פונעם עפנטלעכן לעבן. דאָס נאָכקוקן אַ שיינער, עלעגאַנטער פרוי מוז נישט אומבאַדינגט זיין אַ פּועל יוצא פון וווּלגאַרע, גראָבע געפילן, פונקט ווי דאָס אויפהיטן די שיינקייט און די עלעגאַנץ מוזן נישט שטענדיק האָבן אַלס ציל וווּלגאַרע אויסרעכענונגען מצד דער פרוי. מיר דאַכט זיך, אַז די טשילענער פרוי האָט אַ סך דערגרייכט אין דעם זין, ווייל די עלע־גאַנץ שפּילט ביי איר גיכער אַ ראָלע אַלס ציל איידער אַלס מיטל.

אויב איך האָב קיין טעות נישט האָט די טשילענער פרוי טיילווייז באַוויזן צו שטעלן זיך אין קאַטעגאָריע גלייך מיטן מאַן און באַפרייען זיך פון דער „מיסטעריע״, וועלכע מען שרייבט איר צו. אָן שום טאַראַ־ראַם און אויף אַ פּשוטן, נאַטירלעכן אופן האָט זיך דער טשילענער פרוי איינגעגעבן צו פאַרנעמען איר פּלאַץ אין לעבן. זי איז עלעגאַנט, צוציענד און אינטעליגענט, אָבער זי ווייזט נישט אַרויס קיין שום סימן פון וועלן דעקן איר נאַטירלעכע שוואַכקייט מיט די דאָזיקע מעלות אין איר קאַמף פאַר גערעכטע דערגרייכונגען *).

---

*) לעצטנס האָט די פרוי אין טשילע באַקומען פּאָליטישע רעכט און אַ פרוי איז אפילו אויסגעקליבן געוואָרן אַלס דעפּוטאַטקע.

אויף וויפל איך האָב באַמערקט, דערשיינט די טשילענער פרוי פאַר אייך מיט איר פולן באַוווסטזיין פון אַ גלייכער מיט אַ גלייכן, ווי איינער ו'עדט: „יאָ, איך בין שיין, איך בין עלעגאַנט, אָבער נישט כדי אויס־צונעמען, נאָר ווייל אַזוי געפעלט מיר צו זיין!"

אויפן פאָן פון דער גרויער, טשילענער אָרעמקייט דערשיינט די גראַציע פון דער פרוי ווי איינער פון די בולטסטע קאָנטראַסטן. מען האָט מיר געזאָגט, אַז די טשילענער פרוי, פונקט ווי זי איז מדקדק אויף איר אויסער־לעכן אויסזען, אַזוי פאַרנאַכלעסיקט זי איר נישט אויסערלעכע היגיענע. פערזענלעך האָב איך עס נישט געקאָנט פעסטשטעלן, אָבער אפילו ווען דאָס זאָל אמת זיין, איז די טשילענער פרוי, מיט איר חנעוודיקייט און עלעגאַנץ, אַ ליכטיקע נאָטע אין דעם אַלגעמיינעם בילד פון דעם טשי־לענער פאָלקס־לעבן.

די פרוי אין טשילע האָט פאַרהעלטנמעסיק דערגרייכט זייער אַ הוי־כע מדרגה אויפן יורידיש־פּאָליטישן און געזעלשאַפטלעכן געביט. מיר שיינט אָבער, אַז נישט דאָס איז דאָס וויכטיקסטע אין איר לעבן, נאָר די אינערלעכע באַפרייאונג אירע פון אַ סך שוואַכקייטן, וועלכע עס באַ־זיצט דער שיינער מין.

וועגן דער פרייקייט פון דער טשילענער פרוי גייען דאָרט אום גאַנ־צע לעגענדעס, וועלכע גרענעצן זיך מיט די גרעסטע און העסלעכסטע בלבולים. ווי שטענדיק אין אַזעלכע פאַלן, ווערן קודם כל אויפגעכאַפּט די באַנאַלע און וווּלגאַרע זייטן פון דער זאַך, וועלכע שטימען על פי רוב נישט מיט דער ווירקלעכקייט און שטעלן אייך פאַר די טשילענער פרוי ווי אַ לייכטזיניק וועזן און ווי אַ באַשעפעניש וואָס איז צוגענגלעך פאַר יעדן איינציקן וואָס באַצאָלט מערער.

דער אמתער אמת איז, אַז דאָס איז אַ וווּלגאַרער בלבול אויף דער טשילענער פרוי. טאַקע דערפאַר ווייל די טשילענער פרוי האָט זיך אינער־לעך באַפרייט פון אַ סך שוואַכקייטן און פאָראורטיילן און האָט אַ נייגונג צו דערשיינען ווי אַן אומאָפּהענגיק ווען, ווערט זי פון דעם סנאָב באַ־טראַכט אַלס אַן אָביעקט פון לייכטער דעראָבערונג.

אַלס פרוי באַזיצט זי אַלע שוואַכקייטן פון איר מין, זי וויל נושא־חן זיין און אויסזען וואָס שענער און עלעגאַנטער; אָבער אַלס מענטש, איז

אין דער טשילענער פרוי פאַראַן אַ געוויסע כאַראַקטער־פעסטקייט, וועלכע מען באַמערקט זעלטן ערגעץ אַנדערש.

אָבער — נישט דער כאַראַקטער און די נייגונגען פון דער טשילע־נער פרוי איז דאָס כאַראַקטעריסטישע פון איר, נאָר זי אַליין, איר פיגור, איר אויסערלעכע פּערזענלעכקייט, ווי זי דערשיינט אין דעם טשילענער עפנטלעכן לעבן.

געזען האָב איך זי אין איר פולער הערלעכקייט, ביי דער אַרבעט אין מלוכה־אַנשטאַלטן, אין די טאַזשערן, אַלס אָנגעשטעלטע אין די קראָ־מען, אָדער אַלס קראַנקנשוועסטער אין די שפּיטאָלן: זי דערשיינט אויך אין איר פולן חן און עלעגאַנץ, ביי דער ווילטעטיקער אַרבעט, אַלס די וואָס פירט אָן מיט די גאַסן־זאַמלונגען, וועלכע זענען אין טשילע אַ פּער־מאַנענטע דערשיינונג און באַטייליקט זיך אין אַלגעמיין אַקטיוו אין דעם קאָמערציעלן און געזעלשאַפטלעכן לעבן פונעם לאַנד, אומעטום געפינט איר זי אַלס אַן אַקטיווער מיטגליד פונעם קאָלעקטיוון לעבן, אָבער אומע־טום טיילט זי זיך אויס פון דעם אַרום מיט איר חוש פאַר דער פּערפעקט־קייט און איידעלן געשמאַק. ס׳רוב מאָל פלעג איך באַוואונדערן די עלעגאַנץ און פיינע קליידונג פון פרויען, וועלכע האָבן דאָס דערגרייכט מיט די קנאַפּסטע מיטלען פון איינפאַכקייט און האַרמאָניע אין דער צופּאַסונג פון קאָליר אָדער מאָדעל. זייער ווייניק פרויען האָב איך אין סאַנטיאַגאָ אָדער וואַלפּאַראַיסאָ געזען טראָגן היטן, אָבער כמעט אַלע אָן אויסנאַם טראָגן זיי פּרעכטיקע פריזורן און פאַרקעמען זייערע האָר אַזוי, אַז זיי בילדן ווי אַ מין נאַטירלעכע קרוין צו זייער אַלגעמיינער שיינקייט.

די טשילענער פרוי פאַרנאַכלעסיקט נישט איר אויסערלעכן אַספּעקט אין קיינע אומשטענדן. אויף דער גאַס באַנדערע, קעגנאיבער די טריבו־נאַלן, האָב איך געזען מיידלעך, וועלכע האָבן געמאַכט קאָפּיעס אויף שרייבמאַשינקעס אין אַ צימערל פון צוויי אויף איין מעטער די גרויס, אַלץ דאָרט האָט גערעדט קעגן דער באַקוועמלעכקייט און ווילזיין, אָבער דאָס האָט מיט גאָרנישט געשטערט, אַז די דאָזיקע פרויען וועזנס זאָלן אָנהאַלטן זייער אויסערלעכן חן און עלעגאַנץ אומבאַרירט און אַז זיי זאָלן אייך אויפנעמען מיט אַ צוביבער־שמייכל פון העפלעכקייט און גוטן מאַקט. עפּעס ענלעכס קאָן מען זען אומעטום ווו די די טשילענער פרוי

פאַליק לערנער

פאַרנעמט איר פּלאַץ אין לעבן, ווו איבער אַלץ דערשיינט זי פאַר אייך ווי
אַ ווײַוודיקער עקספּאַנאַט פונעם שײנעם מין.

און אָט אַזוי דערשיינט זי פאַר אייך די טשילענער פרוי, מיט מער
אָדער ווייניקער מיטלען; מיט טייערער אָדער ביליקער קליידונג, איז זי
שטענדיק דער אויסדרוק פון פיינעם געשמאַק און חוש, וועלכע טיילן זי
בולט אויס פון דער אַרומיקער גרויער סביבה.

„אַנסע“

די וואָס ווייגען ווייט פון לאַטיין־אַמעריקע האָבן דעם איינדרוק, אַז אַלע לענדער פון דעם צענטראַלן און דרומדיקן טייל פונעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט זענען ענלעך אין זייער לעבנסשטייגער, מנהגים און אויפֿ־פירונג איינס אויפן צווייט; און עס עקזיסטירט נישט קיין שום אונ־טערשיד צווישן זיי. איז דאָס אין אַ גרויסער מאָל אמת בנוגע דער אומגאַנגס־שפּראַך און אָפיציעלער רעליגיע, וועלכע זענען אין אַלע לאַטיין־אַמעריקאַנישע לענדער די זעלבע, מיטן אויסנאַם פון בראַזיל און האיטי, וו די שפּראַכן זענען פּאָרטוגעזיש און פראַנצויזיש, ר׳עספּעקטיוו. ווען עס האַנדלט זיך אָבער וועגן לעבנס־שטייגער און פֿאָלקס־מנהגים, איז צווישן די דאָזיקע לענדער פֿאַראַן סרוב מאָל אַ פונדאַמענטאַלער אונטערשיד. אַרגענטינע, למשל, גרענעצט זיך מיט טשילע און פונדעסטוועגן זענען אין דעם טראַנסאַנדינישן לאַנד פֿאַראַן מנהגים און אפילו ספּעציפֿישע לאָקאַלע שפּראַך־אויסדרוקן, וואָס זענען פֿאַר אַן אַרגענטינער לחלוטין אומבאַקאַנט. וואָס פֿאַר אַן אַרגענטינער ווייסט, אַז „גואַגואַ“ איז אַ קליין קינד? פונדעסט־וועגן איז דאָס אין טשילע אַ וואָרט וואָס ווערט אפילו באַנוצט אין דער ליטעראַטור. יאָ, איז אין שפּאַניש „סי“, אָבער דער טשילענער זאָגט זעלטן „סי“; ער זאָגט „ י אַ “, וואָס אין ריכטיקן קאַסטעליאַנאָ מיינט עס ש ו י ן. אַזעלכע ביישפּילן וואָלט מען געקאָנט ברענגען אין די צענדלי־קער, סיי בנוגע שפּראַכלעכע לאָקאַליזמען און סיי בנוגע אָרטיקע לאַנד־מנהגים און פירונגען, וואָס זענען אין טשילע אַ געוויינלעכע זאַך און אין אַנדערע לענדער פון לאַטיין־אַמעריקע, אפילו די וואָס גרענעצן זיך מיט טשילע, האָט מען וועגן זיי נישט קיין אַנונג. איינער פון די דאָזיקע פּאָפּולערע מנהגים הייסט אין טשילע „אַנסע“, און מיר וועלן דאָ פּרוּוון זאָגן עפּעס וועגן דעם.

„אַנסע" איז אַ וואָרט, וואָס האָט אין טשילע אַ גאָר אייגנאַרטיקע און טשיקאַווע באַדייטונג.

אין טשילע טרינקט מען „אַנסע".

וואָס הייסט מען טרינקט „אַנסע"? — וועלן אַ סך פרעגן; — וואָס איז דאָס פאַר אַ מין געטראַנק און ווי אַזוי טרינקט מען דאָס — קאַלט אָדער וואַרעם?...

דער ענטפער איז, אַז „אַנסע" טרינקט מען טאַקע, אָבער קיין געטראַנק אַן און פאַר זיך איז דאָס נישט. מיטן נאָמען „אַנסע" ווערט אין טשילע באַצייכנט דאָס „איבערכאַפּן" עפּעס אַרום פיר אָדער פינף אַזייגער נאָכמיטאָג.

וועט מען דאָך ווידער פרעגן: מיט וואָס זשע איז דער ענין אַזוי אייגנאַרטיק און טשיקאַווע? איז דער ענטפער, אַז טשיקאַווע איז די זאַך צוליב צוויי טעמים: צוליבן נאָמען און צוליב דעם אַבסאָלוט נאַציאָנאַלן כאַראַקטער פון דער דאָזיקער געוווינהייט.

פאַרוואָס רופט מען עס „אַנסע"? וואָס פאַר אַ שייכות האָט דאָס טרינקען אַ גלאָז טיי אָדער קאַווע מיט צובייסן פינף נאָכמיטאָג מיט „אַנסע", מיט עלף, הייסט עס?

קיינער אין טשילע קאָן אייך נישט געבן קיין ריכטיקן ענטפער אויף דער פראַגע און די עטימאָלאָגיע האָט נאָך דערווייל אויך נישט קיין ריכטיקן פּירוש אויף דער דאָזיקער רעטעניש און מען מוז דעריבער שטיצן זיך אויף דער אויסטייטשונג וואָס די פאָלקס־פאַנטאַזיע גיט דעם דאָזיקן ענין.

און די פאָלקס־ווערסיע קלינגט ווי אַ חנעוודיקע סאַטירע קעגן דעם קלער. זי ווערט דערציילט אויף פאָלגנדן אופן: פאַרצייטן, ווען טשילע איז, ווי אַנדערע דרום־אַמעריקאַנער לענדער, געווען אַ שפּאַנישע קאָלאָניע און די קירכע איז, צוזאַמען מיטן פאָרשטייער פון דער שפּאַנישער קרוין, געווען די אַלהערשערן, האָבן די גלחים זיך נישט אויסגעצייכנט מיט זייער נזירות. צווישן אַנדערע עולם־הזהדיקע זאַכן פלעגן זיי ליב האָבן צו נעמען אַ גוטן שנאַפּס פאַרנאַכט־צו. אַזוי ווי אָבער זיי האָבן זיך עפנטלעך געשעמט צו רעדן וועגן דעם, האָבן זיי צווישן זיך אָפּגעמאַכט אַ פּאַראָל, וועלכער איז באַשטאַנען פון איינלאַדן זיך טרינקען „לאָס אָנסע", וואָס

מיינט די עלף בוכשטאַבן פון דעם שפּאַנישן וואָרט „אַגוּאַרדיענטע״ (בראָנפן, הייסט עס).

אָט אויף אַזאַ אופן דערקלערט די פאָלקס־ווערסיע די באַדייטונג פון אַ וואָרט וואָס קיינער ווייסט נישט פון וואַנען עס שטאַמט און וואָס פאַראַ סמיכת הפּרשיות עס איז פאַראַן צווישן דעם און דער געוווינהייט פון נעמען עפּעס אין מויל אַריין אין דער צייט פון בין השמשות.

און אָפּגעשטעלט האָב איך זיך אויף דעם וואָרט, ניט מחמת עס גייט מיר אין לעבן צו דערגרונטעווען זיך צום אָפּשטאַם דערפון, נאָר דערפאַר, ווייל די געוווינהייט פון טרינקען „אָנסע״ איז אין טשילע מער פון גלאַט עפּעס איבערכאַפּן. דאָס וואָרט „אָנסע״ אַנטהאַלט אין זיך פאַרן טשילע־נער עפּעס מער ווי דער באַגריף עסן אָדער טרינקען. „אָנסע״ איז, וואָלט איך געזאָגט, אַ קולט אין דעם טשילענער לעבן און דער דאָזיקער קולט ווערט טריי אויסגעפירט פון אָרעם און רייך.

איך האָב געזען ווי פּאַרמעגלעכע לייט האָבן דעם דאָזיקן קולט פּראַקטיצירט ביי זיך אין דער היים אָדער אין לוקסוסיעזע קאָנפּיטעריעס ביי רייך געדעקטע טישן, אויף וועלכע עס האָט זיך געפּוגען פונעם שענסטן און פונעם בעסטן. איך האָב אויך געזען ווי די אומבאַמיטלטע און אָרעמע שיכטן האָבן אויף זייער אופן פּראַקטיצירט דעם „אָנסע״־קולט.

„אָנסע״־טרינקען, האָבן מיר געזאָגט, איז אַ טשילענער נאַציאָנאַלער קולט, אַ נאַציאָנאַלע געוווינהייט, וועלכע איז אין אַ געוויסן זין פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ נויטוועגדיקייט.

ווען אַ טשילענער זאָגט אייך, אַז ער האָט צוליב אַזאַ אָדער אַנדער סיבה נישט געגעסן קיין מיטאָג, הייסט עס נאָך נישט קיין גרויסער אומ־גליק; ווען ער זאָגט אייך אָבער, אַז ער האָט נישט געטרונקען קיין „אָנסע״, מעגט איר זיכער זיין, אַז ער האָט דערפון אַ זייער טיפן עגמת נפש.

„אָנסע״ טרינקען איז אין טשילענער לעבן אַ נויטוועגדיקייט נישט דווקא אויף וויפל מען באַצוועקט אַ פיזישן געגנוס (אַ פיזישע נויטווענ־דיקייט איז דאָס אפשר פאַר די אָרעמע שיכטן, וועלכע עסן זיך אין טשילע בדרך כלל נישט איבער); פאַרן באַמיטלטן שיכט איז דאָס טרינ־

קען „אַנסע״ גיכער אַן אָביעקט פאַר סנאָבישער אויסשטעלעריי און באַ־רימעריי. מיר זענען באַקאַנט פאַלן ווען נישט קיין רייכע פערזאָנען האָבן באַצאָלט טאָגטעגלעך דרייסיק און פערציק פעזעס (טשילענער) פאַר אַ „אַנסע״ אין אַ צענטראַלן קאַפע, דאַן ווען זיי האָבן עס ביי זיך אינדער־היים געקאָנט האָבן פאַר פינף פעזעס. פאַר די דאָזיקע מענטשן איז „אַנסע״־טרינקען נישט קיין מיטל צו שטילן דעם הונגער אָדער דעם דורשט, נאָר אַ געלעגנהייט אויסצושטעלן זיך פאַר באַקאַנטע.

פאַר די פרויען פון אויפגעקומענע גבירים איז דאָס פראַווען אַן „אַנסע״ ביי זיך אין הויז אַן ענין פון „באָן טאָן״. ביי דעם דאָזיקן צוזאַ־מענקונפט האָט די פרוי די געלעגנהייט צו באַווייזן זיך מיט איר „גוטן געשמאַק״, ווייל דאָס צוגרייטן אַן „אַנסע״ איז אין אַ געוויסן זין אַן אַטעסטאַט פאַר אַ טשילענער באַלעבאָסטע. אויסער דעם איז דאָס פראַ־ווען „אַן אַנסע״ ביי זיך אין שטוב אַ גלענצנדיקע געלעגנהייט אויף צו באַווייזן זיך מיט די נייע קליידער, דעם נייעם סערוויז אָדער גאָר די נייע מעבל.

אַ טשילענער פאַרוועניו וועט אייך זעלטן זאָגן, אַז ער האָט געגעסן מיטאָג אָדער וועטשערע אין גאַס; ער וועט אָבער נישט דורכלאָזן די געלעגנהייט אייך צו דערציילן, אַז ער האָט געטרונקען „אַנסע״ אין דעם און דעם לוקסוסיעזן קאַפע, ווייל דאָס, איז ער איבערצייגט, גיט אים צו אַ באַשטימטע הויכע קאַטעגאָריע. אַ טשילענער פרוי, ווען זי וועט אייך דערציילן, אַז זי איז געפאָרן באַזוכן די קראָמען, וועט זי זעלטן ווען פאַרפעלן צו דערציילן, אַז זי האָט אין איינוועגס געטרונקען „אַנסע״ דאָרט און דאָרט.

איך בין מודה, אַז עס האָט אויף מיר נישט געמאַכט דעם מינדסטן איינדרוק, ווען איך האָב אין די צענטראַלע קאַפעען פון סאַנטיאַגאָ און וואַלפּאַראַיסאָ געזען זיצן אין דער צייט פון „אַנסע״, אין די הונדערטער מענטשן, פאַר וועלכע די גאַנצע צערעמאָניע איז אַן ענין פון סנאָבישער פאַרשווענדערישקייט און באַרימעריי. איך האָב געזען אין זיי דעם זעלבן אויסגעליידיקטן פון אינהאַלט סנאָב, וועלכן מען זעט אין די לוקסוסיעזע, גרויסאַרטיקע קאַפעען פון בוענאָס איירעס אָדער אַנדערע גרויסע שטעט, וווּ ער קויפט זיך פאַר זיין גאָלד דאָס שענסטע און דאָס בעסטע וואָס די

נאַטור שאַפט, צוזאַמען מיט דער הכנעה פון דעם וואָס טראָגט עס אים אונטער, מיט דעם פאַלשן טראַפאַרעטן־שמייכל, וואָס איז אַזוי כאַראַק־טעריסטיש פאַר אַלע קאָפּע־באַדינער, צי הייסן זיי מאָסאָ, גאַרסאָן אָדער קעלנער.

רירנד איז אָבער צו זען ווי דאָס פאָלק טרינקט „אָנסע". פאַרן אָרע־מען טשילענער, פונקט ווי פאַרן רייכן, איז דאָס טרינקען „אָנסע" אַ כמעט רעליגיעזע נויטווענדיקייט. איך האָב אין אַ טאָג געזען ווי דער אָרעמער אייגנטימער פון אַ גאַסן־שטעלעכל האָט, צוזאַמען מיט זיין פרוי, געטרונקען „אָנסע" אויף דער גאַס. עס איז נישט וויכטיק וואָס זיי האָבן געטרונקען און וואָס זיי האָבן צוגעביסן, כאַראַקטעריסטיש איז, אַז זיי האָבן דאָס געטון מיט אַ מין רעליגיעזער דביקות, מיט כוונה, וואָלט איך געזאָגט.

און דאָס איז נאַטירלעך נישט דער סאַמע רירנדיקסטער אופן פון טרינקען „אָנסע", וואָס איך האָב געזען.

ווער עס קאָן נישט אויסגעבן קיין עטלעכע פּעזאָס אויף אַ גלאָז ביר מיט צובייסן אָדער אויף אַ סאַנדוויטש, מיט וועלכע מען קען אויך נאָכ־קומען די „אָנסע"־פליכט, קאָן דאָס מאַכן מיט אַ גלאָז „מאָטע" *) פאַר צוויי „טשאַוטשאַס" **), מיט אַ פּרוכט אָדער מיט אַ טרוקענער גאַזשע־טאַ ***) פאַר צוואַנציק סענט.

„אָנסע" — אַ וואָרט וואָס אַנטשפּרעכט אין דער אַלגעמיינער שפּראַך אַ באַשטימטע ציפער, האָט אין טשילע אַ באַדייטונג פון ברייטסטן פאַרנעם. איינער לאָדט אין דעם אוים זיינע וווּלגאַרסטע געפילן פון אַן איבערגעזעטיקטן אויסשטעלער און סנאָב; אַ צווייטער געפינט אין דעם אַ געלעגנהייט פאַר געזעלשאַפטלעכן צוזאַמענקונפט צוליב אַזאַ אָדער אַנדערן צוועק; אַ דריטער — אַ געלעגנהייט אויף צו באַפרייען זיך אויף עטלעכע מינוט פון געשעפטלעכער אָדער גייסטיקער אָנשטרענגונג.

---

*) פרוכטן־יויך
**) מטבעה פון 20 סענט
***) גיך־געבאַקן פלעצל

און דאָס פֿאָלק, דאָס פֿאָלק פּראַוועט „אָנסע״ מיט וואָס נאָר עס מאַכט זיך, אָן שום זייטיקע כוונות אָדער מאָטיוון, נאָר פּשוט דערפֿאַר, ווייל אין דעם טשילענער לעבן איז טרינקען „אָנסע״ פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קולט און אין אַ נאַציאָנאַלן מנהג, נישט וויכטיק צי מען פּראַוועט אים אין שטוב ביי אַ רייך־געדעקטן טיש, אין אַ לוקסוס־קאַפֿע, אָדער גאָר זיצנדיק אויף דער ערד — אין מיטן גאַס.

מענטשן אין פעלד

פון אַ וואַגאָן-פענצטער

פון בוענאָס איירעסער וואָקזאַל שלייכט זיך די באַן אַרויס אומשול־דיק־לאַנגזאַם, הגם היימען הייסט זי — „די פייל״.

„די פייל״ איילט זיך נישט אַזוי שטאַרק, כל זמן זי שניידט דורך די שטרעקע איבער וועלכע עס ליגן די שטאָטישע קליינע סטאַנציעס. זי וועט עס ערשט טון ווען זי וועט זיך אַרומרייניקן פון די צענדליקער באַריערן אויף די שטאָטישע גאַסן, וווּ טראַמווייען וואַרטן מיט די שטאַנ־גען ביי די קאַבלען ווי נאָך נישט געבוירענע קינדער ביי די נאָפּלען פון זייערע מוטערס און וווּ לאַנגווייליקע שאָפערן און אויטאָבוסן און קאָלעק־טיוואָס כאַפּן זיך אַלע מינוט צום זייגער. די גאַנצע צייט פייפט דער לאָקאָמאָטיוו מיט עפּעס אַזאַ תחנונימדיקן פייף, גלייך ער וואָלט זיך מיט עמעצן געזעגנט איידער ער לאָזט זיך אַוועק אין פעלד אַריין אויף צו פאַרבינדן בוענאָס איירעס מיט ראָזאַריאָ וואָס ליגט „אַ שפּאַן פון דער הויפּטשטאָט״.

דער דאָזיקער „שפּאַן״ איז נישט ווייניקער ווי 315 קילאָמעטער. אפילו „די פייל״ קאָן זיי נישט „איבערפליען״ אין ווייניקער פון פיר שעה צייט. ביז די באַן קומט אַרויס אויפן פרייען פעלד גייט זי אַ קנאַפּע האַל־בע שעה אין בוענאָס איירעס גופא; די אַרגענטינער הויפּטשטאָט, אָדער בעסער געזאָגט, נאָר אַ ווינקל אירס צו צפון צו, איז אפילו מיטן שנעלצוג אַ שטרעקע פאַר אַ גאַנץ נישקשהדיקן שפּאַציר. די רייזע ביז ראָזאַריאָ איז צוליב דער שנעלקייט נישט אַזוי נודנע, אָבער נאָך ראָזאַריאָ צו צפון צו, הויבט עס אָן גאַנץ נישקשהדיק צו לאַנגווייליקן, נישט נאָר ווייל די באַן גייט אַ סך לאַנגזאַמער און שטעלט זיך אָפּ ביי יעדער סטאַציע, נאָר צוליב אַנדערע טעמים וועלכע מיר וועלן פּרוּוון אָנווייזן.

***

די רייזע אין די אַרגענטינער באַנען אַן און פאַר זיך איז נישט אַנדערש ווי אין אַנדערע לענדער, אויב אָבער עס נודיעט דאָ מער ווי ערגעץ אַנדערש איז דאָ בלי ספק שולדיק די לאַנדשאַפט פון די צענטראַלע לאַנדזאָנעס: עס איז נישטאָ ביי וואָס זיך צו פאַרטשעפען. מען פאָרט אָפ טויזנט קילאָמעטער מיט דער באַן און די לאַנדשאַפט ענדערט זיך מיט גאָרנישט; אומענדלעכע פלאַכלענדער ציען זיך פאַר דיר, הינטער דיר און אַרום דיר; קיין בערגל, קיין טאָל, קיין וואַלד אָדער טייך מישט זיך נישט אַריין אויף צו צעטרייבן די אייביקע מאָנאָטאָנקייט פון דער דאָזיקער ריזיקער רחבותדיקער פלאַכקייט, וואָס וואַרפט ס׳רוב מאָל אָן אַ מורא. פונקט ווי דער ים דער אומענדלעכער; די שטעטלעך דורך וועלכע די באַן פליט דורך און באַגריסט מיט אַ פייפנדיקן גוט מאָרגן, זענען אויך עפעס ווי די שיפן אינמיטן ים, צייטווייליק, און זיי זעען אויס, וואָלט איך געזאָגט ווי פראַכט־שיפן. אָבער ווי גאָר פאַרלוירענע שיפן זעען אויס די הייזער פון די טשאַקרעס וואָס זענען איינזאַם צעוואָרפן איבערן פעלד ווו נאָר מען וואַרפט דאָס אויג.

די נאַטור איבער צענטראַל־אַרגענטינע און אויך ווייטער צו צפון צו, האָט גאָרנישט געטון אויף צו פאַרשענערן די לאַנדשאַפט און עס זעט אויס אַז אויך דער מענטש האָט זיך אָנגעשטעקט פון דער דאָזיקער אָפגעלאָזנקייט און ער טוט אויך גאָרנישט אויף אַריינצוברענגען פאַרביקייט אין דער מאָנאָטאָנער פאַנאָראַמע. נישטאָ דער מינדסטער שפור פון קיין שטרעבונג צו עסטעטיק אין די אַרגענטינער שטעטלעך וואָס מען זעט, דורכפאָרנדיק מיט דער באַן; אַלע האָבן זיי איין פנים: הייזער געבויטע פון רויטע ציגל און זעלטן ווען אַרומגעטינקעוועט. די גאַסן, לאַנגע, זעען אויס ווי פאַרוואָרלאָזטע און די דראָט־צוימען אינמיטן שטעטל מאַכן דעם איינדרוק פון קאָנצענטראַציע־לאַגערן. די יוגנט פון די דאָזיקע שטעטלעך האָט זיך ווייזט אויס נישט ווו אַהין צו טון, געפינט מען זי ס׳רוב מאָל ביי דער פאַרשטויבטער שטעטלשער באַן־סטאַנציע אין דערוואַרטונג צו זען אַ פרעמד פנים, וואָס ענדערט אויף אַ צווייפלהאַלטן אופן דעם געמיט־צושטאַנד. די צייטונגען און זשורנאַלן ווערן ביי די אייזנבאַן־סטאַנציעס צעכאַפט ווי ברויט אין אַ הונגער־צייט.

איך האָב אויף אַ רייזע פון הנאַפע 700 קילאָמעטער מיט דער באַן

געזוכט אַ שפּור פון דעם וואָס מען זעט אין די אייראָפּעאישע אָרעמסטע דערפלעך, און נישט געפונען. דאָרט זוכט דער פויער אפילו אין דעם צלם וואָס ער שטעלט אויף אינמיטן פעלד, אונטערצושטרייכן אויף אַ פּרימי־טיוון אופן זיין שטרעבונג צו גייסטיקער העכערקייט; דאָ דאָמינירט די דראָט־צוים די גאַנצע פּאַנאָראַמע. די גאַנצע לאַנדשאַפט זעט אויס ווי איין גרויסער לאַגער מיט פאַרשידענע אָפּצוימונגען. דאָס אַרגענטינער פעלד מאַכט בשום אופן נישט דעם עמאָטיוון איינדרוק וואָס די נאַטור דאַרף מאַכן. אַ פעלד־ים און איבער אים צעוואָרפן נאַקעטע, אָפּגעשונדענע היי־זער, וואָס ווערן בטל צווישן שוואַרץ־פאַרשימלטע סטויגעס שטרוי. ער־טערווייז זעט מען דעם אַרגענטינער פּאָפּולערן בוים דעם „פּאַראַיסאָ", דער איינציקער וואָס קעמפט מיטן אומענדלעכן אַרום אויף צו פאַרשענערן אים. די פערד און בהמות וואָס מען זעט אויף די פעלדער, זעען אויס ווי גלייך זיי וואָלטן, ערטערווייז אין גאַנצן טאַבונען, צו קיינעם נישט אָנ־געהערט. אינדערהאמתן קאָנען זיי ווייטער פון זייער אייגנטימערס דראָט־צוים נישט גיין; דער בעל הבית אויך נישט.

***

די געגנט פון וועלכער מיר רעדן דאָ איז איינע פון די באַוווינטסטע אין אַרגענטינע. דריי שעה פאָרט מען מיט דעם שנעלצוג אין דער פּראָ־ווינץ בוענאָס איירעס, וועלכע איז איינע פון די אַנטוויקלסטע אין לאַנד; די פּראָווינץ סאַנטאַ פע איז די צווייטע פּראָווינץ, דאָ וווינט אַן עלעמענט אַן איינגעוואָרצלטער שוין אָבער ער האָט נישט באַוויזן אויסצופלעגן דאָס דאָזיקע געפיל פון שיינקייט וואָס זאָל באַצירן זיין אוטיליטאַריסטישן גייסט פון אַ פּראַקטישן פויער. דערווייל דאָמינירט נאָך דער שטריך פאָר־נעם וואָכעדיקן דראָט־צוים. איך האָב אין דער פּראָווינץ סאַנטאַ פע נישט ווייט פון אַ שטעטל געזען אַ צווינטערל האָט דערפון ממש געווייעט מיט וואָכעדיקייט. מען האָט דאָרטן נישט געזען כמעט קיין ביימל — פון בלומען־בייטן איז אָפּגערעדט. עפּעס איז דאָס דאָזיקע בית־עולמל געליגן אַזוי איינזאַם פאַרשעמט, ווייט פונעם שטעטל. דאָס איינציקע וואָס האָט אַריינגעבראַכט אַ דיסאָנאַנס אין דער פאַרגליווערטער שטיינקייט פון

דער מויער, פון די צלמים און נישעס איז געוועז דאָס אייזערנע געצאַצ־קעטע טויערל.

א פּויערל וואָס האָט געטרונקען מאַטע אויף דער באַן און האָט נישט אַנדערש געוואָלט אַז אויך איך זאָל מיט אים מיטטרינקען, האָט מיר געזאָגט, אויף מיינער אַ באַמערקונג אין דעם זין: „דאָ קריכן נישט אין קאָפּ אַריין קיין „נאַרישקייטן". מיר דאַרפן אַ מיטל ווי צו פאַרטיליקן דעם היישעריק".

דאָס איז אמת. אין דער פּראָווינץ סאַנטאַ פע האָט מיר אַ ייִדישער קאָלאָניסט פון אַ יאָר 60 געוויזן אַ גערטנדל וואָס ער האָט פאַרפלאַנצט. די ביימעלעך זענען זיך געשטאַנען אין דער ריי ווי די הילצערנע מצבות־לעך אויף די קברים פון פאַרשטאָרבענע קינדער, פאַרדאַרטע.

„איך האָב זיי געבראַכט פון ראַפאַעלאַ — האָט ער פאַרשעמט גע־זאָגט — דער היישעריק האָט זיי „צורעכט געמאַכט". קאַרטאָפליעס און פּעטרישקע דאַרפן מיר דאָ קויפן. עס איז אַ בושה דאָס צו דערציילן", איך האָב געמיינט אַז אָט אָט צעוויינט ער זיך. ער האָט אינדערמתן געשמייכלט אַזוי, ער איז שוין געוווינט מיט די צרות. דער עיקר זאָל איך אים זאָגן צי עס וועט זיין אַ מלחמה אָדער ניין. ער האָט אַ צוויי הונ־דערט שטיקלעך „נאַוויזשעס", ווייל ער ווייס; וואָס עס וועט ווערן פון זיי.

„דאָ קריכן נישט אין קאָפּ אַריין קיין נאַרישקייטן" — האָט מיר גע־זאָגט יענער פּויער אויף דער באַן — און מיך געפרעגט מיט וואָס עס איז אַרויס די גראַנדע; ערנסט איז ערנסט.

***

סאַרמיענטאָ האָט געזאָגט, אַז דער גרעסטער אומגליק פון אַרגענ־טינע איז איר אומבאַפעלקערטקייט. היינט וואָלט דער דאָזיקער דינאַמי־שער אַרגענטינער שוין אפשר אביסל געזעטיקט זיין ציוויליזאַטאָרישן דראַנג. אָבער ווער ווייסט צי וואָלט ער זיך שוין באַגנוגנט מיט דעם וואָס מען זעט אויף דער אַרגענטינער פּראָווינץ. ער האָט געשטרעבט צו דעם אַז דער אַרגענטינער פּויער זאָל חוץ אַרבעטסזאַם און ציוויליזאַטאָריש אויך פאַרמאָגן דעם חוש פאַר עסטעטיק. אין זיינע ווערק רעדט ער מיט פאַרדרוס וועגן דעם וואָס דער אַרגענטינער איז נאַכלעסיק אין דעם זין.

ער ברענגט אַלס ביישפּיל די אויסלענדישע קאָלאָניסטן, וואָס פּלאַנצן אַ גערטנדל פאַרן הויז, וואָס פּראַקטיצירן ריינקייט און וואָס האָבן אַ חוש פאַר עסטעטיק און קלאָגט זיך אויפן געבירטיקן וואָס פאַרנאַכלעסיקט די דאָזיקע אַלע געביטן און געבאָטן.

עס פאַרשטייט זיך אַז זינט יענער צייט ווען סאַרמיענטאָ האָט געשריבן זיינע ציוויליזאַטאָרישע שורות האָט זיך די לאַגע גרינטלעך געביטן. דאָס אַרגענטינער לאַנד איז היבש באַפעלקערט געוואָרן און דווקא מיט אַן איינגעזעסענעם קאָלאָניזאַטאָרישן עלעמענט, וואָס האָט אַ חוש פאַר אייגנטום אָבער — פאַר קיין עסטעטיק נישט. קעגן דעם עסטעטישן עלעמענט אויף דער אַרגענטינער פּראָווינץ, וואָלט סאַרמיענטאָ אפילו היינט אין דער העלפט פונעם 20סטן יאָרהונדערט געהאַט וואָס אויסצוזעצן. עס וואָלט אים שאָקירט דער גראָער מאַטעריאַליזם און אוטיליטאַרישקייט וואָס מאַניפעסטירט פון דער גאַנצער פּאַנאָראַמע; די גאַנצע אַרגענטינער פּראָווינץ מיט אירע אַרומגעצוימטע קאַמפּן אויף וועלכע עס דרייען זיך אום מיליאָנען רינדער, שאָף און פערד, מיט אירע שטעטלעך, וואָס געפינען זיך לעבן דער באַן־ליניע, וואָס זענען אַזוי ענלעך ווי צוויי טראָפּנס וואַסער מיט זייערע נאַקעטע הייזער פון רויטע ציגל אויף וועלכע עס איז אָפּגעלייגט אַ דיקער שיכט פון שטויב וואָס דער ווינט טראָגט אומגעשטערט איבער די אומענדלעכע פליינען; מיט די האַמעטנע תבואה גאָלפּאָנען ביי די באַן־סטאַנציעס און די אָפּגעקאַלכטע לאַגערן, מיט די שמאָלע דורכגענג, ווו מען לאָדעוועט אָן די בהמות אויף די לאַסט־צוגן — זעט אוים ווי איין גרויסע פאַבריק פון פלייש און ברויט. זייער זעלטן זעט מען אַן ענדערונג אין דער דאָזיקער מאָנאָטאָנער פּאַנאָראַמע. אויך די מענטשן זעען אַבסאָלוט נישט אוים אַזוי ווי זיי קומען אַרוים אין די אילוסטרירטע זשורנאַלן און די סביבה וואָס רינגלט זיי אַרום, נישט אַזוי אידיליש ווי זי ווערט געשילדערט אין די לידער און געזאַנגען וואָס מען פאַרפּאַסט אין שטאָט.

גיין, זיי זעען אוים אַנדערש...

אין אַ ווייַנגאָרטן פון מענדאָסאַ

זיין אין מענדאָסאַ און נישט אָנקוקן אירע באַרימטע וויינגערטנער, וואָלט געהייסן נישט באַקענען זיך מיט דעם וואונדערלעכסטן און טיפּיש־סטן אַספּעקט פון דער דאָזיקער אַרגענטינער פּראָווינץ, וועלכע ליגט אין מערב זייט פונעם לאַנד, צופוסנס פון די גיגאַנטישע אַנדן־בערג. דער קול־טיוו פון ווייַנטרויבן און די פּראָדוקציע פון ווייַן, איז דער קענצייכן פון דער פּראָווינץ מענדאָסאַ און די באַזע פון איר ווירטשאַפט און זי שפּילט אין דער אַלגעמיינער ווירטשאַפט פון דער אַרגענטינער רעפּובליק איינע פון די באַדייטנדסטע ראָלן. מענדאָסאַ איז פאַר דעם איינוווינער פון די ריזיקע אַרגענטינער פלאַכלענדער, וועלכער לעבט אין דער מאָנאָ־טאָנקייט פון די אומענדלעכע פּאַמפּאַס, עפּעס אַזוינס וואָס גרענעצט זיך מיט לעגענדע. און דער אמת איז, אַז ווען אַן איינוווינער פון די צענ־טראַלע ראַיאָנען באַזוכט די דאָזיקע פּראָווינץ, וועלכע געפינט זיך איבער טויזנט קילאָמעטער פון דער הויפּטשטאָט בוענאָס אײַרעס, איז נישט נאָר וואָס ער ווערט נישט אַנטוישט, ווי עס פּאַסירט אָפטמאָל מיט זאַכן וואָס אַנטשפּרעכן נישט די פאָרשטעלונג וואָס מען האָט געהאַט וועגן זיי, נאָר ער טרעפט אַ סך מער ווי ער האָט זיך פאָרגעשטעלט.

די פּראָווינץ מענדאָסאַ איז נישט נאָר דער סינאָנים פון אַ באַשטימטן ווירטשאַפטלעכן צווייג פון דעם אַרגענטינער לאַנד אָדער אַ וויכטיקער געאָגראַפישער איינס פון די אַזויגערופענע קוזשאָ־פּראָווינצן, נאָר זי באַ־זיצט אויך אַ גאָר גרויסן יחוס־בריוו פון דער אַרגענטינער געשיכטע, לויט דער ראָלע וואָס זי האָט געשפּילט אין דעם קאַמף פאַר דער באַפרייִ־אונג און עמאַנסיפּאַציע פון די דרום־אַמעריקאַנער פעלקער, אָנהויב 19טן יאָרהונדערט. די געשיכטע פון איינעם פון די גרעסטע מענער וואָס האָט זיך באַטייליקט אין דער דאָזיקער עפּאָפּייע — גענעראַל כאָסע דע סאַן מאַרטין — איז אין אַ גרויסער מאָס פאַרבונדן מיט דער פּראָווינץ מענ־

דאָסאַ, ווו ער האָט אָרגאַניזירט די באַרימטע אַנדן־אַרמיי, מיט וועלכער ער האָט, נאָך אַ געוואַגטן און שווערן קאַמף מיט די שפּאַניער, באַפרייט טשילע און פּערו. אין מענדאָסאַ, די הויפּטשטאָט פון דער פּראָווינץ, געפינט זיך טאַקע אַ וווּנדערבאַרער דענקמאָל נאָך דער אַנדן־אַרמיי, וועלכער איז איינער פון די אימפּאָזאַנטסטע און אָריגינעלסטע מאָנומענטן וואָס מען האָט ווען עס איז געזען. און אָריגינעל איז דער דאָזיקער דענקמאָל נישט נאָר לויט זיין פאָרנעם און אויסזען, נאָר איבערהויפּט לויט דעם פּלאַץ ווו ער געפינט זיך. דער דענקמאָל שטייט נישט אויף קיין קינסטלעך געבויטן פונדאַמענט, נאָר ער האָט אַלס פּיעדעסטאַל אַ באַרג וואָס געפינט זיך עטלעכע קילאָמעטער פון דער שטאָט מענדאָסאַ — דער אַזוי גערופענער „סעררא דע לאַ גלאָריאַ" (דער באַרג פונעם רום), אַן אַרומגעריינגלטער פון די קאָלאָסאַלע אַנדן־בערג. וועלכע שטייען דאָ ווי די שטומע, פאַרגליווערטע עדות פון יענער גרויסער עפּאָפּייע, ווען סאַן מאַרטין מיט זיינע סאָלדאַטן זענען געגאַנגען באַפרייען פעלקער. אויף דער דערמאָנטן באַרג געפינט זיך דער דענקמאָל נאָך דער אַנדן־אַרמיי, ווו סאַן מאַרטין זיצט אויף זיין פערד אין אַ פּאָזע, ווי ער וואָלט געטראַכט וועגן דעם שווערן וועג וואָס זיינע חילות האָבן דורכצומאַכן.

מענדאָסאַ פאַרמאָגט אויך איינעם פון די גרעסטע און וווּנדערלעכסטע פּאַרקן פון דער רעפּובליק (די מענדאָסאַר לאָקאַל־פּאַטריאָטן זאָגן אַז פון גאַנץ דרום־אַמעריקע), דער „פּאַרקע סאַן מאַרטין". דער דאָזיקער פּאַרק איז נישט נאָר אָריגינעל לויט דער אוביקאַציע, צופוסנס פון די אַנדן־בערג, און לויט דער שיינקייט, נאָר ער איז אַזוי גרויס, אַז מען קאָן דאָרט איינפאַך פאַרבלאָנדזשעט ווערן ווי אין אַן אורוואַלד. אפילו דער קינסטלעכער טייך וואָס איז דאָרט פאַראַן, מאַכט דעם איינדרוק פון אַ טיפּישער באַרג־אָזערע.

די פּראָווינץ און די שטאָט מענדאָסאַ פאַרמאָגן נאָך מערקווירדיקע זאַכן אויף וועלכע עס וואָלט זיך געלוינט אָפּצושטעלן. דאָס טיפּישסטע אָבער פון דער דאָזיקער פּראָווינץ זענען אירע ווייגערטנער. גרויס איז דעריבער געווען מיין צופרידנקייט, ווען איינער פון די יידישע „באָדעגע־ראָס" *) פון מענדאָסאַ — דער ה' חיים פּרילוצקי, היינט שוין אויפן עולם

*) אייגנטימער פון אַ ווייַנקעלער

האמת — האָט מיר אַנגעבאָטן צו באַזוכן זיין ווייַנגאָרטן און דעם ווייַנקעלער וואָס ער האָט דאָרט. איך האָב דעם פאָרשלאָג אָנגענומען מיט אמתער פרייד און צו דער אָפּגעמאַכטער מינוט איז דער אויטאָ געשטאַנען פאַר דער טיר פון מיין האָטעל ווו איך האָב אים אָפּגעוואַרט. עס איז געווען 6 אַזייגער אינדערפרי ווען די שטאָט מענדאָסאָ האָט זיך גענומען צעטשוכען פון איר שלאָף און די אַנדן־בערג האָבן זיך אָנגעהויבן אַנטבלויזן פון דער נאַכטיקער טונקלקייט, גרייטנדיק זיך אויפצונעמען די אויפגייענדיקע זון אויף זייערע ווייסע זקנישע קעפּ.

***

אונדזער אויטאָ גליטשט זיך איבער אַן אויסגעצייכנטן בעטאָן־שאָסיי, וועלכע שניידט צווישן ווייַנגערטנער. וויפל דאָס אויג קאָן נאָר פאַרכאַפּן זעט עס ווייַנגערטנער, וועלכע טינקען זיך שוין אין דער ערשטער פרילינג־בליעכץ און זאַפּן אין זיך איין בשפע די אויסשטראַלונגען פון דער מענדאָסער זון, וועלכע איז ווי ספּעציעל באַשאַפן געוואָרן פאַרן ווייַנשטאָק און פּרוכטבוים.

שיין איז די פּאַנאָראַמע פון צעגרינטן ווייַנגאָרטן, אָבער נאָך שענער זענען די אַנדן־בערג, וועלכע ציען זיך פונוויטנס מיט זייערע פאַרשנייטע הויכקייטן און זעען אויס נאָך פאַנטאַסטישער קעגנאיבער דער פרי־זומערדיקער זון, וועלכע וואַרעמט שוין דאָ אונטן, גאַנץ נישקשהדיק.

פאַרוואָס איז מיר איינגעפאַלן זיך דווקא אָפּצושטעלן אויף דער זון און אויפן באַרג? דאָס איז בשום אופן נישט קיין צופאַל; ווילט איר דערפילן מענדאָסאָ, ווילט איר פאַרשטיין דעם סוד פון איר גליקלעכער לאַגע, דאַן זאָלט איר זיך ווענדן צו דער זון, וועלכע שיינט דאָ אומפאַרגלייכלעך, און צו די אַנדן־בערג, וועלכע וואַכן איבער איר גורל ווי טרייע שומרים פון דער השגחה.

דאָס גליק פון מענדאָסאָ נעמט זיך פון איין זאַך: פון דעם קאַמף וואָס גייט דאָ אייביק אָן צווישן דער זון און די אַנדן־בערג. דער וווילשטאַנד פון דער דאָזיקער פּראָווינץ ליגט קעגנאיבער אירע פּלאַכלענדער אויף די אַנדן אין דער געשטאַלט פון אייביקן שניי, פון וועלכן די זון ברענגט די שפע פאַר אירע ווייַנגערטנער. אין מענדאָסאָ רעגנט זייער זעלטן, וויל די מעכטיקע אַנדן־בערג האָבן די „עגאָאיסטישע" טבע צוצור־

ציען צו זיך די עלעמענטן פון וועלכע עס פאָרמירן זיך די כמאַרעס, און אַנשטאָט רעגענען — שנייט.

אַזוי איז דאָס: אין מענדאָסאַ רעגנט נישט, אָבער אויף די הויכקייטן פון אירע בערג לאָזט זיך קיינמאָל נישט אויס דער שניי און דאָס וואָס די בערג נעמען צו ביי דעם פלאַכלאַנד מוזן זיי דערנאָך אָפּגעבן מיט פּראָצענט אַדאַנק דער ענערגישער „אינטערווענץ" פון דער מאַמע־זון...

און כאָטש די נאַטור אַרבעט דאָ אויף אַזאַ וואונדערבאַרן אופן פאַרן מענטשן, האָט ער פונדעסטוועגן אויך וואָס צו טון, ביז ער זעט די פּרוכט אין די פעסער פון זיין וויינקעלער. מיין גאַסטגעבער איז מיט מיר אומ־געגאַנגען אַ גאַנצן טאָג און מיר אַלץ געוויזן, אַלץ אויפגעקלערט; אָבער עס זענען נישט נויטיק דווקא קיין אויפקלערונגען, אַז איר זאָלט באַ־מערקן, אַז דער קולטיוו פון וויין איז פאַרבונדן מיט אויסערגעוויינלעכער און מיט טאָג־טעגלעכער אַרבעט אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר.

נישטאָ, דאַכט זיך, נאָך אַזאַ פּלאַנץ ווי דער וויינשטאָק, אַרום וועל־כער מען דאַרף אַזוי פיל אַרומגיין און אים אָפּהיטן. שטענדיק איז דאָ וואָס צו טון אַרום דעם וויינגאָרטן. מען מוז אים היטן און קעכלען ווי אַ בן יחיד און אים שענקען אויפמערקזאַמקייט ווי אַ קאַפּריזנער פרוי, וועל־כע ווייסט איר ווערט...

וויינגערטנעריי איז אַ ספּעציאַליטעט, וועלכע גרענעצט זיך מיט הויכער קוואַליפיקאַציע; עס איז די אַריסטאָקראַטישע קאַטעגאָריע — וואָלט איך געזאָגט — פון דער ערד־אַרבעט און פּרוכטקולטיוו; דאָס סאַמע אינטערעסאַנטסטע איז דאָ די באַוואַסערונגס־סיסטעם. דאָס איז שוין ניט בלויז פאַרבונדן מיט טעכנישער קענטעניש, נאָר אויך מיט אַ ספּעציעלער מאָראַל און דיסציפּלין. די נאַטור — האָבן מיר געזאָגט — אַרבעט דאָ פאַרן מענטשן, אָבער דער מענטש קאָן זיינע אייגענע מעלות און חסרונות און ער האָט זיך דעריבער פאַרזאָרגט מיט ספּעציעלע מאַס־מיטלען.

עס האַנדלט זיך דאָ נישט נאָר וועגן דעם אופן ווי אַזוי די וואַסער ווערט ראַציאָנעל אָפּגעלענקט און ניוועלירט ווי, ווו און וויאַזוי מען וויל. צו דעם איז געשאַפן געוואָרן אַ ספּעציעלע קאַנאַליזאַציע־סיסטעם, וועל־כע צעפירט דאָס וואַסער אין די פאַרוואָרפנסטע ווינקלעך אַריין פון יעדן

ווייַנגאָרטן. דאָס אינטערעסאַנטע דערפון איז אַזוי די געררופענע „וואַסער־מאָראַל" וואָס עס הערשט דאָ. דאָס צוגנבענען וואַסער ביי אייער שכן איז אין מענדאָסאַ פּונקט אַזאַ פאַרברעכן ווי באַגיין אַ גנבה אין זיין הויז אָדער פּונקט דאָס זעלבע וואָס דערהרגענען אַ מענטשן. דאָס וואַסער איז דאָ אַ ראַציאָנעל־פּאַרטיילט אַרטיקל און עס געהער דעריבער צו דער קאַטעגאָריע פון פּריוואַט־אייגנטום, ווען עס געפינט זיך אין די קאַנאַוועס פון אייער ווייַנגאָרטן.

און אויב די הערלעכקייט פון דער נאַטור און פון די אַרומיקע לאַנד־שאַפטן פילן אייך אָן מיט אַ מערקווירדיקן נחת רוח, איז נישט קלענער דער רעספּעקט וואָס דערוועקט זיך ביי אייך צו זיין מאַיעסטעט דעם מענטשן, וועלכער באַווייזט זיך דאָ סיי אין זיין פּרוכטבאַרער אַרבעטס־זאַמקייט און סיי אין זיין מאָראַלישער גאַנצקייט און דיסציפּלין מיטן נישט „פּורץ גדר" זיין דעם שכן, מיט וועלכן ער טיילט די שפע פון דער גאָט־געבענטשטער נאַטור...

פון דעם אויבנגעזאָגטן וועט מען אפשר דרינגען אַז מענדאָסאַ מיט אירע ווייַנגערטנער איז עפּעס אַזוינס וואָס האָט צו טון מיט ראָמאַנטיש־קייט אָדער מיט אידיליע; גאָרנישט דערפון. עס איז אַ טעות צו דענקען, אַז מיר האָבן דאָ צו טון מיט דעם ווייַנקעלער־באַגריף, וועלכער דערמאָנט אייך אין זאָרגלאָזע מענטשן־באַשעפענישן, וואָס ווינען ערגעץ אויף אַן איבערימישן אינדזל און טרינקען וויין נאָר פון קרוג. ניין, ווייַנגערטנעריי אין מענדאָסאַ איז ווייט נישט יענע אידילישע באַשעפטיקונג. באַקכוס, דער גאָט פון וויין, איז געוואָרן אַן „אינדוסטריאַל", וועלכער איז אָפּהענ־גיק פון דער בירזשע און פון דער וואַליוטע, און ער האָט זיך דעריבער צוגעפּאַסט צו די געבאָטן פון דער צייט.

אויב, צום ביישפּיל, עס וואָלט מיר אויסגעקומען לייכט אָפּצושיל־דערן אַ פאַרצייטיקן ווייַנקעלער, וועלכער איז באַשטאַנען פון אַן אונטער ערדישער הייל, אין וועלכער עס זענען אויסגעשטעלט הונדערטער פעסער וויין, איז אָבער זייער נישט לייכט צו שילדערן אַ מאָדערנעם ווייַנקעלער פון מענדאָסאַ, וווּ דער פּראָצעס פון „טרעטן" דעם וויין איז רעדוצירט געוואָרן צו אַ סטאַנדאַרט־סיסטעם, טאַקע ווייל עס ווערן דערצו באַנוצט די מאָ־דערנסטע מאַשינען און וווּ די כעמיע שפּילט אַ פּרעדאָמינירנדיקע ראָלע.

מענדאָסאַ אַלס ווײַן־פּראָווינץ איז נישט קיין אידיליע, ווײַל זי איז אײגנט־לעך אַ פאַבריק פון ווײַן, פּונקט ווי עס איז אַ פאַבריק פון פלייש די פּראָ־ווינץ בוענאָס אײַרעס און פּונקט ווי ענטרע ריאָס איז אַ פאַבריק פון ווייץ, גערשטן אָדער מאַיס.

פּונקט אַזוי ווי עס איז סטאַנדאַריזירט די סיסטעם פון די אַרגענטינער פּאַשע־פעלדער אָדער שלאַכט־הײַזער און פּונקט ווי עס איז מעכאַניזירט די אַגריקולטור און די מעל־אויסאַרבעטונג, אַזוי איז אויך אינדוסטריאַלי־זירט דער ווײַנקעלער, וווּ אַלץ ווערט געמאַכט מיט דער מאַשין, אונטער דעם אויפזיכט פון דעם מענטשן וועלכער דרייט זיך אום צווישן די „טאַ־נעלן", אַזעלכע ריזן־פעסער, ווי אַ ליליפּוט צווישן גיגאַנטן...

***

און איצט אַביסל „יידישער מאָמענט".

וויפל יידן זענען פאַרטראָטן אין דער ווײַן־פּראָדוקציע, דאָס הייסט, אין דער הויפּט־פּראָדוקציע פון מענדאָסאַ?

ווייניק, זייער ווייניק זענען פאַרטראָטן אין דעם דאָזיקן הויפּט־צווייג פון דעם מענדאָסער עקאָנאָמישן וועזן; אויף די פינגער פון איין האַנט קען מען זיי איבערציילן.

מײַן מיטשמועסער, אַ ייד וואָס זײַן אויסערלעכער אויסזען און זײַן זשעסט האָבן אייך דערציילט וועגן אַ מענטשן מיט אויסגעשפּראָכענע טענדענצן פון פאַרוואָרצלטקייט, האָט מיט אַ סך פאַרדרוס גערעדט וועגן דעם פאַקט פון יידישער אָפּוועזנהייט אין דער ווײַנגערטנערײַ. לויט זײַן מיינונג וואָלט מענדאָסאַ געדאַרפט האָבן אַ פיל גרעסערן פּראָצענט פון יידישע ווײַנגערטנער און דאָס סאַמע וויכטיקסטע איז, האָט ער צוגעגעבן, וואָס יידן וואָלטן דאָס געקאָנט דערגרייכן זייער לײַכט. מענדאָסאַ און בוענאָס אײַרעס, האָט ער אונטערגעשטראָכן, פאַרמאָגן אַזעלכע יידן, וואָס בלויז מיט אַ קליינעם טייל פון זייער פאַרמעגן וואָלטן זיי געקאָנט באַזיצן גאַנץ גרויסע ווײַנגערטנער, וועלכע זענען, לויט זײַן מיינונג, אַ סך לוינבאַ־רער, אַפילו קאָמערציעל, איידער שטאָף און גאַלאַנטערײַ־געשעפטן.

און די פאַקטן, וואָלט איך צוגעגעבן, באַשטעטיקן דאָס. אין מענדאָסאַ פעלן נישט קיין פאַרמעגלעכע יידן, אָבער די פאַרמעגלעכסטע פון זיי זע־

נען יענע, וואָס באַטייליקן זיך אין דער גרונט־פּראָדוקציע פון דער פּראָ־ווינץ: אין דער וויינגערטנערײַ. און נישט נאָר די רייכסטע זענען זיי, נאָר אויך די אָנגעזעענסטע און געשעצטסטע אין דער יידישער און נישט־יידישער סביבה און, אויב איך האָב קיין טעות נישט, זענען זיי אויך די צופרידנסטע און גליקלעכסטע מיט דער ראָלע וואָס זיי שפּילן. די דאָזיקע השערה איז מיר איינגעפאַלן, ווען איך האָב זיך צוגעקוקט צו דעם יידן וואָס האָט מיך אומגעפירט איבער זיין וויינגאָרטן און מיט נישט־באַהאַל־טענעם שטאָלץ גערעדט וועגן יעדער קלייניקייט וואָס ער האָט מיר געוויזן. עס איז נישט געווען שווער צו דערפילן, אַז דער דאָזיקער מענטש לעבט זיך אויס אויף אַן אָרגאַנישן און נאַטירלעכן אופן אַ סך גליקלעכער ווי די יידן וואָס שטייען אין שטאָט־צענטער פון מענדאָסאַ מיט גרויסע קראָ־מען. דאָס ווערן און פאַרבלייבן אַ מענדאָסער „באָדעגעראָ" (אייגנטימער פון אַ וויינגאָרטן), האָט אים געשאַפן נישט נאָר אַ פעלזן־פעסטע פּאָזיציע אויפן עקאָנאָמישן געביט, נאָר אויך אַ גייסטיקע און פּסיכישע פעסטקייט און דעם באַוווסטזיין פון אייגענער ווירדע, ווי עס פּאַסט פּאַר איינעם וואָס ווייסט און פילט, אַז ער באַטייליקט זיך ווי אַ גלייכער אין דער אַנטוויק־לונג און אינעם אויפשטייג פון דער דאָזיקער אַרגענטינער פּראָווינץ.

און ווען ער האָט מיך שפּעט אין אָוונט אַראָפּגעלאָזט ביי דער טיר פון מיין האָטעל, האָבן אין מיין דמיון אָפּגעקלונגען די געזונטע און ריכ־טיקע ווערטער וואָס ער האָט מיר געזאָגט וועגן דעם יידישן לעבן, אויף זיין פּשטותדיקן שטייגער, און עס איז נישט געווען שווער צו קומען צום אויספיר, אַז יידן האָבן דאָ אין אַרגענטינע דורכגעלאָזט אַ סך גוטע גע־לעגנהייטן...

אין אַ „טאַמבאָ“ *)

...עס איז אַזוי גרינג און אַנגענעם צו עפענען אינדערפרי די טיר און געפינען די פרישינקע פלאַש מילך, וואָס דער „לעטשעראָ“ 1) האָט אייך אַוועקגעשטעלט אויף אייער שוועל פאַר די עטלעכע סענט וואָס איר האָט נעכטן פאַרן שלאָפן איבערגעלאָזט מיט דער ליידיקער פלאַש.

...עס איז אַ מחיה אַריינצוגיין אין „אַלמאַסען“ 2), וואָס אויף דער „עסקינע“ 3) און איינהאַנדלען פאַר עטלעכע ניקלנע מטבעות אַ פריש פּע־קעלע פּוטער, וואָס דער קרעמער וועט אייך אַרויסנעמען אַ געפרוירנס פון דעם עלעקטרישן קיל־קאַסטן און מיט וועלכן איר וועט אָנשמירן דאָס פרישע ברויט, וואָס דער „פּאַנאַדעראָ“ 4) האָט אייך געבראַכט אין שטוב אַריין און צובייסן צו דער געשמאַקער קאַווע מיט מילך, וואָס אייער פרוי האָט נאָרוואָס אָפּגעקאָכט.

...עס איז אַ פאַרגעניגן אַריינצוגיין אין איינעם פון די יידישע „אַלמאַסענען“ פון בוענאָס איירעס און איינהאַנדלען, צוזאַמען מיט אַנ־דערע גוטע זאַכן, פרישן קעז, פרישע סמעטענע און אַנדערע מילכיקע מאכלים וואָס „צעגייען זיך אין מויל“. עס איז איינע פון די לייכטסטע זאַכן אַריינצוגיין אין אַ „לעטשעריע“ 5), אין איינעם פון די דאָזיקע טי־פּישע בוענאָס איירעסער ווינקעלעך, ווו עס שמעקט מיט זויבערקייט און געמיטלעכקייט, און פאַר עטלעכע סענט באַקומען אַ פרישע, קאַלטע גלאָז מילך אויף אָפּצולעשן דעם דאָרשט אין אַ הייסן זומער־טאָג.

---

*) מילך־מעלקעריי.
1) מילך־צעפירער
2) שפּייז־קראָם
3) גאַסן־ראָג
4) ברויט־צעפירער
5) ווו מען פארקויפט מילך

האָט עמעצער אין דער גרויסער שטאָט צייט אַ טראַכט צו טון וועגן די גלגולים וואָס די פלאַש מילך ביי זיין טיר, דאָס פּעקעלע פּוטער אין „אַלמאַסען" אָדער די גלאָז מילך אין דער „לעטשעריע" האָבן דורכגעמאַכט ביז זיי זענען דערגאַנגען צו אים? נישט ער האָט צייט און נישט ער האָט חשק, דער מענטש פון דער גרויסער שטאָט, צו טראַכטן וועגן אַזעלכע „נאַרישקייטן". ערשט דעמאָלט ווען די דאָזיקע עלעמענטאַרע זאַכן הויבן אים אָן אויסצופעלן, צוליב אַזאַ אָדער אַנדער סיבה, דערפילט ער אַז עס האַנדלט זיך נישט וועגן קיין „נאַרישקייטן" און עס פאַלט אים איין אַ טראַכט צו טון וועגן דער קוועלע פון וואַנען עס קומען צו אים די דאָזיקע זאַכן. ער דערוויסט זיך מיטאַמאָל אַז עס איז דאָ אַזאַ זאַך וואָס הייסט „טאַמבאָ" און אַז דער דאָזיקער „טאַמבאָ" איז אָפּהענגיק פון אַ סך זאַכן, צווישן זיי אַזעלכע „נאַרישקייטן" ווי קי, פּאַשע פאַר די קי און רעגן — בכדי עס זאָל וואַקסן די פּאַשע...

איז אייך אַמאָל אויסגעקומען צו באַזוכן אַ „טאַמבאָ"? אויב יאָ, ווייסט איר וואָס דאָס שטעלט מיט זיך פאָר, און אויב נישט — לייענט די ווייטערדיקע שורות...

***

צו דעם קאָלאָניסט אין הויז, ווו איך האָב פאַרבראַכט מיינע וואַקאַציעס, קומט אַלע אינדערפרי אַ קריסטלעך מיידל העלפן דער באַלעבאָסטע אין דער שטוב־אַרבעט. אַ הויכע איז זי די דאָזיקע שיקסע און אַ צעוואַקסענע, און אַ פּנים האָט זי — ווי מען זאָגט — בלוט און מילך. אָנגעטון אין אַ פּראָסטן קליידל וואָס ליגט שטייף אויף אירע היפטן און אין אַ בלוזע פון וועלכער עס סטאַרטשען אַרויס צוויי געזונטע אויפגעלאָפענע בריסטן, פאַרפאָרט זי אינדערפרי מיטן „טילוועריר" 6), בינדט צו דאָס פערד צו אַ בוים, וואָס שטייט אינמיטן דעם גרויסן הויף, און נישט אויסרעדנדיק קיין איין וואָרט — אויסער דעם „גוט מאָרגן" — טוט זי אַ שטילע איר אַרבעט ביז עס קומט די צייט פון אַהיימפאָרן. פּונקט אַזוי שטיל און בנעימותדיק ווי זי קומט, זעצט זי זיך אויף מיטיקצייט

---

6) צווייִרעדלדיק וועגעלע

אויפֿן וועגעלע און פֿאַרט אַוועק, איבערלאָזנדיק נאָך זיך אַ וואָלקן מיט שטויב.

אַ גאַנץ געוויינלעכע זאַך דאַכט זיך, וואָס האָט נישט די ווערט קיין באַזונדערע אויפֿמערקזאַמקייט. אַ מיידל קומט, טוט אָפּ איר טאָג־טעגלעכע אַרבעט און פֿאָרט צוריק אַוועק. זאָל זיך אויסווייזן, אַז עס האַנדלט זיך וועגן אַ מיידל אין דער גרויסער שטאָט, וואָס קומט פֿון ערגעץ ווייט מיטן טראַמוויי צו איר טאָג־טעגלעכער אַרבעט. דער אופֿן אָבער פֿון איר פּינקט־לעכן קומען, הגם אין קאַמף איז דאָס נישט קיין אומבאַדינגטע פֿליכט; איר טון די אַרבעט שטיל, נישט אויסרעדנדיק קיין איין און איינציק וואָרט, יעדנפֿאַלס, אַז איך זאָל געוועזן הערן, כמעט ווי אַן אויטאָמאַט, און איר אויסזען בכלל, האָט ביי מיר אַרויסגערופֿן נייגעריקייט.

— ווער איז דאָס דאָזיקע מיידל? — האָב איך איינמאָל געפֿרעגט דעם הויזווירט.

— זי איז די טאָכטער פֿון אַ פֿאַמיליע וואָס אַרבעט ביי מיר אין „טאַמבאָ". די פֿאַמיליע באַשטייט פֿון די עלטערן און זעקס קינדער, פֿינף מיידלעך און איין זון. זיי באַדינען די מעלקעריי און באַקומען פֿאַר זייער אַרבעט, חוץ דער דירה און מילך־פּראָדוקטן פֿאַר דעם אייגענעם גע־ברויך, — אַ העלפֿט פֿון דער הכנסה וואָס די מילך־פּראָדוקציע ברענגט אַריין — האָט דער קאָלאָניסט מיר אויפֿגעקלערט דעם ענין.

פֿון מיין ווייטערדיקן געשפּרעך מיט אים האָב איך זיך דערוווּסט פֿאָלגנדעס: דאָס מיידל, פּונקט ווי די אַנדערע מיטגלידער פֿון דער פֿאַמי־ליע וואָס אַרבעטן אין דער מעלקעריי (און זיי אַרבעטן אַלע אָן אויסנאָם), שטייט אויף פֿיר אַזייגער פֿאַרטאָג צו דער ערשטער מעלק־טורנע. דאָס מעלקן געדויערט אַרום דריי שעה צייט. ווען זי ענדיקט דאָרט די אַרבעט, שפּאַנט זי איין דאָס פֿערד אין דעם „סולקי" 7) און קומט צופֿאָרן פֿון אַרום פֿינף קילאָמעטער די ווייט אָפּצוטון די אַרבעט דאָ אין הויז, פֿאַר וועלכן זי באַקומט, נאַטירלעך, עקסטרע באַצאָלט. נאָכמיטאָג, אַרום פֿיר אַזייגער, אַרבעט זי ווידער ביי דער צווייטער מעלק־טורנע פֿונעם טאָג, וואָס גע־דויערט ביז אַרום זיבן אַזייגער אין אָוונט. זומער, בלייבט נאָך אַרום אַנ־

---

7) צוויירעדלדיק וועגעלע

דערהאַלבן שעה אויף צו זען ווי די זון לאָזט זיך אַראָפּ צום האָריזאָנט און טרוימען וועגן מיידלשע זאַכן: ווינטער, מיינט עס צו אַרבעטן פון דריי שעה איידער די זון גייט אויף ביז דריי שעה נאָך דעם וואָס זי פאַרגייט...

עפּעס פון דער „מיסטעריעזער" שווייגעניש פון דעם מיידל איז מיר קלאָר געוואָרן: נעמלעך, זי שווייגט, ווייל זי האָט „נישט קיין צייט" צו רעדן — זי דאַרף אַרבעטן! עס וואָלט געווען אינטערעסאַנט צו זען ווי זי מעלקט די קי...

— קאָנט איר מיך מיטנעמען צום „טאַמבאַ"? — האָב איך געפרעגט דעם קאָלאָניסט.

— מיטן שענסטן פאַרגעניגן! מאָרגן פאַרנאַכט פאָרן מיר...

*****

דער פאַרנאַכט ווען מיר זענען געפאָרן צום „טאַמבאַ" איז געווען איינער פון יענע, ווען דער טאָג קלייבט זיך אין וועג אַריין אַ באַגילדעטער פון די גאָלד־הויפנס וואָס עס וואַרפט אויף אים די זון וועלכע נידערט אַראָפּ צו מערב. פון איין זייט, האָט די זומערדיקע שקיעה־זון געשעמערירט אין די אויגן און געשיקט אירע לעצטע היץ־כוואַליעס, און פון דער צווייטער זייט, האָבן די אָנקומענדיקע פאַרנאַכטיקע שאָטנס פון ערגעץ געבראַכט אויף זייערע פליגלען אַ מחיהדיקע קילע פרישקייט. אַרום און אַרום, האָבן זיך אויסגעשפּרייט גרינע פעלדער אויף וועלכע דאָס פּי האָט אין געמיטלעכער מנוחה געקייעט די פּעטע אַלפאַלאַ. די „פּאַראַאיסן" 8) וואָס רינגלען אַרום די „טשאַקרעס" 9) זענען געשטאַנען אומבאַוועגלעכע, ווי פאַרשמאַכט פון דעם הייסן טאָג און האָבן געוואַרט אויפן קילן אָטעם פון דעם אָנקומענדיקן אָוונט. דער וועג וואָס פירט צום „טאַמבאַ" ציט זיך צווישן אַרומגעצוימטע פעלדער און אַרום און אַרום הערשט אַ מערקווירדיקע שלווה, די דאָזיקע רואיקייט וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַרן דאָרף אין דער צייט פון דעמערונג. אויף דער „סולקי" וויגן

8) אַזאַ מין בוים
9) ערד־נחלאות

זיך דער קאָלאָניסט, אַ מיטליעריקער יידישער יונגערמאַן, וואָס איז געבוירן געוואָרן דאָ אויפן פעלד און זעצט פאָר די קאָלאָניסטישע טראַדיציע פון זיינע עלטערן; זיין יינגל, ביי וועמען מען האָט די טעג געפּראַוועט די „בר־מצווה", און וועלכער וואַקסט אַ גוטער קאָלאָניסט, לויט זיין ליבע צום פעלד־לעבן, און איך — דער שטאָטישער „פּראַנט" — וואָס איז געקומען שעפּן עמאָציע פונעם יידישן לעבן אין קאַמפּ און פאָרט אָנקוקן ווי עס זעט אויס אַ „טאַמבאָ".

און אָט זענען מיר אינעם „טאַמבאָ". מיר זענען אָנגעקומען אין דעם מאָמענט ווען די אַרבעט פון דער פאַרנאַכטיקער מעלק־טורנע איז אין פולן גאַנג. די גאַנצע פאַמיליע געפינט זיך ביי דער אַרבעט. דאָס מיידל וואָס קומט אַלע אינדערפרי צום קאָלאָניסט פון די שטוב־אַרבעט, טראָגט דאָ אָנשטאָט אַ קליידל און אַ בלוזע — אַ „מאַמעלוקע 10), אַזוי איז באַקוועמער צו דער אַרבעט אויך די אַנדערע פרויען — אירע שוועסטער — טראָגן די זעלבע מלבושים, אויסער דער מוטער, אַ פרוי אין די פופציקער. די פיס אַריינגעשטעקט אין „סאַפּאַטיזשעס" 11) און די קעפּ אַרומגעוויקלט מיט טיכלעך, נישט צוליב „עקזאָטישן" פּוז, ווי עס טוען עס די פרויען אין דער גרויסער שטאָט, נאָר צוליב ריינקייט. די דאָזיקע טיכלעך אויף די קעפּ זענען דער איינציקער סימן וואָס גיט אייך אָנצוהערן, אַז איר האָט פאַר זיך פרויען און נישט קיין מענער. איינע פון די קלענערע מיידלעך, מיט אַ פאַריסן נעזל און מיט אַ קלייענדיק פּנים פון אַ נאָרדישן שייגעץ, וועלכער האָט געטראָגן אויפן קאָפּ אָנשטאָט אַ טיכל אַ באַסקישע היטעלע, האָב איך טאַקע פאַרטוישט אויף אַ יינגל, און מיין קאָלאָניסט האָט מיך באַלד אַרויסגעפירט פונעם טעות. למען האמת מוז מען זאָגן, אַז די מיידלעך האָבן נישט דענונצירט זייער ווייבלעכקייט נישט נאָר ווייל זיי האָבן געטראָגן מענערשע קליידער, נאָר אויך לויט זייער אופן פון אַרבעט האָט מען געקאָנט אָננעמען, אַז מען האָט פאַר זיך אַ גרופּע געזונטע יונגען...

דער קאָלאָניסט האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט אויף צו דערליידיקן

---

10) מענערשער ארבעטס־אנצוג
11) לייוונטענע שטעקשיך

אייניקע זאַכן פון געוויינלעכער רוטין. ער האָט אַרומגעפּויזעט צווישן די קי וואָס האָבן אין דעם גרויסן „קאַראַל" 12) געוואַרט אויף זייער טורנע אויסגעמעלקן צו ווערן, זיך צוגעקוקט צו זאַכן און איינצלהייטן וואָס נאָר זיין געניט אויג קאָן דערזען. באַטראַכט די קעלבלעך, וואָס זענען געווען אָפּגעצוימט אין אַ באַזונדערן הויף און וואַרטן אויף דער ריי געררופן צו ווערן אָפּצוזויגן די ערשטע מילך. זיך אויסגעפרעגט אויף זאַכן וואָס האָבן אַ שייכות צום געשעפט און צו דער אַרבעט — אַ געוויינלעכע זאַך.

***

פאַר מיר איז דער ענין נישט געווען קיין געוויינלעכער, בין איך געשטאַנען און געטראַכט ווי ווייט דאָס איז פון דער דאָרער קליינשטעטל־דיקער ציג, וואָס האָט געליפערט דאָס מילכוואַרג פאַר אונדזערע עלטערן אין די שטעטלעך פונעם „תחום המושב". איך האָב אין דעם דאָזיקן מאָמענט אויך נישט געקאָנט דורכלאָזן אַ טראַכט צו טון וועגן דער „אונטערנעמונג" פון אונדזער אַלט־באַקאַנטן און האַרציקן טוביה דעם מילכיקן. וואָס פאַר אַ שפּאַן עס איז — האָב איך געטראַכט — פון טוביהן ביז אַהער! וואָס פאַראַ מהלך פון דעם „מילך־ליפעראַנט" פאַר די דאַטשעס פון בויבעריק ביז צו דעם יידישן „טאַמבעראָ" אין אַרגענטינע! און ווי גרויס און מאַסנהאַפט דאָס האָט געקאָנט זיין, ווען נישט די באַזונדערע אומשטענדן, וואָס האָבן געווירקט לרעה דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע!

און נאָך צו עפּעס האָב איך מיך צוגעקוקט: צו דער אַרבעט. נאַטור, בהמה און מענטש האָבן דאָ געאַרבעט אין אַ מערקווירדיקער האַרמאָניע אויף צו שאַפן דאָס וואָס איז אונדז אין שטאָט באַקאַנט אַלס די פלאַש מילך, וואָס מען שטעלט אַוועק ביי אונדזער טיר און דאָס פּעקעלע פּוטער וואָס מיר קויפן אין „אַלמאַסען". און אַ שווערע איז זי, די דאָזיקע אַרבעט, און פאָדערט אַ סך געדולד, אויסדויער און דערפאַרונג.

נעמט אין אַכט: די בהמות זענען צעשפּרייט איבער דעם ברייטן פעלד ווו זיי פּאַשען זיך, דאַרף מען זיי צו יעדער מעלק־טורנע צונויפטרייבן

---

12) אַרומגעצוימטער הויף.

אין אַ ספּעציעלן הויף, וואָס געפינט זיך בשכנות פונעם פּלאַץ ווו מען וועט זיי אויסמעלקן. דאָס דאַרף געטון ווערן צוויי מאָל אין טאָג, באַגינען און נאָכמיטאָג. עס איז אַ שווערע און פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט אפילו דעמאָלט ווען דאָס וועטער איז שיין, ווער שמועסט ווען עס רעגנט, אָדער אין די קאַלטע און נאַסע ווינטער־טעג. דערנאָך, ווען די קי זענען שוין אין „קאָראַל״, הויבט זיך אָן די ריכטיקע מעלק־פּראָצעדור, וועלכע איז אָן און פאַר זיך אַ שווערע און פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט. און ווען די מילך איז שוין אָנגעזאַמלט אין די קאַנען, דאַרף מען זי תיכף אָפּפירן צום פּלאַץ ווו זי ווערט פּאַסטעריזירט פאַר דעם באַלדיקן געברויך אָדער פאַר דער אינדוסטריאַליזאַציע אין דער פאָרעם פון פּוטער און קעז און אַנדערע סוב־פּראָדוקטן.

בין איך געשטאַנען אין דעם דאָזיקן זוניקן פאַרנאַכט פון אַ זומער־טאָג און זיך אויסגעמאָלט אין דער פאַנטאַזיע ווי דער דאָזיקער גרויסער הויף מיט די אַכציק קי און זייערע קעלבלעך זעט אויס אין אַ רעגנדיקן ווינטער טאָג, ווען מען מוז נישט נאָר אַרבעטן אונטערן רעגן, נאָר אויך אומגיין אין אַ קלעפּיקער בלאָטע אויסגעמישט מיט צעווייקטן בהמה׳שן מיסט פון נישט גאָר איינגענעמען אויסזען און ריח, וואָס שטימען נישט אַזוי האַרמאָניש מיט מיידלישע חלומות און בענקענישן; און מענטשן, און אוודאי יונגע מיידלעך, ווי געוווינט זיי זאָלן נישט זיין צו זייער אַרבעט און גורל, האָבן זיך זייערע טראַכטענישן, בענקענישן און פאַרלאַנגען. איז וואָסזשע פאַר אַ וווּנדער איז וואָס זיי דערטראַכטן זיך אַמאָל צום געדאַנק אַז די דאָזיקע שווערע און נישט־אָנגענעמע אַרבעט ווערט אויסשליסלעך געטון, בכדי מיר אין שטאָט זאָלן אַלע אינדערפרי האָבן צו דער צייט די פרישע פלאַש מילך ביי דער טיר און דאָס פרישע פּעקעלע פּוטער אין קלייט...

**
*

וואָס עס האָט זיך מיר אַמערסטן געוואָרפן אין די אויגן ביים באַאָבאַכטן די אַרבעט אין דער מעלקעריי, איז די „אינטימיטעט״ וואָס עס הערשט צווישן דער נאַטור, בהמה און מענטש אין דעם דאָזיקן וווּנדערבאַרן כעמישן פּראָצעס פון באַשאַפן די גלאָז מילך. דער דאָזיקער מיסטע־

דיזער פּראָצעס הויבט זיך אָן אין דעם מאָמענט ווען דאָס פּאַרזייטע קערנדל פון דער אַלפאַלפאַ צעעפנט זיך אין דעם אינגעווייד פון דער מאַמע־ערד און קומט דערנאָך אַרויס אויפן רוף פונעם רעגן און די זונשטראַלן אין דער פאָרעם פון פאַשע פאַר דער בהמה. דער ווייטערדיקער עטאַפּ פון דעם דאָזיקן פּראָצעס ווערט פאָרגעזעצט אינעם מאָגן, אין בלוט און אין די מילך־דריזן פון דער בהמה און די אייטער פון וואַנען מען מעלקט אויס די מילך, איז שוין נישט מער ווי דער לעצטער „דעפּאָזיט" אין וועלכן די נאַטור גיסט אַריין די דאָזיקע וווּנדערלעכע ווייסע פליסיקייט, איידער זי ווערט אויסגעמאָלקן און איבערגעגאָסן אין די קאַנען.

עס איז ממש צו באַוווּנדערן די דאָזיקע האַרמאָניע, צוזעענדיק ווי רואיק עס גייט צו דער פּראָצעס פון מעלקן, ווי די בהמה גייט מיט אַ מין פּאַטאַליסטישער רעזיגנאַציע צום פּלאַץ, וווּ מען וועט איר פאַרבינדן מיט אַ רימען די הינטערשטע פיס און זי אויסמעלקן. ווען כ'האָב דאָס געזען, האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז די איינציקע, וואָס פאַרשטייען די מענטשן פונעם „טאַמבאָ" און באַנעמען זייער גורל זענען די דאָזיקע בעלי־חיים. עס האָט אויסגעזען ווי זיי וואָלטן זיך צו דעם פּראָצעס פון אויסגעמאָלקן צו ווערן איבערגעענטפערט מיט אַ באַוווּסטזיניקער גוטווויליקייט, גלייך זיי וואָלטן געגאָסן פון אים. ווען כ'האָב מיין קאָלאָניסט איבערגעגעבן דעם דאָזיקן איינדרוק מיינעם, האָט ער מיר דערקלערט, אַז איך האָב נישט קיין טעות. ער האָט מיר געזאָגט, אַז עס איז אַ פעסטגעשטעלטער פאַקט, אַז די בהמה איז מער גערן אויסגעמאָלקן צו ווערן דורך מענטשלעכע הענט ווי דורך דעם מעכאַנישן מעלק־אַפּאַראַט, וואָס מען באַנוצט אין די גאָר גרויסע „טאַמבאָס". הגם די דאָזיקע אַפּאַראַטן פונקציאָנירן פּערפעקט און פאַרשאַפן נישט דער בהמה קיין שום באַלעסטיקונג אָדער ווייטיק, פילט זי אָבער נישט די זעלבע „אינטימיטעט", די זעלבע „וואַרעמקייט", ווי ווען זי ווערט געמאָלקן פון אַ לעבעדיקער מענטשלעכער האַנט.

אַ באַזונדער קאַפּיטל פון האַרמאָניע און „דיסציפּלין" זענען די קעלבלעך. עס איז אויסגעשלאָסן, אַז מען זאָל קענען מעלקן די קו אָן דעם קעלבל, און דאָ האָב איך געהאַט די געלעגנהייט צו זען אַ מערקווירדיקע דערשיינונג, וואָס האָט מיך איבערצייגט, אַז אויך די בהמה האָט זיך איר

דאָזע „פאַרשטאַנד״ און „געפיל״. אַלע אַכציק קעלבלעך זענען קאָנצענט־רירט אין אַ באַזונדערן „קאָראַל״ און יעדעס קעלבל האָט זיין אייגענעם נאָמען. ווען די קו ווערט אַריינגעפירט צום מעלק־פּלאַץ און צוגעגרייט צום מעלקן, ווערט אויסגערופן דער נאָמען פון דעם באַטרעפנדן קעלבל, און עס איז געווען ווונדערלעך צו זען ווי דאָס און נישט קיין אנדער קעלבל, איז צוגעגאנגען צום טירל און געוואַרט, אַז מען זאָל עס אַרויסלאָזן צו דער מוטער. מען דאַרף געדענקען, אַז עס האַנדלט זיך נישט וועגן קיין דריי צי פיר קעלבלעך, נאָר וועגן אכציק, און יעדעס פון זיי האָט זיך אָפּ־גערופן ווי גלייך עס וואָלט זיך געהאַנדלט, להבדיל, וועגן קינדער אין שול־קלאַס...

נאַטירלעך האַנדלט זיך דאָ וועגן אינסטינקט, געוווינהייט. אָבער ווי ווונדערלעך עס איז צו זען דעם דאָזיקן פענאָמען, ווען ער קומט צום אויס־דרוק אויף אַ הערלעכן און אוממיטלבאַרן אופן אינעם שוים פון דער נאַ־טור. ווען איר קוקט זיך צו ווי נאַטירלעך און קאָנסעקווענט עס פאַלט דער טוי באַגינען און ווי קאָנסעקווענט עס וואַקסן די גראָזן און פלאַנצן, מוזט איר קומען צום אויספיר, אַז דער דאָזיקער „פאַרשטאַנד״, פונעם בעל־חי, די דאָזיקע „אינטעליגענץ״ זיינע, איז אויך נישט מער ווי אַ באַשטאַנדטייל פון דער דאָזיקער ניסימדיקער קאָנסעקווענץ פון דער גע־בענטשטער נאַטור, און אַז די ליבע וואָס דער מענטש פונעם פעלד פילט צו דער דאָזיקער נאַטור־קאָנסעקווענטקייט און האַרמאָניע, איז די קראַפט וואָס בינדט אים צו צו זיין גורל, ווי שווער ער זאָל נישט זיין...

יאָ, די פלאַש מילך, וואָס מיר געפינען אינדערפרי ביי אונדזער טיר, איז דער רעזולטאַט פון דער נאַטור־האַרמאָניע און שפע, אָבער אויך פון שווערער מענטשלעכער אַרבעט...

דער שאָטן פון א גרויסן חלום

דער קאָלאָניסט, וואָס האָט מיך געפירט מיט זיין „סולקי" איז אַ מאַן פון אַ יאָר 43, ער איז געבוירן און איז אויסגעוואַקסן אויף דער ערד אויף וועלכער מיר זענען געפאָרן. נאָך מער — ער איז צוזאַמענגעוואַקסן און אַריינגעוואַקסן אין דער דאָזיקער ערד און האָט זי ליב; פונדעסט־וועגן האָבן זיינע רייד געהאַט אין זיך אַזוי פיל טרויעריקע טענער, אַזוי פיל „איכה"־שטימונג.

געפאָרן זענען מיר אין אַ פאַרנאַכט פאַר זון־אונטערגאַנג איבער זיין אייגענער נחלה, אַ וווּנדערבאַר גוט־באַאַרבעט און איינגעאָרדנט פעלד. דאָ און דאָרט האָבן זיך אומגעדרייט די בהמות און רואיק געפאַשעט אין דער הויך־אויפגעגאַנגענער אַלפאַלפאַ. די שטילקייט אַרום איז אַן אַבסאָ־לוטע און זי ווערט בלויז איבערגעריסן פון דער מרוקע פון אַ בהמה אָדער פון דעם הירזשען פון אַ פערד. ווי ווייט דאָס אויג כאַפּט, איז די לאַנד־שאַפט איינגעטונקען אין אַ פייערלעכער בין השמשותדיקער מנוחה און דער פייערדיק־צעצונדענער האָריזאָנט זעט אויס ווי אַ ריזיק צעעפנטער מויער, אין וועלכן די בליאַסקנדיקע זון גרייט זיך אַריינצוגיין מיט גרויס צערעמאָניע...

איך האָב באַוווּנדערט דאָס אימפּאָזאַנטע נאַטור־בילד אויפן הויכן קול. אַן אַראָפּגעקומענער פון דער גרויסער שטאָט, בין איך ווי באַצויבערט געוואָרן פון דער דאָזיקער נאַטור־סימפאָניע וואָס ווערט אויסגע־שפּילט אויפן ווייטן האָריזאָנט ווען טאָג און נאַכט באַגעגענען זיך, אַ נאַטור סימפאָניע פון ליכט און שאָטן־קאָלירן, וואָס מישן זיך אויס מיט דעם אַרומיקן בילד פון מענטשלעכער שאַפונג אין דער פאָרעם פון גוט־באַאַרבעטע פעלדער, וואָס זענען מיט זייער צעגרינטער פרישקייט ווי די אויסגעשפּרייטע טעפּיכער אויף דעם ריזיקן, גאָלדענעם פאַרנאַכטיקן שקיעה־בילד...

מיין מיטפּאַרער איז וויניקער ווי איך באַצויבערט געוואָרן פון דעם שיינעם בילד. ער איז שוין צו דעם צופיל צוגעווינט, אַז ער זאָל נתפּעל ווערן. מיין התפּעלות רופט ביי אים אַרויס אַ פּילדייטיק שמייכעלע און אויף זיין פּנים באַווייזט זיך אַ סימן פון צופרידנקייט ווען איך באַוווּנדער די שיינקייט פון זיין נחלה. סוף כּל סוף איז דאָך דאָס אַלץ דער רעזולטאַט פון זיין פּראַצע און אויסדויער, איז ער צופרידן ווען אַ פרעמד אויג זעט עס און די באַשטעטיקונג וועגן דער שיינקייט פון זיין „טשאַקרע" קומט פון אַ „נייטראַלן" מענטש.

און פונדעסטוועגן, איז זיין ענטפער פול מיט פעסימיזם. מיט אַ שטים וואָס איז פול מיט מעלאַנכאָליע און מיט טענות צו עמעצן, צו עמיצן, זאָגט ער:

— וואָס קומט פון דעם אַלעמען אַרויס. אַלץ, ווי איר זעט, איז גוט און פיין, אָבער דאָס לעבן אויפן קאַמף ווערט וואָס אַמאָל אַלץ אומדערטרעגלעכער צוליב דער איינזאַמקייט. מען האָט אונדז איבערגעלאָזט אַליין. איר זעט די דאָזיקע פעלדער — ווייזט ער מיר אָן מיט דער אויפגעהויבענער האַנט אויפן ווייטן האָריזאָנט אַרום און אַרום — אומעטום האָבן דאָ געוווינט יידן. צוריק מיט צוואַנציק אָדער פינף און צוואַנציק יאָר איז דאָס לעבן געווען שווערער פאַר דעם יידישן קאָלאָניסט אין מאַטעריעלן זין, ער האָט זיך געפּלאָגט און געמוטשעט, אָבער ער האָט אין דעם דאָך געזען עפּעס אַ זין, אַ ציל. מאָזעסוויל און די אומגעגנט האָט געשפּרודלט מיט יידיש לעבן. ס'האָט נאָך געלעבט דער גרעסטער טייל פון דעם אַלטן דור קאָלאָניסטן און די יוגנט איז געווען אַ קאָלאָניסטישע, וואָס האָט טאַקע געקעמפט מיט גרויסע שוועריקייטן, אָבער זי האָט נישט געטראַכט אַזוי אינטענסיוו אַוועקצוגיין פון דער קאָלאָניע. הייַנט איז שוין כמעט נישטאָ ווער עס זאָל קעמפן און ווער עס זאָל טראַכטן, ווייל דער גרעסטער טייל איז זיך צעפאָרן. אויף אונדזער „ליניע", וווּ עס האָבן געלעבט צענדליקער גוטע יידישע קאָלאָניסטן, איז קיין האַלבער מנין נישט פאַרבליבן און אויך די זיצן שוין ווי אויף דער פור.

ער האָט אויף אַ מינוט איבערגעריסן און איז אַראָפּגעשפּרונגען פון דער „סולקי" אויף צו פאַרמאַכן די ווינט-מיל, וואָס האָט געפּאָמפּעט

וואָסער אין דער ציסטערנע אַריין. באַלד איז ער צוריקגעקומען און האָט פאַרגעזעגנט:

— איך דאַרף פון מײַנע ווערטער נישט דרינגען, אַז מיר איז נמאס געוואָרן דער קאַמף; אָ, דאָס נישט. איך האָב זייער ליב דעם קאַמף און עס וואָלט מיר אפילו נישט אײַנגעפאַלן צו זינדיקן מיט פּעסימיזם, ווען די ווירקלעכקייט וואָלט נישט געווען אַזאַ אויגנשײַנלעכע. איר האָט געזען מײַן מיידל? אַ טײַער קינד, אַ שיינע. וואָס זשע פאַר אַ צוקונפט דערוואַרט איר דאָ אין קאַמף? סרוב מאָל ווײנט זי, אַז ס'רײַסט מיט אויס ס'האַרץ. איינמאָל האָט זי מיר געזאָגט: „מען קאָן דאָך דאָ, אין דעם דאָזיקן העק, פאַרגעסן אפילו ווי אַזוי צו רעדן". מיינט איר דאָך, אַז זי איז נישט גערעכט? איך אַליין פיל צײַטנווײַז דאָס זעלבע, אָבער צו וועמען זאָל איך האָבן טענות? זיי, די קינדער, ווילן דאָס נישט פאַרשווײַגן, זיי לײַדן און לײַדן פון דער דאָזיקער אײנזאַמקייט און ווען עס מאַכט זיך די ערשטע געלעגנהייט, אַנטלויפן זיי אין שטאָט אַריין.

זײַנע ווערטער האָבן אויף מיר אָנגעהויכט אַ טרויעריקע שטימונג און עס האָט זיך מיר אים געוואָלט אָנווײַזן, אַז אײנזאַמקייט איז אַ זייער רעלאַטיווער באַגריף. איך האָב אים געוואָלט זאָגן, אַז אַ מענטש קאָן זיך אַמאָל געפינען אַרומגערינגלט פון אַ סך מענטשן און ער זאָל נישט האָבן צו וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן. איך האָב זיך פאַר אים געוואָלט מתוודה זײַן, אַז אויך אין שטאָט ווערן מיר סרוב מאָל צעפּרעסן פון אַ מוראַדיקער אײנזאַמקייט און פון אומעט, כאָטש מיר באַגעגענען זיך טאָג־טעגלעך מיט טויזנטער באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע מענטשן. איך האָב דאָס אָבער נישט געטון, ווײַל מײַנע ווערטער וואָלטן געווען אַרויסגעוואָרפענע. ער האָט גערעדט פון אַן אַנדער אײנזאַמקייט, ווי די וואָס מיר פילן צײַטנווײַז דאָ אין שטאָט. ער האָט גערעדט פון יענער אײנזאַמקייט, וואָס מען פילט, ווען מען בלײַבט אײנער אַליין, נאָך דעם וואָס די מיטגלידער פון דער גרויסער משפּחה זענען אויסגעשטאָרבן אָדער האָבן פאַרלאָזט די היים...

***

אין אָוונט זענען מיר געפאָרן הערן לייענען די מגילה. אין דעם נײַעם פּרעכטיקן סאַלאָן, וואָס מען האָט אויסגעבויט אין דער קאָלאָניע, און וועל־

בער איז געשטאַנען אַ נאָך נישט אַרויסגעענדיקטער, האָט זיך קוים פאַר־זאַמלט אַ מנין יידן שוין צוזאַמען מיט די געסט פון דער גרויסער שטאָט, וועלכע מען האָט געפירט ווייזן די נייע געביידע. אין דעם ליידיקן רוים פון דעם נאָך נישט אויסגעפולטן צימער, האָט מעלאַנכאָליש אָפּגעקלונגען די שטים פון דעם יידן, וואָס האָט געלייענט די מגילה, וואָס דערציילט וועגן אַן עפּיזאָד פון דער יידישער געשיכטע, וואָס חזרט זיך איבער אין משך פון יאָרטויזנטער ביז צו אונדזערע טעג. איך בין געשטאַנען לעבן דעם בעל קורא, געוואָרפן בליקן אויף דעם ליידיקן סאַלאָן און אויף דעם הייפעלע יידן, וואָס האָט זיך פאַרזאַמלט צו דער פייערלעכער צערעמאָניע פון לייענען „מגילת אסתר" און אַ זלידנע־צודרינגלעכער געדאַנק האָט געפּיקט מיין מוח, אַז דאָס לייענט מען די מגילה פאַר די לעצטע מאָהי־קאַנער פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע. די עלטסטע פון די עטלעכע יידן, וואָס זענען בייגעווען אין סאַלאָן, זענען געקומען קיין אַרגענטינע, ווען זיי זענען נאָך געווען קליינע קינדער און היינט זענען זיי מענטשן איבער די זעכציקער. די יינגערע זענען שוין הי־געבוירענע, וואָס האָבן נאָך איינגעזאַפּט אין זיך אביסל פון דעם וואָס דער אַלטער דור האָט מיטגעבראַכט מיט זיך פון דער אַלטער היים און דאָס זענען זיי איצט געקומען אָפּצאָלן אויף אַזאַ אופן זייער חוב צו דער יידישער טראַדיציע. וויפל פון זיי זענען געקומען? אויף די פינגער פון איין האַנט האָט מען זיי געקאָנט איבערציילן. און אויף דעם פּלאַץ, וווּ דער סאַלאָן איז אויסגעבויט געוואָרן האָט דאָך אַמאָל געשפּרודלט מיט אַ יידיש מאָסן־לעבן, מיט די יידן, וואָס זענען צוריק מיט איבער פופציק יאָר געקור־מען אַהער מיט דעם גרויסן חלום צו ווערן ערדאַרבעטער און האָבן אויף די אַרגענטינער פעלדער פאַרפלאַנצט אויסער ביימער און אַלפאַלפאַ, אויך שטיקער יידיש לעבן; וווּ זענען זיי, די שפּראָצן פון זייער זריעה?

צוריקפאָרנדיק פון דער מגילה, האָט דער אויבנדערמאָנטער יידישער קאָלאָניסט ווייטער גענומען ציען דעם פאָדעם פון זיינע פאַרנאַכטיקע טענות. אויך דאָס מאָל זענען מיר געווען אַרומגערינגלט פון אַ פּרעכטיק בילד. די נאַכט איז געלעגן אַ צעשיינטע פון אַ זילבערנער לבנה און פון מיליאָנען שטערן, וואָס האָבן געוווּנקען פון טונקל־בלויען הימל. דער גאַנ־צער אָרום האָט זיך ווי געטונקען אין אַ נחתדיקער שלווה. אין אַזעלכע

נעכט הערט מען, דאַכט זיך, די טריט פון גאָט, וועלכער שפּאַצירט אום איבער די פעלדער...

דער געשפּרעך האָט זיך געדרייט אַרום דעם נייעם סאַלאָן. ער האָט געוואָלט וויסן מיין מיינונג וועגן דער נייער געביידע. איך האָב אויס־דריקט מיין באַוווּנדערונג פאַר דעם שיינעם בנין און איבערהויפּט פאַר דער איניציאַטיוו אויסצובויען אים. ער האָט אויסגעהערט מיין לויב־געזאַנג מיט אַן אויגנשיינלעכער צופרידנקייט, מחמת ער האָט אַ גרויסן חלק אין דער אונטערנעמונג אויסצובויען דעם סאַלאָן, און דאָך האָט ער נישט געקאָנט אויסבאַהאַלטן זיין פּעסימיזם.

— איר זעט — האָט ער מיט איינגעהאַלטענעם פאַרדרוס גערעדט — מיר טוען אַלץ, אַז דער בנין זאָל זיך נישט צעפאַלן. אָט האָבן מיר אויס־געבויט דעם סאַלאָן. פאַרוואָס האָבן מיר אים אויסגעבויט? ווארום מיר ווילן אונדזער לעבן דאָ אויפן פעלד געבן אַ שטיקל זין, אַ יידישן זין. וואָס־זשע קומט אָבער דערפון אַרויס? ווער וועט זיך באַניצן מיט דעם סאַלאָן, אויב די מערהייט צעפאָרט זיך, אַנטלויפט פון דער קאָלאָניע? איר ווייסט — האָט ער צוגעגעבן מיט ביטערניש — סרוב מאָל זעט אויס, אַז די גאַנצע אונטערנעמונג איז געווען אַ זינלאָזע און אָן שום צוועק; איר האָט דאָך געזען וויפל יידן עס זענען געקומען הערן די מגילה. וויפל מאָל אין יאָר האָבן די היגע יידן די געלעגנהייט זיך צוזאַמענצוקו־מען? און ווען עס מאַכט זיך שוין יאָ אַ געלעגנהייט, קומט קיינער נישט און צוריקגערעדט — ווער זאָל קומען, אַז די מערהייט איז זיך צעפאָרן, אַנטלאָפן...

זיינע ווערטער האָבן מיר לאַנג געקלונגען אין די אויערן, ווען איך בין די נאַכט געלעגן אויפן געלעגער און געטראַכט וועגן דעם גורל פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע.

***

בעת מיין קורצן באַזוך אין מאָזעסוויל, האָב איך קיין באַזונדערע יידישע שטריכן נישט געטראָפן. אַ שטעטל ווי אַ סך אַנדערע שטעטלעך פון דעם מין אויף דער אַרגענטינער פּראָווינץ. עטלעכע גאַסן, וואָס שניידן

זיך איבער אין קוועך און אין דער מיט די טראַדיציאָנעלע פּלאַסע, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון אַן אַרגענטינער היסטאָרישער דאַטע אָדער נאַציאָנאַלן העלד. דער איינציקער אונטערשיד פון מאָזעסוויל באַשטייט אין דעם, וואָס אַ פּאָר גאַסן טראָגן דאָרט יידישע נעמען ווי באַראָן הירש און ד״ר ירחי, און וואָס זי פאַרמאָגט עטלעכע שילן, וואָס זענען פאַרבליבן פון יענע צייטן, ווען יידיש לעבן האָט דאָרט געשפּרודלט. די יידישע אינסטיטוציעס פון דער אַזוי גערופענער „יונגער" מאָזעסוויל, ווי די יידישע שול, די „קדימה", די ביבליאָטעק און אַנדערע, קאָנען זיך נישט באַרימען מיט קיין אינטענסיווער מאַסן־טעטיקייט. אויך דאָ, ווו עס האָט אַמאָל געקוועלט אַ יידיש־קערנדיק מאַסן־לעבן, איז דער המשך נישט קיין נאַטירלעכער, ווי ער וואָלט אין דער ווירקלעכקייט געדאַרפט זיין, נאָר אַ פאָרסירטער, אַ קינסטלעכער, ווי אין שטאָט. די עלטערע, וואָס לעבן נאָך, דרייען אום ווי די זעלטענע עקזעמפּליאַרן פון אַ פאַרצייטיקער ציוויליזאַציע און די יוגנט, אויב זי צעפאָרט זיך נישט, גייט אויפן וועג פון לייכטן ווידערשטאַנד, רעדט שפּאַניש און לעבט זיך אויס ווי די יוגנט פון אַנדערע אַרגענטינער שטעטלעך, מיטן באַוווּסטזיין, נאַטירלעך, אַז זי איז אויסער אַן אַרגענטינער אויך אַ יידישע יוגנט, בעסער געזאָגט — אַ יוגנט, וואָס שטאַמט פון יידן... פון קולטור־טעטיקייט, וואָס ווערט היינט צו טאָג געפירט אין מאָזעסוויל, איז אפשר גלייכער נישט צו רעדן, לויט די גרוסן, וואָס מען האָט מיר אָפּגעגעבן.

דאָס לעבעדיקע מאָזעסוויל, וואָס אַרבעט, האַנדלט און פאַרברענגט (וויפל עס לאָזט זיך אין די דאָרטיקע אומשטענדן) טראָגט נישט אויף זיך קיין בולטע סימנים פון דער יידישקייט, אין וועלכער דאָס שטעטל איז געבוירן געוואָרן און מיט וועלכער עס האָט געאָטעמט עטלעכע צענדליק יאָר. דעם גרעסטן טייל פון דער דאָזיקער יידישקייט טרעפט מען איצט אויפן מאָזעסווילער בית־עולם אין דער פאָרם פון אַלטע קברים און אויך נייע קברים, וואָס דערציילן פון אַ יידיש לעבן, וואָס האָט דאָ געקוועלט און צוליב וועלכן דאָס דאָזיקע שטעטל האָט מיט רעכט פאַרדינט דעם נאָמען „ירושלים ד׳אַרגענטינע". אויפן אַלטן פעלד האָב איך אָנגעטראָפן קברים פון די ערשטע טעג, ווען די קאָלאָניע איז געגרינדעט געוואָרן. איין קבר האָט אויף זיך געהאַט די יידישע דאַטע ה׳תרנ״ד, דאָס הייסט פון 57

יאָר צוריק. עס זענען מעגלעך פאַראַן נאָך עלטערע קברים, אָבער די אויבנ־דערמאָנטע דאַטע דערציילט אונדז אויף אַן אומצווייפלהאַפטן אופן וועגן דעם בראשית פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין ארגענטינע, וועגן יענע, וואָס זענען אהער געקומען זיך באַזעצן אויף ערד און זענען אין די ערשטע טעג שוין באַזיגט געוואָרן פונעם טויט אין די שווערע באַדינגונגען, אין וועלכע עס איז זיי אויסגעקומען צו לעבן און קעמפן.

דער איינדרוק, אַז יי ד י ש מאסן־לעבן געהער היינט צו טאָג אין מאָזעסוויל צו דער פאַרגאַנגענהייט, האָט זיך פאַר מיר באַשטעטיקט, ווען איך האָב דעם זעלבן טאָג פאַרנאַכט, באַזוכט איינע פון די מאָזעסווילער שילן אין דער צייט פון מנחה. עס איז דעם טאָג גראָד געווען פורים און פונדעסטוועגן האָב איך אין שיל געפונען קוים אַ צונויפגעשטיקעוועטן מנין מענטשן, שוין אַריינגערעכנט דעם רב פון שטעטל, וועלכע האָבן מיך אָנגעקוקט גלייך ווי איך וואָלט צו זיי געווען אַראָפּגעפאַלן פונעם מאַרס. די שטים פון דעם בעל תפילהביים עמוד, וועלכער האָט געהאַלטן אין איבערזאָגן די שמונה עשרה, האָט אין דער ליידיקער שיל אָפּגעקלונגען מיט אַ טרויעריקער טראַגישקייט. נאָכן דאַווענען האָבן מיר די עטלעכע יידן אָפּגעגעבן שלום, געפרעגט פון וואַנען איך בין, און שטיל ווי די אבלים, זיך צעגאַנגען אָן דעם מינדסטן סימן פון פרייד אָדער עמאָציע פון עפּעס וואָס...

איך האָב נאָכגעקוקט די עטלעכע יידן און דער געדאַנק האָט אומ־פאַרמיידלעך געמוזט אַרויסטראָגן דעם ווערדיקט: די לעצטע מאָהיקאַנער.

***

צוריקוועגס פון מאָזעסוויל זענען מיר געפאָרן ווען די זון האָט שוין געהאַלטן ביים פאַרגיין. לאַנגע שאָטנס האָבן זיך איצט געצויגן איבער די פעלדער און מיטן פאַרגיין פון דער זון האָט אַראָפּגענידערט די אָוונטיקע דממה, אין וועלכער מען האָט נאָר געהערט דאָס קלאַפּן פון דעם פערדס קאָפּיטעס אויפן האַרטן וועג. איך מיט מיין מיטפאָרער האָבן אביסל גע־שמועסט און דערנאָך איז יעדער איינער געבליבן פאַרטיפט אין זיינע אייגענע געדאַנקען. איך ווייס נישט, וואָס דער יונגער קאָלאָניסט, וואָס

איז צוזאמען מיט מיר געפאָרן, האָט געטראַכט. אפשר האָט ער געטראַכט וועגן זיין פאָטער, ביי וועמענס קבר ער איז נאָר־וואָס געווען און אפשר האָט ער געטראַכט וועגן זיינע טאָג־טעגלעכע זאכן. איך האָב געטראַכט: מאָזעסוויל, די „ירושלים דארגענטינע", כאָטש זי האָט זיך עקאָנאָמיש צעוואַקסן, איז היינט צו טאָג נישט מער ווי דער שאָטן פון א שיינעם יידישן חלום...

פסח אין מאָזעסוויל

אין ווירכיניאַ, נישט ווייט פון מאָזעסוויל, האָבן צוויי יונגע קאָלאָניסטן מיך פאַרבעטן דעם ערשטן טאָג פּסח אין שיל אַריין.

— ווער ווייסט צי עס וועט זיין אַ מנין — האָבן זיי מיט נישט באַהאַלטענעם צער געזאָגט — ווי אַ זאַך מאַכט זיך, קומט מיט אונדז וועט איר שוין אין איין וועגס אָנקוקן דעם סאַלאָן... ער זעט איצט אויס אַנדערש ווי איר האָט אים געזען פאַראַיאָרן... עס איז נאָר אַ שאָד וואָס ער פוסטעוועט, נישטאָ קיין אינטערעס...

אין סאַלאָן האָבן מיר געטראָפן פונקט אַ מנין און איך בין געווען דער עלפטער. אָבער עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז מיין אָנוועזנהייט איז געווען נישט נאָר נישט איבעריק, נאָר טאַקע נויטיק. ביי קריאת התורה האָב איך „געראַטעוועט די סיטואַציע" דערמיט וואָס איך בין אַ „לוי" (לייווי). צווישן די צען קאָלאָניסטן וואָס זענען געקומען דערפילן זייער יידישן חוב, איז געווען אַ כּוהן אָבער עס האָט געפעלט אַ לוי. די השגחה האָט זיי אויף אַזאַ אופן צוגעשיקט אַ לוי, בכדי זייער באַשיידענער פּסח־מנין זאָל אין מיניאַטור דערמאָנען יענע צייטן ווען יידישע קאָלאָניסטן האָבן אין דער געגנט געדאַוונט ווי אין די גוטע אַלטע צייטן...

„שחרית" (שאַכרים) האָט געדאַוונט אַ מיטליעריקער קאָלאָניסט. ער האָט די תפילות געזאָגט אָן אַ שום נוסח, אָבער מיט הארץ. זיין מאָנאָטאָנער אופן פון דאַווענען, דאָס אימפּראָוויזירטע עמודל, אויף אַן אַלט טישל, און די צוויי צאַנקנדיקע ליכט — איינס אַ לאַנגס און דאָס צווייטע אַ קורצס — האָבן דערציילט פון עלנד, פון אַ לעבן אין פאַרגאַנג, פון מוראַדיקער איינזאַמקייט. דער איינדרוק איז בשום אופן נישט געווען קיין פאַלשער; אינדרויסן האָט די שפּעט־האַרבסטיקע זון אויסגעשפּילט איר ליכט־סימפאָניע איבער די רחבותדיקע פעלדער וואָס האָבן זיך צעגרינט נאָך דעם לעצטן רעגן און דאָ, אין דעם זייטיקן צימערל פון דעם

גרויסן און ליידיקן סאַלאָן, האָט אַ יידישער קאָלאָניסט אויסגעזונגען פאַרן עמוד די לעצטע אַקאָרדן פון דעם וואָס האָט געזאָלט זיין אַ יידיש־מאַסן־לעבן אויף די אַרגענטינער פעלדער.

בעל־קורא און בעל־מוסף איז געווען אַ קאָלאָניסט אין די זעכציקער, אַ ייד מיט אַ צעאַקערט פּנים און מיט אַ טרויעריקן, ווייכן שמייכל אין די אויגן. ער איז געקומען קיין אַרגענטינע אַלס קינד, אָבער ער האָט פון זיין פאָטער, דעם סופר, איבערגענומען אַ ירושה פון ווייקענעוודיקייט און נשמהדיקער יידישקייט און ער האָט וועגן דעם געלאָזט הערן מיט זיין אופן פון לייענען די תורה און דאַווענען מוסף. איך בין נישט זיכער צי אַ סך גרויסע שילן פון בוענאָס איירעס האָבן אַזעלכע בעל־קוראס ווי עס איז דער דאָזיקער ייד. מוסף האָט ער געדאַוונט פון אַ מחזור וואָס איז אַלט 72 יאָר, מיט עברי־טייטש און מיט אַ פּאָר פּרושים. ווען ער האָט געבענטשט „טל" (טאַל) האָט זיך מיר אויסגעוויזן אַז דורכן אָפענעם פענצטער האָבן די גראָזן און דיביימער געענטפערט — אמן...

צווישן דעם מנין יידן וואָס איך האָב געטראָפן אין שילעכל, איז דער דאָזיקער ייד געווען דער איינציקער וואָס האָט געזען דעם בראשית פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע אַרום מאָזעסוויל און איצט איז ער איינער פון די לעצטע מאהיקאַנער פון יענעם דור קאָלאָניסטן וואָס זענען געווען די חלוצים פון דער באַראָן הירשס גרויסן עקספּערימענט. ביים געזעגענען זיך האָט ער מיר דערלאַנגט אַ וואַרעמע קאָלאָניסטישע האַנט און האָט געשמייכלט. איך האָב אים געקוקט גלייך אין די אויגן און פון דאָרט אַרויסגעלייענט שטילן מרויער.

***

צום צווייטן סדר בין איך איינגעלאַדן געוואָרן צו אַ קאָלאָניסט וואָס וווינט אין דער געוועזענער קאָלאָניע אַרטיז, אָדער „ד"ר מוטשניק", ווי זי הייסט אָפיציעל אין די דאָקומענטן פון דער „איקאַ". איך זאָג די „געוועזענע", ווייל פון די 32 יידישע קאָלאָניסטן וואָס האָבן דאָרט געוווינט, איז פאַרבליבן איין און איינציקער, דער אויבנדערמאָנטער קאָלאָניסט וואָס האָט געפּראַוועט אַ סדר, לויט מיר שיינט, דער לעצטער און יענער געגנט.

ביי דעם דאָזיקן סדר האָט מען גערעדט וועגן אַ מער־אַקטועלער „יציאה" ווי וועגן יציאת מצרים: וועגן דער „יציאה" פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע אַרום מאָזעסוויל. דעם שטאָף פאַר די דאָזיקע טעמע האָט מען נישט געדאַרפט גיין זוכן ווייט. מיר האָבן זיך געפונען אויף אַ פּלאַץ וואָס איז דער סאַמע טראַגישסטער אויסדרוק פון דעם דאָזיקן פּראָצעס. אָרטיז איז אַמאָל געווען איינע פון די בליענדיקסטע יידישע קאָלאָניעס אַרום מאָזעסוויל און היינט איז שוין פון איר גאָרנישט געבליבן. דער קאָלאָניסט וואָס ביי זיין טיש זענען מיר געזעסן, איז פאַר אונדז געווען דער לעצטער עדות, וואָס האָט אין אַ איכה־טאָן דערציילט וועגן דעם דאָזיקן „עקזאָד" פון די פעלדער וואָס זענען באַפרוכטפּערט געוואָרן מיט יידישן בלוט און שוויים. מיר זענען געזעסן ביי אַ רייך־געגרייטן יידישן טיש, ווו אַ יידישער קאָלאָניסט — אַ מענטש אין די זעכציקער — האָט געמאַכט קידוש מיט דער געהעריקער פייערלעכקייט ווי אין די גוטע אַל־טע צייטן און דערנאָך געזאָגט די הגדה מיט דעם פולן פּסחדיקן נוסח, אָבער אָפּגעקלונגען האָט עס איינזאַם און טרויעריק, אין דער דאָזיקער געגנט וואָס איז פאַרלאָזט געוואָרן פון אירע יידישע איינוווינער. עס איז געווען דער איינציקער יידישער סדר — און מסתמא דער לעצטער — אין אַ קאָלאָניע ווו עס האָבן אַמאָל געוווינט 32 יידישע קאָלאָניסטן וואָס האָבן זיך גערעכנט צווישן די בעסטע פון מאָזעסוויל אומגעגנט.

פאַרוואָס זענען די דאָזיקע קאָלאָניסטן אַוועק פון די פעלדער? לויט דער דערקלערונג פון אונדזער טיש־געבער, זענען נישט געווען קיין גאָר וואָגיקע סיבות וואָס זאָלן זיי געוועגן פאַרטריבן פון די פעלדער. די דער־מאָנטע קאָלאָניע האָט שוין ווייט געהאַט איבערגעוואַקסן דעם עטאַפּ פון יענע שוועריקייטן וואָס האָבן באַרעכטיקט אַז קאָלאָניסטן זאָלן פאַר־לאָזן די פעלדער. אפילו די פּראָבלעם פון באַזעצן אויף ערד קאָלאָניסטישע זין האָט אויך געקאָנט דערליידיקט ווערן, לויט זיין מיינונג. פונדעסטוועגן האָט זיך אָנגעהויבן די אויסוואַנדערונג. אַ סך זענען אַוועק אין די שטעט און אַנדערע קיין מאָזעסוויל און היינט צו טאָג איז דער גורל פון אָרטיז שוין אַ קלאָרער. ער איז פאַרבליבן דער לעצטער אין אַ סביבה פון נישט־יידן. ער און די פרוי, ווייל זיינע קינדער זענען זיך אויך צופאָרן אין שטאָט אריין.

— 44 יאָר איז שוין אַז איך ווין אויף דעם דאָזיקן קאַמפּ — האָט ער מיט אַ ציטערדיקער שטימע גערעדט — איך האָב מיט די אייגענע הענט אויסגעקאָרטשעוועט דאָס ווילד־גראָז און אויסגעגליכט די ערד. שווערע צייטן געווען, מען האָט געהאָרעוועט און גאָרנישט געהאַט, און איצט, ווען אָרום און בלױען פעלדער וואָס זענען אַנטוויקלט געוואָרן דורך יידישע הענט, דורך יידישע האָרעוואַניע, ווינען אויף זיי פּרעמדע...

ער האָט אַ ווײַלע איבערגעריסן, געכאַפּט אַ קוק צום קאַמפּ וואָס איז געווען באַגאָסן מיט דער שיין פון דער פולער לבנה, פונדערווייטנס האָט זיך געהערט דאָס מרוקען פון דעם פּי וואָס האָט זיך געפּאַשעט אויף די פעלדער און די הינט האָבן געוואָיעט אין דער נאַכט אַריין. פונעם וועג האָט זיך געהערט דאָס געזאַנג פון צוויי געבירטיקע וואָס האָבן פאַרביי־געריטן.

— איר הערט, — האָט ער ווידער אָנגעהויבן רעדן — דאָס זינגען אַ פּאָר „פונדיקעס" *) וואָס פאָרן אַ היים. דאָס איז דאָס ליד וואָס מען הערט לעצטנס אויף די היגע פעלדער. פונדעסטוועגן ווילט זיך מיר נישט אוועקגיין פון דאַנען. וואָלט דאָ נאָך געווױנט כאָטש איין ייד, וואָלט ביי מיר אפילו נישט געווען קיין רייד וועגן פאַרלאָזן דעם קאַמפּ. 44 יאָר זיצן אויף איין פלאַץ איז נישט קיין שפּילעכל. בפרט נאָך ווען איר האָט אַלץ אליין געבויעט מיט די אייגענע הענט. ווי קאָן מען ווינען איינער אַליין דאָ צווישן גויים. ווי דער טאָג איז גרויס, און באַזונדערס אין די נעכט, קוק איך אויף „מיינער" און זי קוקט אויף מיר און עס קומט אונדז עפּעס אויס מאָדנע דער גאַנצער ענין. מען איז געבליבן אַליין ווי די מחותנים נאָך אַ חתונה...

עס איז ביי מיר נישט געווען דער מינדעסטער ספק, אַז דער מענטש ליידט פון בלויז רעדן, אַז ער וועט מוזן פאַרלאָזן דעם קאַמפּ. און דאָך, וועט ער מוזן אַוועקגיין. עס איז פיזיש און גייסטיק אוממעגלעך אַז דער מענטש זאָל אויף ווייטער בלייבן ווינען אין אַזאַ דערשיטערנדיקער איינזאַמקייט, און מיט זיין אַוועקגיין וועט אָרטיז בלייבן יידנריין.

---

*) געבירטיקע שוואַרצע.

עפּעס ענלעכס האָט מען מיר דערציילט וועגן דער קאָלאָניע סאַנטאַ עלענאַ, וועלכע האָט זיך גערעכנט פאַר דער בעסטער און בליענדיקסטער קאָלאָניע פון דער געגנט. סאַנטאַ עלענאַ (קאָלאָניע וואַוועלבערג), איז אַמאָל געווען דער שפּיגל פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע אַרום מאָזעסוויל און היינט זענען דאָרט געבליבן געציילטע יידישע קאָלאָניסטן. דאָס זעלבע פּאַסירט מיט דער ליניע פון די אַזויגערופענע „פּירנצוואַנציקער", ווו עס איז געבליבן איין קאָלאָניסט און דעם זעלבן גורל האָבן, מער ווייניקער, אַנדערע ליניעס פון אַרום מאָזעסוויל. קיינער פּרווט, אפילו נישט אויסבאַהאַלטן דעם פּעסימיזם וואָס עס הערשט דאָרט בנוגע דער צוקונפט פון איינער פון די עלטסטע און באַרימטסטע יידישע קאָלאָניעס אין אַרגענטינע — די אַזויגערופענע „ירושלים ד'אַרגענטינע".

***

באַשערט געווען אַז איך זאָל בעת מיין באַזוך אין מאָזעסוויל זען נאָך אַן אַספּעקט פון דעם איצטיקן לעבן אין דער אַמאָל באַרימטער יידישער קאָלאָניע. אויבן האָב איך געבראַכט אייניקע שטריכן פון דער אַלטער מאָזעסוויל, די וואָס איז געווען און ווערט לאַנגזאַם און זיכער פאַרשוווּנדן. ווי אַזוי זעט אויס די נייע מאָזעסוויל, דאָס הייסט, די יוגנט פון דער קאָלאָניע, ווי אַזוי לעבט זי זיך אויס און וואָס פאַר אַ שטימונגען און געדאַנקען באַהערשן איר געמיט? עס איז דאָך קלאָר אַז די פאַרגאַנגענהייט אַפּעלירט נישט צו איר געמיט; וועלכער זשע איז דער באָדן אויף וועלכן עס ציט זיך איר וועג צו דער צוקונפט, צו דער יידישער צוקונפט?

פון יענעם טייל יוגנט וואָס פאַרלאָזט די קאָלאָניע און גייט אַוועק אין שטאָט אַריין, איז נישטאָ וואָס צו רעדן; זי לייזט די פּראָבלעם אויף אַ זייער ראַדיקאַלן אופן, דורכן אויפגעבן אַלץ וואָס האָט אַ שייכות מיט דער קאָלאָניע און אויסמישן זיך מיט אַנדערע טויזנטער בירגער וואָס זוכן, און געפינען, זייער וועג. מיר רעדן דאָ פון יענעם טייל יוגנט וואָס זיצט נאָך אין דער קאָלאָניע; איז, ווי זעט זי אויס און וואָס דענקט זי? דאָס האָב איך טיילווייז געקאָנט באַאָבאַכטן ביים דריטן סדר וואָס די פּועלי־ציון האָבן איינגעאָרדנט און צו וועלכן מען האָט מיך איינגעלאַדן.

דער סדר איז איינגעאָרדנט געוואָרן אין דעם רחבותדיקן סאַלאָן פון דער „קדימה”, ביי דער אָנוועזנהייט פון אַ גרויסן עולם. אַ גאַסט פון בוענאָס איירעס האָט אויף דעם אַקט אָפּגעגעבן אַ זייער אינטערעסאַנטן גרוס פון זיין באַזוך אין ישראל. עס האָט געזאָלט קומען אַ צווייטער גאַסט פון בוענאָס איירעס מיט אַ ספּעציעלער פּראָגראַם פאַר דעם סדר, אָבער ער איז נישט געקומען און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די מאָזעסווילער טוער זענען געווען פאַראויסזעעוודיק און האָבן אַליין צוגעגרייט אַ גאַנץ פיינעם פּראָגראַם, וואָס איז זייער געלונגען אויסגעפירט געוואָרן דורך די יוגנטלעכע שילער פון דער „יהדות”־שול, אונטער דער אָנפירונג פון דעם דירעקטאָר פון דער שול. ער אַליין טאַקע, איז געווען דער „מסדר” און ער האָט זיין ראָל אויסגעפירט מיט אַ פייערלעכן ערנסט. די קינדער האָבן אין אַ גוטן כאָר געזונגען פאַרשידענע ארץ־ישראל־לידער און מיר דוכט זיך אַז אפילו אין איר איצטיקן צושטאַנד קאָן מאָזעסוויל זיין אַ גוטער בייש־פּיל מיט איר אונטערוואַקסנדיקער יוגנט פאַר אַנדערע יידישע ישובים. אַ טייל יוגנט איז זיך טאַקע צעפאָרן פון דער קאָלאָניע, אָבער די וואָס ווערט דאָרט דערצויגן איז יידישלעך, אָבער שוין נישט מיט דעם אויס־קוק פאַרצוזעצן דאָס יידישע לעבן דאָ, נאָר מיט דעם אויסקוק אויף — ישראל. דער דאָזיקער נייער מעכטיקער שטראָם אין דעם יידישן לעבן, וואָס האָט בכלל דורכגענומען די יידישע יוגנט אין אונדזערע לענדער מיט שפּאָגל־נייע געפילן און עמאָציעס, האָט אַריינגעגאָסן אַ נייעם שטראָם נאַציאָנאַלע ענערגיע אין דעם יונגן דור פון דער קאָלאָניע. עס איז שוין קיין שום ספק נישט, אַז אַ גרויסע טייל פון דאָזיקער יוגנט וועט דעם יידישן לעבן אָפּגעבן ערגעץ אַנדערש, על פּי רוב אין ישראל, דאָס, וואָס זי האָט, צוליב די גוט־באַקאַנטע סיבות נישט געקאָנט געבן דעם ייד' קאָ־לאָניזאַציע־ווערק פון אַרגענטינע. מיר איז אפילו איינגעפאַלן צו טראַכטן אַז דער נייער נאַציאָנאַלער שטראָם זאָל אויסאיבן אַ השפעה אויף אַ באַ־שטימטער טייל און זי באַוועגן פאַרצוזעצן דאָס ווערק פון דעם באַראָן הירש אַלס קאָלאָניסטן דאָ אין אַרגענטינע, אָבער ביי די איצטיקע שטי־מונגען און פאַרהעלטענישן איז אַזאַ השערה צו געוואַגט.

**
*

וואָס שייך דעם אַלגעמיינעם אַספּעקט פון מאָזעסוויל אין די ערשטע צוויי טעג פּסח, איז ער געווען אַ יום־טובדיקער. אַלץ איז געווען געשלאָסן און אַ מערקווירדיקע שטילקייט, אַ מנוחה, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער קאָלאָניע. לצים האָבן געזאָגט, אַז די דאָזיקע שלווה איז אַ פּועל יוצא מער פון דער קריסטלעכער „סעמאַנאַ סאַנטאַ" ווי פון דעם יידישן פּסח, אָבער מיר קאָנען אָננעמען, אַז דאָס איז נישט מער ווי לשון הרע פון בייזע צינגער. עס וועט אָבער נישט זיין איבעריק צו דערציילן דאָ, אַז מאָזעסוויל האָט יענעם פּסח איבערגעלעבט אַ געשעעניש וואָס פּאַסירט צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון דער קאָלאָניע, לויט עס האָבן מיר געזאָגט אַלטע תושבים פון דעם שטעטל. מאָזעסוויל האָט דורכגעמאַכט אַ מצה־קריזיס און עס האָט געדראָעט אַז אַ סך יידן זאָלן פּשוט פאַרבלייבן אָן מצות אויף פּסח. די סיבה פון דעם קריזיס איז, וואָס איינער פון די צוויי מצה־בעקערס האָט זיך אַרויסגעצויגן פון דעם שטעטל און מאָזעסוויל איז פאַרבליבן מיט איין מצה־בעקעריי. לויט די געזונטע כללים פון קאָמערץ, האָט דער פאַרבליבענער בעקער געדאַרפט אויסברייטערן זיינע פּראָדוקציע־מעגלעכקייטן, מחמת די וואָס פלעגן קויפן מצות ביי יענעם האָבן דאָך לאָגישערווייז איצט געדאַרפט קומען צו אים קויפן מצות. אָבער פּאַסירט האָט פּונקט דאָס פאַרקערטע און עס זענען געווען אַזעלכע וואָס האָבן געזאָגט, אַז דאָס האָט ער באַוווסטזיניק אָפּגעטון „אויף טער־קיש" יענע יידן, וואָס האָבן געקויפט מצות נאָר ביים צווייטן בעקער. עס איז געווען אַ מין „אָפּגעגעבן ברויט", אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקן אין דעם דאָזיקן פּסחדיקן פאַל. יעדנפאַלס האָט מאָזעסוויל איבערגעלעבט אַ גרויסן מצה־קריזיס און איך האָב אַליין געזען אין דער איינציקער מצה־בעקעריי אַ „קאָלאַ" *) וואָס האָט מיך דערמאָנט אין די רייען ביי די בוענאָס איירעסער קאָלעקטיוואָס...

איך בין פונדעסטוועגן אַוועקגעפאָרן מיט דעם איינדרוק, אַז אַלע מאָזעסווילער יידן האָבן דאָס יאָר געגעסן קניידלעך, כאָטש איך קאָן אייך נישט פאַרזיכערן צי אַלע האָבן זיי געזאָגט די הגדה...

---

*) רייע.

אַלטע און נײַע זאַכן אין מאָזעסוויל

איך ווייס נישט, צי דאָס וועגן וועלכן איך גיי שרייבן, געהער צו דער קאַטעגאָריע פון „זאַכן". אפשר וואָלט געווען טרעפלעכער צו זאָגן „פּראָבּלעמען", אָבער איך וויל מיט אַ כיוון נישט באַנוצן קיין „שווערע" ווערטער, ווייל עס האַנדלט זיך וועגן — מאָזעסווילער שילן.

דעם אמת געזאָגט, אויב עס איז היינט צו טאָג פאַראַן אין מאָזעסוויל אַ געביט, וואָס איז באַלאָדן מיט „פּראָבּלעמען", זענען דאָס די שילן. אויב עס איז וויכטיק פאַר אַ שיל צו האָבן טאָג־טעגלעך אַ מנין צום דאַווענען, קאָן מען מיט אַ ריין געוויסן זאָגן, אַז די מאָזעסווילער שילן לעבן ממש איבער אַ קריזיס. מאָזעסוויל פאַרמאָגט פיר פּרעכטיקע שילן, אָבער איך בין שטאַרק מסופק צי די „ירושלים דארגענטינע" פאַרמאָגט היינט צו טאָג פיר מנינים יידן, וואָס זאָלן זיך קוואַפּען אויף אַ תפילת שחרית אָדער אויף אַ מנחה ומעריב. עס פּאַסירט אויף אַזאַ אופן, אַז בלויז אַ פּאָר פון די פיר שילן „מאָנאָפּאָליזירן" די פּאָר מנינים יידן, וואָס האַלטן נאָך אָן די טאָג־טעגלעכע באַציאונגען מיטן רבונו של עולם דורך אַ תפילה בציבור.

מיינע באַקאַנטע האָבן אונטערגעשמייכלט, ווען איך האָב זיי געזאָגט, אַז איך גיי אָפּשטאַטן אַ באַזוך די שילן פון שטעטל. פון דערפאַרונג ווייסן זיי, אַז „עס איז דאָרט נישטאָ וואָס צו זען". איז אפשר וואָלטן מיר מיינע ליבע פריינט געקאָנט זאָגן, ווו קאָן מען היינט אין מאָזעסוויל זען עפּעס מער אויפן עכט־יידישן געביט ווי אין די יידישע שילן? אויב מאָזעסוויל איז אין משך פון אַזוי פיל יאָרן געווען דער סימבאָל פון דעם אָרגאַנישן יידישן לעבן אין אַרגענטינע ביז צו טראָגן דעם טיטל פון „ירושלים ד'אַרגענטינע", איז ווו קאָן מען אָנטרעפן דעם המשך דערפון אויפן געביט פון סעקולערער נייער יידישקייט? איך צווייפל צי אפילו איין אויפריכטיקער פריינט וועט אין מאָזעסוויל קאָנען אָנווייזן אויף אַזאַ פּלאַץ, אויסער אין די פיר איינזאַמע און פאַרלאָזטע שילן, וואָס דערציילן וועגן אַ דור יידן

וואָס האָט געהאַט מער צוטרוי צום המשך פונעם יידישן לעבן ווי עס האָבן היינט די בעסטע און געטרייסטע פון די מאָזעסווילער קולטור־טוער.

יאָ, די פיר שילן אין מאָזעסוויל דערציילן נישט נאָר וועגן אַ פּולבלו־טיק און אָרגאַניש יידיש לעבן, וואָס האָט מיט עטלעכע צענדליק יאָר פּולסירט אין יענער געגנט, נאָר אויך וועגן דעם מערקווירדיקן בטחון, וואָס די יידישע האַרעפּאַשניקעס האָבן געהאַט לגבי דעם המשך פונעם יידישן לעבן אויף די אַרגענטינער פעלדער. נאָר אַן אומדערשיטערלעכער גלויבן אין דער צוקונפט פונעם יידישן לעבן האָט געקאָנט זיין די טרייבקראַפט פון יענע, וואָס האָבן געבויט די דאָזיקע בתי־תפילה, אין דער זעלביקער צייט וואָס זיי האָבן אַזוי ביטער געקעמפט פאַר זייער בידנער עקזיסטענץ מיט די אומשטענדן און מיט דער נאַטור.

די נייע ווירקלעכקייט פון מאָזעסוויל האָט אָפּגעלייקנט די דאָזיקע האָפענונג, אפילו אויף אַזוי פיל אויף וויפל די נייע שטרעמונגען פון דעם יידישן לעבן האָבן געדאַרפט פאַרבייטן די אַלטע הנהגה דערפון. דאָס אַלטע טראַדיציאָנעלע יידישע לעבן איז אין מאָזעסוויל פאַרשוווּנדן געוואָרן אַלס ווירקנדיקער פאַקטאָר און קיין נייַ, סעקולער־פּולסירנדיק יידיש לעבן איז היינט נישט בנמצא אין דעם דאָזיקן שטעטל, וואָס זעט אויס ווי וועלכעס נישט איז אַרגענטינער פּראָווינץ־שטעטל, מיט דעם איינציקן אונטערשיד, וואָס מאָזעסוויל איז אַ סך וויניקער מדקדק אויף איר אויסערלעכן אויס־זען ווי אנדערע שטעטלעך.

די שילן פון מאָזעסוויל זענען אויסגעבויט געוואָרן פון דעם געוועזע־נעם דור יידן ווי אַ נויטווענדיקייט אין זייער גייסטיקן לעבן, וועלכעס איז געווען דורכגענומען מיט דעם טיפן בטחון, אַז דאָס וואָס זיי האָבן מיט־געבראַכט מיט זיך וועט זיין די באַזע פאַר אַ פולבלוטיקן המשך דאָ אין אַרגענטינע. און אַז די דאָזיקע יידן האָבן מיטגעבראַכט אַ סך פון זייער גייסטיקן וועזן, ווען זיי זענען אָנגעקומען זיך צו קאָלאָניזירן אין אַרגענטינע, איז צו זען פון דעם שלל ספרים, וואָס מ'געפינט אין די שילן פון מאָזעסוויל. אין דער „ברענער"־שיל האָבן די עטלעכע יידן, וואָס האָבן זיך בשעת־מעשה געפונען, געקוקט אויף מיר מאָדנע, ווען איך האָב מיך געגריבלט אין אַ שאַפע מיט ספרים, וואָס זענען אַלע דורכ־געפרעסן פונעם מאָל. איך האָב דאָרט געפונען אַ קאָמפּלעט חומשים דאַ־

טירט פונעם יאָר 1837, וואָס זענען געבראַכט געוואָרן פון די ערשטע קאָ־לאָניסטן, געירשנטע מסתמא פון זייערע זיידעס. אפשר זענען דאָרט פאַראַן נאָך עלטערע ספרים, אָבער אַ ספר, וואָס איז אַלט 113 יאָר, און וועלכן איר געפינט אין אַ ספרים־שאַפע פון מאָזעסוויל, איז גענוג אויף אַרויס־צורופן ביי אייך מאָדנע מחשבות וועגן דעם גאַנג פון דעם יידישן לעבן. ווען איר האַלט אין די הענט אזא ספר, אַ צעפרעסנס פון מאָל און מייז, און איר מישט די פאַרגעלטע בלעטער דערפון, מוזט איר אומבאַדינגט דער־פילן אַן אינערלעכן ציטער, ווי מען דערפילט אין דער אָנוועזנהייט ווי אַ וויכטיקן היסטאָרישן דאָקומענט. ווען איך האָב געהאַלטן אין די הענט דאָס אַלטע ספר און עס געבלעטערט, האָב איך געהאַט דעם איינדרוק ווי די בלעטער וואָלטן געשמייכלט פון נחת, וואָס אַ מענטשלעכע, אַ יידישע האַנט האָט זיך דערמאָנט זיי דורכצובלעטערן נאָך יאָרן פאַרלאָזנקייט אין דער שטויביקער שאַפע...

דערנאָך, ווען איך האָב געבעטן אביסל וואַסער זיך אָפּצוואַשן די הענט, האָט מיך דער שמש, אַ צו־פּרי גראָ־געוואָרענער ייד, מיט סימנים פון שלעכטער דערנערונג, צוגעפירט צום פּלומפּ אויפן הויף פון דער שול און בעת ער האָט געפּאָמפּעט דאָס וואַסער און איך האָב מיר געוואַשן די הענט, האָט ער ארייגעוואָרפן עטלעכע ווערטער:

— איר מיינט, אַז איך בין פון שטענדיק אָן אַ שמש? געווען אַ קאָלאָניסט קנאַפּע פערציק יאָר צייט און אויף דער עלטער געמוזט אָנקו־מען צו „דעם". געווען אַמאָל אַ בעל הבית און היינט — איר זעט דאָך...

אוודאי האָב איך געזען, און ווי האַרמאָניש זיין אויסזען און זיין לאַגע איז געווען מיט די ספרים פון דער שאַפע. עס איז געווען אַן עכאָ פון אַמאָליקער גלאָריע און היינטיקער ירידה...

**
*

די „באַראָן הירש"־שיל, שטייט אין אַ גרויסן הויף, וואָס איז אַרומגענומען מיט אַ סאָלידן פּאַרקאַן. זי שטייט אַ מאַיעסטעטישע אין דעם באַפלאַנצטן הויף און זעט אויס ווי אַ פּאַרצייטיקער שלאָס אין מי־ניאַטור, געבויט אין יידישלעכן, פרומען סטיל. די דאָזיקע שול איז אַלט איבער זעכציק יאָר, כמעט אַזוי פיל וויפיל די קאָלאָניע, אָבער זי זעט אויס

אַ סך פרישער ווי די אנדערע, נייערע שולן. אין אַ וואָכנטאָג, האָב איך דאָרט קיינעם נישט געפונען. איך האָב מיך אומגעדרייט אין דעם רחבות־דיקן הויף און געהאַט דעם איינדרוק ווי די שאָטנס פון די אַלטע יידישע קאָלאָניסטן וואָלטן מיך באַגלייט. אַ טיפע שלווה האָט געהערשט אַרום, אַז מען האָט, דאַכט זיך, געקאָנט הערן ווי די אינזעקטן קריכן אום אין גראָז. עס איז געווען מנחה־צייט און איך האָב אין מיין דמיון געפּרוּווט רעקאָנסטרואירן דאָס בילד פון אַזאַ זומערדיקן פאַרנאַכט אין דעם הויף פון דער שול, מיט אַ דרייסיק אָדער פערציק יאָר צוריק. דורך די פענצטער האָב איך באַטראַכט דעם אינעווייניק פון דער שול, וועלכע איז געשטאַנען אַן איינזאַמע אָבער אַ שטאָלצע ווי אַן אָפּגעקומענער אריסטאָקראַטקע אויף דער עלטער...

שבת פאַרנאַכט האָב איך אין דער זעלבער שיל געטראָפן עטלעכע יידן, פאַר וועלכע דער שוחט פונעם שטעטל האָט אויסגעטייטשט אַ שטיקל „עין יעקב". מיין אַנוועזנהייט איז פאַר זיי געווען אַ סורפּריז און זיי האָבן מיר אויף דעם אַלטן יידישן שטייגער אַלע אָפּגעגעבן אַ האַרציקן שלום־עליכם. מיין כוונה אויסצובאַהאַלטן מיין פּראָפעסיאָנעלע אָנגעהעריקייט אַלס זשורנאַליסט, האָט זיך מיר נישט איינגעגעבן, ווייל איינער פון די יידן האָט מיך דערקענט און האָט זיי אפילו געוווסט צו דערציילן, אַז איך האָב רעדאַגירט אַ יידישע צייטונג אין טשילע. ווער עס האָט אים דער־ציילט ווייס איך נישט, אָבער אין איין הרף עין זענען די עטלעכע יידן געווען באַקאַנט מיט מיין פּען־ביאָגראַפיע. מיט דעם דאָזיקן ייד האָב איך זיך באַקענט מיט אַ יאָר צוואַנציק צוריק אין ראָזאַריע און אים פון דעמאָלט אָן קיינמאָל נישט געזען; איך האָב זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז ער פאָלגט נאָך מיט אַזוי פיל אינטערעס מיין שרייבערישע קאַריערע.

ווען איך בין פון דאָרט אַוועק האָב איך געטראַכט, אַז ס'אַלטע מאָ־זעסוויל ווייסט נאָך עפּעס סיי פון עין יעקב און סיי פון אַ יידישן שריי־בער; דאָס נייע — נישט דאָס און נישט יענץ...

**

אין מאָזעסוויל האָט, ווייזט אויס, לויט דעם שטייגער פון די יידישע שטעטלעך פונעם אַמאָליקן תחום המושב, געהערשט חילוקי דעות אַרום די

רעליגיעז־געזעלשאַפטלעכע ענינים. דאָס איז צו זען טאַקע פון די נעמען און דעם כאַראַקטער פון די שילן, וואָס יידן האָבן געבויט. אויסער דער „באַראָן הירש"־שיל, וועלכע איז אין אַ געוויסער מאָס געווען די אָפיציעלע שיל פונעם שטעטל אין משך פון יאָרן, זענען דאָ, אויסער דער אויבנדער־מאָנטער „ברענער"־שיל, די „ליטווישע" שיל און די „אַרבעטער"־שיל. ווי עס איז צו זען האָט די יידישע באַפעלקערונג פון מאָזעסוויל זיך געטיילט נישט נאָר אין „קלאַסן", נאָר אויך אין „עטנישע גרופן". דער פאַקט, וואָס מען האָט אויסגעבויט אַ „ליטווישע" שיל מיינט צו זאָגן, אַז די ליטוואַקעס פון מאָזעסוויל האָבן נישט געקאָנט הויזן מיט די אַנדערע „ראַסן־גרופן" און זיי האָבן זיך אויסגעבויט אַ באַזונדערע שיל...

אין דער ליטווישער שיל האָב איך געטראָפן אַ גרופע יידן אַרום אַ טיש, צווישן זיי אַ יונג בחורל, און איינער פון זיי, מיט אַ פול מויל פרעמדע ציין, האָט אויפן קול זיי אויסגעטייטשט די פונקציע פון די לויים און כוהנים, אַרויסהעלפנדיק זיך דערביי מיט אַ שפּאָר ביסל שפּאַניש־פאַר־יידישטע ווערטער. איך בין מיך מודה, אַז מיך האָט ער נישט שטאַרק איבערצייגט מיט זיינע אַרגומענטן, אָבער זיינע צוהערער האָבן ממש געשלונגען די „תורה", וואָס ער האָט געזאָגט פאַר זיי. אין אַ זייט איז געזעסן אַ ייד מיט אַ מילך־ווייס, שיין אַרומגעשוירן בערדל, און אַריינגעקוקט אין ספר עמוס. ווען איך בין צוגעקומען, האָט ער איבערגעריסן אין מיר אָפּגעגעבן אַ וואַרעמען שלום־עליכם און מיך געפרעגט לויט דעם אַלטן יידישן שטייגער: פון וואַנען איז אַ ייד?

אַ צווייטער ייד איז אַריינגעקומען, צוגעגאַנגען צו אַ שטענדער און פון דאָרט אַרויסגענומען אַ ספר, עס געעפנט אויף אַ פון פריער באַשטימטן אָרט און גענומען לערנען. איך האָב געכאַפּט אַ קוק: עס איז געווען די גמרא „בבא מציעא". אויפן אויסערלעכן אויסזען האָט דער ייד נישט אויסגעזען צו זיין קיין למדן, אָבער זיין אופן פון זעצן זיך לערנען האָט דערציילט עפּעס אַנדערש.

מיין לעצטן באַזוך האָב איך געמאַכט אין דער „אַרבעטער"־שיל. דאָ האָב איך קיין באַזונדערע זאַכן נישט געזען, אויסער איין איינציקן ייד, וואָס איז געזעסן פאַרטיפט אין אַ ספרל. בעת מיין אַנוועזנהייט האָבן די מתפללים אָנגעהויבן זיך צונויפקומען צו מנחה. דער ייד האָט דאָס ספרל

אַריינגעלייגט אין א שטענדער און מיך באטראכט ווי עפּעס אַן אויסטערלי־שע זאַך. די אַנוועזנהייט פון אַ פּרעמדן מענטש אין שיל האָט אים אויס־געזען, ווייזט אויס, אומנאָרמאַל. לויט מיין אויסזען, האָט ער מיך אפילו געקאָנט אָננעמען אלס א נישט־ייד, וואָס איז פאר א טשעקאווערט געקור־מען אָנקוקן אַ יידישע סינאַגאָגע..

דערנאָך האָב איך מיך אומגעדרייט איבערן שטעטל און די מחשבות האָבן זיך געקייטלט. נישט ווייט פון דאָרט האָב איך געזען די ביבליאָטעק „באראָן הירש", די „קדימה", די שול „יהדות", וועלכע זענען דער אויס־דרוק פון דעם נייעם יידישן לעבן אין מאָזעסוויל, אָבער זיי האָבן מיט גאָרנישט געגעבן אָנצוגעהערן, אז דאָס נייע ברויזט מיט עפּעס שטאַר־קערס ווי דאָס אלטע. איך האָב געוואָלט ערגעץ אָנכאַפּן א פאָדעם, וואָס זאָל פאַרבינדן דעם געוועזענעם אינהאַלט פון די מאָזעסווילער שילן מיט דער ביבליאָטעק „באראָן הירש", אָבער איך האָב אים נישט געפונען. דער דאָזיקער פאָדעם איז אפשר געווען אמאָל, ווען אין מאָזעסוויל איז געווען אַ געוויסער דראַנג צו יידישער קולטור־אַרבעט; היינט איז ער נישטאָ. די יידישע שילן זענען געבליבן שטיין פאַרלאָזטע, ווי די מאָנו־מענטן פון א געוועזענער אָרגאַנישער און עכטער יידישקייט. די נייע יידישע אינסטיטוציעס, וואָס האָבן געדאַרפט סימבאָליזירן דעם יידישן המשך אין מאָדערנעם גייסטיקן זינען, שטייען פּונקט אזוי פאַרוואָרלאָזט און ליידיק ווי די שילן און צווישן זיי גרילצט מיט זיין „מאָדערניזם" א טומלדיקער און נישט איבעריק ריינער קאַפע, וווּ דאָס יידישע מאָזעסוויל זוכט צו פאַרטרייבן די גייסטיקע פוסטקייט, וואָס ליגט אזוי ברייטלעך צעלייגט אין דער „ירושלים דאַרגענטינע".

***

וואָס עס וואַרפט זיך באַזונדערס אין די אויגן, איז די אָפּגעלאָזנקייט פון מאָזעסוויל. דער אויסערלעכער אויסזען פון א מענטשן, זיין הלבשה און זיין אַלגעמיינער הילוך, דערציילן סרוב מאָל וועגן דעם געמיט־צו־שטאַנד פון דער פּערזאָן; און פּונקט אזוי קאָן דער אויסערלעכער אויסזען פון אַ ישוב דערציילן וועגן דעם געמיט־צושטאַנד פון די וואָס באַוווינען אים. מיר שיינט, אז דער זייער נישט־עסטעטישער אויסזען פון מאָזעסוויל,

די אָפּגעלאָזנקייט פון די גאַסן און פון די הייזער, דערציילט זייער אַ סך וועגן דעם, וואָס עס טראַכטן די איינוווינער פון דער באַרימטער יידישער קאָלאָניע. אַ באַזונדער קאַפּיטל איז די פּלאַסע פון מאָזעסוויל, דאָס פּלאַץ וואָס געפינט זיך אין סאַמע צענטער פונעם שטעטל.

איך בין געזעסן אויף דער פּלאַסע סאַן מאַרטין פון מאָזעסוויל און באַטראַכט די נעבעכדיקייט אירע. די דאָזיקע פּלאַסע, אויף וועלכער ער שטייט אַ ביוסט פונעם באַפרייער גענעראַל סאַן מאַרטין, וואָס איז אָפּגע־דעקט געוואָרן אין צוזאַמענהאַנג מיטן פייערן דעם פופציקסטן אַניווער־סאַר פון דער קאָלאָניע, געפינט זיך אין סאַמע צענטער פונעם שטעטל. אַ נישט־איבעריק גרויסע, וואָלט זי אָבער געקאָנט זיין אַ צירונג פאַרן שטעטל, ווען מען וואָלט זי ווי געהעריק אָפּגעהיט, ווען מען וואָלט פאַר־זעצט עטלעכע בלומען־בייטן, פאַרפלאַנצט ביימער אָדער כאָטש אָפּגעהיט די גראָז־בייטן וואָס מען האָט אַמאָל אויסגעפלעגט. עס האָט מיך באמת אַרומגעכאַפּט אַ רחמנות אויף דער דאָזיקער פּלאַסע, באַזונדערס ווען איך האָב זי פאַרגליכן מיט די פּלאַסעס פון אַנדערע שטעטלעך, נישט יידישע, וואָס געפינען זיך אין דער אומגעגנט פון מאָזעסוויל, ווו איך האָב געזען שיין־פאַרפלאַנצטע און קולטיווירטע פּלאַסעס און גלייך־גע־שניטענע, ריינע גאַסן.

שטייט זיך די דאָזיקע פּלאַסע אינמיטן שטעטל און דערציילט וועגן איינוווינער וואָס האָבן נישט קיין פּיצל חוש פאַר עסטעטיק, קיין מינדסטן דראַנג צו פאַרשענערן דאָס פּלאַץ ווו זיי אַליין גייען צייטנווייז שפּאַצירן. די גראָז־בייטן וואָס זענען אַמאָל געווען באַוואָקסן מיט גרינס, זענען חרוב און זעען אויס ווי די אויסגעקראָכענע פעלן פון קרעציקע בעלי־חיים. קיין בלום פאַר קיין רפואה נישט צו זען איבער דעם גאַנצן שטח פון דעם דאָזיקן פּלאַץ וואָס איז דער זאַמלפּונקט פון דער יוגנט. עטלעכע ראַכי־טישע ביימעלעך, מיט וועלכע קיינער גיט זיך קיינמאָל נישט אָפּ, זענען די איינציקע באַגלייטער פון די עטלעכע אַלטע גרינע בענק, וואָס שטייען צעשטעלט אויף דער פּלאַסע און וואַרטן כלומרשט, אַז פאַרליבטע פּאָר־לעך זאָלן זיך קומען אינספּירירן אין דעם דאָזיקן „ראָמאַנטישן" אַמביענט... דאָ און דאָרט וואַלגערן זיך טויטע זשאַבעס, וואָס האָבן

אויסגעהויכט דעם לעצטן אָטעם און זענען געבליבן ליגן מיט די געשוואָלענע בייכער אויף אַרויף...

האָב איך געקוקט אויף דער דאָזיקער פלאַסע און געזען אין איר דעם גאַנצן געמיט־צושטאַנד פון דעם יידישן לעבן אין מאָזעסוויל. פון דער אָפּגעלאָזנקייט פון דער פלאַסע האָב איך אַרויסגעפילט די שטימונג, די געפילן און דעם עמאָציאָנעלן צושטאַנד פון די איינוווינער וואָס באַוווינען דאָס אַמאָל אַזוי באַרימטע שטעטל. בלויז אַזעלכע וואָס טראַכטן אין טערמינען פון צייטווייליקייט, קאָנען פועלן ביי זיך, אַז דאָס אָרט וווּ זיי וווינען זאָל זיין אַזוי אָפּגעלאָזן. די יידישע מאָזעסוויל האָט זיך איר געזעלשאַפטלעך לעבן, בעסער געזאָגט, אירע געזעלשאַפטלעכע צאַנקערייען און כלומרשט פּאָליטישע דיפערענציאַציעס, וואָס צעשטויבן און פאַרניכטן דאָס ביסל **וואָס איז נאָך** געבליבן פון אַמאָל. פאַר די דאָזיקע רייסערייען און חילוקי דעות אַרום כלומרשט פונדאַמענטאַלע פּראָבלעמען, איז נאָך אפילו היינט דאָ גענוג דראַנג ביי איניקע פון די געזעלשאַפטלעכע קנאים, אָבער וואָס שייך אַזאַ ערדישער פּראָבלעם ווי דאָס אויסזען פונעם שטעטל, איז שוין ווייזט אוים נישטאָ מער קיין פלאַץ פאַר קאָלעקטיווער זאָרג. די דאָזיקע שטאָט־בעלי־בתים, וואָס טראַכטן וועגן זאַכן אין גאָר הויכע און ברייטע טערמינען, געבן זיך נישט קיין רעכענונג אין וואָס פאַראַ שפּראַך עס דערציילט וועגן זיי די פלאַסע פון זייער שטעטל.

אָט אַזוי זעען אוים די אַלטע און נייע זאַכן אין מאָזעסוויל. געווען אמאָל אזא שטעטל, וואָס מען האָט גערופן „ירושלים דארגענטינע", וואָס האָט פולשטענדיק באַרעכטיקט דעם נאָמען. היינט איז דאָס מער נישט ווי אַ שאָטן פון דער פאַרגאַנגענהייט. די שילן וואָס די ערשטע קאָלאָניסטן האָבן אויפגעשטעלט אין דער דאָזיקער קאָלאָניע זענען נישט געווען קיין רעזולטאַט פון עמעצנס קאַפּריז, נאָר אַ פועל יוצא פון אַ קאָלעקטיוו־גייסטיקער הצטרכות, פון אַן אָרגאַנישן דראַנג אויסצולעבן זיך זעליש אויף אַן אייגנטימלעכן אופן. יענע ערשטע פּיאָנערן האָבן געגלויבט אין נצח ישראל אויף דער אַרגענטינער ערד, אָבער די צייט האָט אַרויסגעטראָגן אַן אַנדער אורטייל, און איצט שטייען זיי די דאָזיקע שילן ווי די מאָנומענטן פון אַ שיינער יידישער פאַרגאַנגענהייט, וועלכע איז געווען פול מיט אידעאַליזם און שטרעבונג צו אַ שענער און אָרנטלעכער לעבן. דאָ און דאָרט זענען

נאָך צעוואָרפן קליינינקע אינדזעלעך פון דער דאָזיקער פאַרגאַנגענהייט, אָבער דאָס זענען נישט מער ווי שפּליטערן פון אַ צעשאָסענעם קערפּער אָן אַ רוח חיים.

דאָס אַלטע מאָזעסוויל איז מער נישטאָ און דאָס אַזוי גערופענע נייע האָט בלויז אַ בליאַסק געטון אין געוויסע מאָמענטן אונטער פאַרשידענע אַספּעקטן — באַזונדערס פון פאַרטייאישן כאַראַקטער — און איצט ליגט עס טויט, אָן אַ סימן פון לעבן.

שטאט

פּאַרק לעסאַמאַ, דאָס ווינעלע פון בוענאָס איירעס

בוענאָס איירעס פאַרמאָגט גרויסע, וווּנדערבאַרע פּאַרקן און שפּאַציר־פּלעצער, אָבער איינער פון די מערקווירדיקסטע איז דער פּאַרק לעסאַמאַ, וועלכער געפינט זיך אויף דעם פּלאַץ וווּ עס איז, לויט דער געשיכטע, פאָרגעקומען די צווייטע גרינדונג פון דער שטאָט בוענאָס איירעס.

דער פּאַרק לעסאַמאַ איז אין פאַרנעם איינער פון די קלענסטע פּאַרקן פון דער אַרגענטינער הויפּטשטאָט, אָבער ער איז אַ פּאַרק מיט אַ יחוס־בריוו. עס זענען אין בוענאָס איירעס פאַראַן אַנדערע גרעסערע פּאַרקן, וואָס טראָגן נעמען פון היסטאָרישע געשעענישן און פּערזענלעכקייטן, אָבער דער פּאַרק לעסאַמאַ איז ג ע ש י כ ט ע פ אַ ר ז י ך: דאָרט וווּ ער געפינט זיך, איז געשטאַנען דאָס ווינעלע פון דער היינטיקער מעטראָ־פּאָליע בוענאָס איירעס, וועלכע ווערט איצט פאַררעכנט צו די גרעסטע און וויכטיקסטע וועלט־שטעט.

ווי געזאָגט שוין, איז דאָס פּלאַץ וווּ עס געפינט זיך היינט דער פּאַרק לעסאַמאַ פאַרבונדן, לויט דער געשיכטע און לויט דער לעגענדע מיט דער צווייטער גרינדונג פון דער שטאָט בוענאָס איירעס, און דעריבער מיטן נאָמען פון כואַן דע גאַראַי; פונדעסטוועגן, געפינט זיך אין דעם דאָזיקן פּאַרק אַ מאָנומענט דווקא נאָך דעם ערשטן גרינדער פון בוענאָס איירעס, פּעדראָ דע מענדאָסאַ, וועלכע איז אויפגעשטעלט געוואָרן אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם 400סטן אַניווערסאַר פון דער אַרגענטינער הויפּט־שטאָט. ווען מען שטייט פאַר דעם דאָזיקן ריזיקן מאָנומענט, האָט מען דאָס געפיל אַז מען האָט דאָ טיילווייז פאַרביטן די יוצרות: פּעדראָ דע מענ־דאָסאַ איז טאַקע ווערט דעם מאָנומענט און אפילו אַ שענערן פון דעם, אָבער געשיכטלעך, געהער דאָס פּלאַץ צו כואַן דע גאַראַי.

בכלל, האָט מען זיך אין דעם פּאַרק לעסאַמאַ דערמאָנט אין צוזאַמענ־האַנג מיט די פייערונגען פונעם 400סטן אַניווערסאַר פון בוענאָס איירעס און מען האָט אים רעפאָרמירט און פאַרשענערט, אַזוי, אַז כאָטש ער איז פון די קלענסטע פּאַרקן אין בוענאָס איירעס, איז ער אָבער איינער פון די אָריגינעלסטע. איידער מען האָט אים פאַרשענערט און רעפאָרמירט, האָט ער אויסגעזען עפּעס אַזוי אָפּגעלאָזט. איבערהויפּט האָבן געמאַכט אַ מאָדנעם איינדרוק די טרעפּ אין דער פאָרעם פון אַ רוימישן אַמפיטעאַטער, וואָס קוקן צו דער גאַס בראַזיל. זיי האָבן אויסגעזען ווי די חורבות נאָך אַן אַרכעאָלאָגישער אויסגראָבונג און עס האָט פון זיי געווייעט מיט אַ מאָדנער האַמעטנקייט. נאָך דער רעפאָרמע פונעם פּאַרק (וועלכער ווערט אגב באַטראַכט אָפיציעל אַלס אַ היסטאָריש פּלאַץ) זענען די דאָזיקע טרעפּ באַפּלאַנצט געוואָרן מיט בלומען און גראָז־בייטן און זיי מאַכן אַ וואונדערלעכן איינדרוק מיט זייער עסטעטישן אויסזען. אויך אַנדערע פּלעצער פון דעם דאָזיקן פּאַרק זענען רעפאָרמירט און פאַרשענערט געוואָרן צום 400סטן אַניווערסאַר פון דער שטאָט בוענאָס איירעס, ווען דער האַלב־פאַרגעסענער פּאַרק איז אַריין אין „די פעדערן" צוליב דער היסטאָרישקייט פונעם פּלאַץ אויף וועלכן ער געפינט זיך.

***

אין פּאַרק לעסאַמאַ געפינט זיך דער אַרגענטינער נאַציאָנאַל־היסטאָרישער מוזיי. דער דאָזיקער מוזיי בילדעט „טעריטאָריעל", אַזוי צו זאָגן אַ טייל פונעם פּאַרק; ער געפינט זיך אין יענער זייט פּאַרק וואָס קוקט צו דער גאַס דעפענסאַ. פאַקטיש אָבער קומט אוים אַז דער פּאַרק לעסאַמאַ בילדעט אַ מין באַשטאַנד טייל פונעם מוזיי, אין וועלכן עס זענען קאָנצענטרירט אַלע רעליקוויעס, דאָקומענטן, דאַטן און זאַכן, וואָס זענען פאַרבונדן מיט דער אַרגענטינער געשיכטע; נישט מער וואָס די אַלע קעגנשטאַנדן געפינען זיך לויט זייער גרוים אין דער פּריווילעגיע צו געפינען זיך אין די צימערן פון דעם אַלטן הויז, דאַקעגן דער פּאַרק... איז צו גרוים אַריינגענומען צו ווערן אינעווייניק. דאָס אָבער מינדערט מיט גאָרנישט זיין ווערט אַלס היסטאָרישן, „באַרג סיני", וואָלטן מיר געזאָגט, פון דער שטאָט בוענאָס איירעס. איצט איז דאָס דאָזיקע פּלאַץ, וווּ עס געפינט זיך

דער פֿאַרק לעסאַמאַ אַרומגערינגלט מיט גרויסשטאָטישן שטיין און שטאָל. איצט קאָכט דאָרט אַרום דער שטאָטישער ווירבל; די אויסלאָדונגס רערן פֿון אויטאָבוס, קאָלעקטיוו און אויטאָמאָביל, פֿאַרפּעסטן דאָרט אַרום איצט די לופֿט מיטן איבלדיקן רויך פֿון איבערגעברענטן נאַפֿט; טראַמווייען און שווערע לאַסט־קאַמיאָנען צעוווּנדיקן מיט זייער קלינגעריי און ריטשעריי די געמיטלעכקייט פֿון דעם דאָזיקן יחוסדיקן פֿאַרק, אָבער דאָך פֿאַרמאָגט ער אין זיך עפּעס אַזאַ קראַפֿט וואָס צווינגט אייך זיך אַריבערצוטראָגן אין דער פֿאַרגאַנגענהייט, אַ טראַכט טון פֿון יענע ווייטע צייטן, ווען מענטשן געוואַגטע און מוטיקע, האָבן צום ערשטן מאָל געשטעלט זייער פֿוס אויף דעם דאָזיקן בערגל ווו עס געפֿינט זיך היינט דאָס הערלעכע שפּאַציר פּלאַץ; שוין דאָס אַליין וואָס דער פֿאַרק רופֿט ביי אייך אַרויס געדאַנקען וואָס זענען פֿאַרבונדן מיט געשיכטע, באַשטעטיקן די הנחה, אַז פֿאַרקע לעסאַמאַ איז אַ מין באַשטאַנד־טייל פֿונעם נאַציאָנאַלן היסטאָרישן מוזיי וואָס... איז לויט דער אָביקאַציע אַ באַשטאַנד־טייל פֿונעם פֿאַרק.

***

וועלט באַרימטקייט איז אַ גרויסע מדרגה פֿאַר מענטשן און זאַכן; דער פֿאַרק לעסאַמאַ איז עס. עפּנט וועלכן ס'נישט איז שפּאַנישן ענציקלאָפּעדישן ווערטער בוך און מישט אויף דעם בוכשטאַב „ל" וועט איר דאָרטן לייענען: „לעסאַמאַ — אַ הערלעכער פֿאַרק אין דרום־מזרח זייט פֿון בוענאָס איירעס". פֿאַר אַ פֿאַרק פֿון אַ שטאָט אין אַ דרום־אַמעריקאַניש לאַנד, וואָס פֿאַרמאָגט אַזעלכע הערלעכע שפּאַציר־פּלעצער ווי די פֿון פּאַלערמאָ, און וווּ פּלאַסעס און פֿאַרקן זענען דאָ לרוב, איז דאָס אַ גרויסע מדרגה; משמעות אַז דער פֿאַרק פֿאַרמאָגט עפּעס אַזוינס וואָס דערהויבט אים צום ראַנג פֿון די אויסדערוויילטע זאַכן, וואָס פֿיגורירן אין די ענציקלאָפּעדיעס און ווערטער־ביכער.

דער פֿאַרק לעסאַמאַ איז בכן נישט גלאַט אַ פֿאַרק, ווי אַנדערע פֿאַרקן: עס איז אַ שפּאַציר־פּלאַץ מיט אַ יחוס־בריוו, מיט אַן אייגענער מעטריקע אַזוי צו זאָגן; פֿאַרק לעסאַמאַ געפֿינט זיך אויף יענעם פּלאַץ וווּ עס איז צום צווייטן מאָל געבוירן געוואָרן די וועלט־שטאָט — בוענאָס איירעס.

פּלאַסאַ דע מאַזשאָ

אויסערלעך איז פּלאַסאַ דע מאַזשאָ אייגנטלעך ענלעך אויף װעלכער ס'נישט איז אַנדער פּלאַסע. די זעלבע סטעזשקעס אויסגעשיט מיט צע־מאַלענעם ציגל־שטויב, די זעלבע פּאַרגליווערטע מאַרמאָרנע בענק, וואָס וואַרטן אויף אַ מידן דורכגייער ער זאָל קומען און זיך צוזעצן אויף זיי; די זעלבע פיין־אַרומגעשניטענע גראָז־באַצירונגען און בלומען בייטן. מיט איין וואָרט דער זעלבער שאַבלאָן פון אַ בעסערער אָדער ערגערער פּלאַסע דאָ אין ב' איירעס צי אפילו ערגעץ אין אַ פּראָווינץ־שטאָט.*)

און דאָך — אַז מען שטייט אויף דער דאָזיקער פּלאַסע, האָט מען אַבסאָלוט אַן אַנדער געפיל ווי אין אַ צווייטן פּלאַץ פון דעם מין.

אָנשטאָט צו פילן דעם שפּילעוודיק־לייכטן פּלאַסע־אַמביענט ווי מיר זענען עס געוווינט ערגעץ אַנדערש צו פילן, פילט מען אויף פּלאַסאַ דע מאַזשאָ אַ מין ערנסט. עפּעס שמעקט עס דאָרטן מיט דער לופט פון געשיכטע, פון טראַדיציע; פּלאַסאַ דע מאַזשאָ דערציילט נישט פון קיין ליבע חלומות פון יינגלעך־מיידלעך; זי דערציילט נישט ווי אַנדערע פּלאַסעס פון שפּילעוודיקער קינדער פרייד. זי דערציילט אונדז פּסוקים פון דער אַרגענטינער געשיכטע, פון אירע העלדן... און פון פאַרביטערטע פּאַרטיי־איש־פּאָליטישע קאַמפן.

און דאָס דאָזיקע געפיל בנוגע פּלאַסאַ דע מאַזשאָ איז נישט סתם איינ־רעדעניש: דאָס דאָזיקע פּלאַץ פּאַרמאָגט אויסערלעכע עפעקטן דורך וועלכע עס לאָזט זיך אַזוי דענקען וועגן איר, און זי אַזוי באַטראַכטן.

דאָס רעגירונגס הויז, וואָס שטייט צו מזרח צו, ווען מען זאָל אפילו נישט וויסן, אַז דאָס איז דער בנין פון דער העכסטער אינסטיטוציע אין

---

*) דער רעפּאָרטאַזש איז געשריבן געוואָרן אין 1938. היינט האָט די פּלאַסע נישט קיין בלומען־ און גראָז־בייטן.

לאַנד, וואָלט געצויגן אייער אויפמערקזאַמקייט סיי מיטן פּאַרעלטערטן אָריגינעלן בוי סטיל, סיי מיטן ראַזעוון קאָליר פון נישט דערבאַקענע ציגל, און סיי מיטן אָפיציעלן ערנסט.

די אָריגינעלקייט פון דער דאָזיקער מערקווירדיקער געביידע, לויטן קאָליר, לויטן געבוי און לויטן ערנסט, וואָס שוועבט אַרום איר, וואָלט אין כאַראַקטעריסטיק נישט געקאָנט פאַרביטן ווערן מיטן שענסטן פּאַלאַץ ווען ער וואָלט דאָרטן געשטאַנען.

די דאָזיקע אָט דערשיינונג אַליין וואָלט שוין גענוג געווען צו באַרעכטיקן די ערנסטע שטימונג וואָס שוועבט אום אויף דער פּלאַסע וואָס קעגנאיבער, אָבער עס זענען פאַראַן נאָך עפּעקטן וואָס פאַרשטאַרקן דעם דאָזיקן אויסדרוק.

שטייט זיך אין סאַמע מיטן פון דעם פּלאַץ אַ ווייסע סטאַטוע אויף אַ ווערטיקאַלן פּיעדעסטאַל, אויף וועלכן עס איז אויסגעקריצט דער דאַטום „25 דע מאַזשאָ 1810”. שטיל שטייט זי די דאָזיקע סטאַטוע מיטן כאַראַקטעריסטישן מיצל אויף קאָפּ, צו אירע פיס ליגן די שקלאַפן קייטן צעריסענע, און קוקנדיק ערנסטע צו מזרח צו, אַהין וווּ עס שטייט דאָס רעגירונגס־הויז, מאַכט זי דעם איינדרוק אַז... זי וואַכט, דאָס די צעריסענע קייטן זאָלן צוריק נישט צענויפגעשמידט ווערן.

ווי געזאָגט, וואָלט שוין דאָס רעגירונגס הויז מיט איר אָריגינאַליטעט און ערנסט, געווען כאַראַקטעריסטיש גענוג פאַר פּלאַסאַ דע מאַזשאָ. פאַרמאָגט אָבער די פּלאַסע נאָך עפּעס, וואָס לאָזט נישט צו אַהין קיין שפּילעוודיק לייכטן שטריך:

דאָס איז די קאַטעדראַלע!

און מערקווירדיק: אויך דאָס דאָזיקע הויז, וועלכעס איז די העכסטע אינסטאַנץ פונעם אַרגענטינער קאַטאָליציזם, איז לויטן געבוי און קאָליר אָריגינעל.

אַ קירכע און דערצו נאָך אַ הויפּט־קירכע, אַ קאַטעדראַלע, זענען מיר געוווינט צו זען מיט אַ הויכן גלאָקנטורעם פונפאַרנט. מיט אַ הויכן פּאַראַדנעם אַריינגאַנג: איבערהויפּט זענען די דאָזיקע קירכעס כאַראַקטעריסטיש מיט זייער גאָטישן סטיל, מיט די קאַנטיקע טורעמלעך, מיט די שופּנאַרטיקע געדעקטע דעכער מיט זייערע אַרקאַדן־פאָרמיקע פענצטער

און דער עיקר, מיט זייער הויכקייט וועלכע אימפּאָנירט; די בוענאָס אײַרעסער קאַטעדראַלע פאַרמאָגט קיין זכר נישט פון די אויסגערעכנטע שטריכן, אַזוי אַז ווען מען זאָל איינעם נישט זאָגן, אַז דאָס איז אַ קאַטעדראַלע, וואָלט ער עס זיכער נישט אָנגענומען אַלס אַ קירכע, נאָר אַלס סתם אַן עפנטלעכע רעגירונגס געביידע, וואָס שטייט צוליב עפּעס געשלאָסן.

אין קעגנזאַץ צו אַנדערע קירכעס, ליגט די קאַטעדראַלע אַ ברייטע, צעלייגטע, אָנגעלענט אויף אַ מעכטיקער קאָלומנאַדע ביים פּראָנט און קוקט זיך צו צום גוואַלדיקן גאַסן־פּאַרקער ארום זיך... אַז מען שטייט קעגנאיבער אויף דער פּלאַסע און מען באַטראַכט די דאָזיקע טונקל־געלע געפּארבטע געביידע מיט אירע לאַטייניש־קאַטוילישע פּסוקים און עמבלעם אויפן פון ליכט פאַרשטעלטן פּראָנט, וואָס שטייט מיט פאַרריגלטע און געשלאָסענע סאָלידע טירן, ווילט זיך קוים גלויבן אַז דאָ קאָנצענטריט זיך די גאַנצע מאַכט פון דער וואַטיקאַנישער ממשלה אין אַרגענטינע...

און דער צושויער, וואָס קומט אויף פּלאַסאַ דע מאַזשאָ נישט גלאַט שפּאַצירן נאָר עפּעס זען, שטייט און קוקט זיך צו, צו די צוויי מערקווירדיקע געביידעס און פרעגט:

— וועלכע פון די ביידע פאַרמאָגט מער מאַכט? וועלכע פון די ביידע פאַרמאָגט מער איינפלוס אויפן פאָלק?...

און דער ענטפער איז לאָגישער־ווייזע אַ קאָמפּראָמיסלעכער, אַ פּשרה־דיקער...

— איינע די אַנדערע דערגאַנצן זיך... די דאָזיקע צוויי געביידעס אַרבעטן צוזאַמען. שטיצן און שפּאַרן זיך אָן איינע אויף דער אַנדערער און דעריבער איז זייער מאַכט אַזאַ גרויסע און דעצידירנדיקע. ביידע צוזאַמען זענען זיי אַ גרויסע מאַכט, באַזונדער זענען זיי נישט אַזוי מעכטיק ווי מען מיינט.

***

פּלאַסאַ דע מאַזשאָ געפינט זיך אויף אַ פּונקט, וווּ דער שטאָט־פּאַרקער צעצווייגט זיך אין אַלע זייטן אַריין און דער אימפּעטפולער ריטם פון דער

גרויסער מעטראָפּאָליע דערגרייכט דאָרטן זיין הויכפּונקט. אַן אַרומגע־רינגלטע פון רעגירונגס־געביידעס, בענק און גרויסע האַנדלס־הייזער, פילט מען דאָרט דעם אָטעם פון צענטער, פון מיטלפּונקט, וואָס גיט דעם טאָן פאַר דעם גאַנצן לעבן פון לאַנד. דאָס רעגירונגס־הויז, די קאַטע־דראַלע, דער היסטאָרישער קאַבילדאָ, די מאַי־סטאַטוע, געבן דעם פּלאַץ צו אַ מין כאַראַקטער פון אָפיציאַליטעט, אָבער עס פעלן נישט אויף דער דאָזיקער פּלאַסע קיין שטריכן וואָס געבן איר דעם כאַראַקטער פון פאָלקסטימלעכקייט. די דאָזיקע אָט פּלאַסע האָט געזען אין משך פון איר געשיכטע די מאַסנהאַפטסטע פאָלקס־פאַרזאַמלונגען, באַזונדערס פאַר די לעצטע יאָרן, ווען הונדערטער טויזנטער מענטשן פאַרזאַמלען זיך אויף איר ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן און בעת וועלכע דאָס פאָלק און די פי־רער פונעם פאָלק רעדן זיך דורך פנים אל פנים, אַזוי צו זאָגן.

די דאָזיקע היסטאָרישע פּלאַסע פאַרמאָגט אויך אייניקע טשיקאַווע שטריכן, וואָס זענען אפשר איינציק אין זייער מין. איינער פון זיי, זע־נען די הונדערטער טויבן וואָס שפּאַצירן זיך דאָרט אַרום פראַנק און פריי. די דאָזיקע טויבן זענען אַזוי צוגעוווינט צו די מענטשן, אַז זיי האָבן קיין מורא נישט צו באַקומען שפּייז פון יעדנס האַנט. דער מנהג צו האָ־דעווען די דאָזיקע טויבן איז אויף פּלאַסאַ דע מאַזשאָ אַזוי פּאָפּולער, אַז עס געפינען זיך דאָרטן ספּעציעלע שטעלכלעך וואָס פאַרקויפן קערנער, ווי מאַיס און פראָסע, אויף צו האָדעווען די טויבן. דער דאָזיקער נאָבעלער מנהג און דאָס פרידלעכע צוזאַמענלעבן צווישן די טויבן און די מענטשן, האָט, הייסט עס, געשאַפן באַדינגונגען פאַר אַ ספּעציעלן מסחר, ווי דאָס איז דער פאַרקויף פון קערנער, וואָס גיט דער דאָזיקער פּלאַסע צו אַ מערקווירדיק עקזאָטישן כאַראַקטער. אויף דעם פּלאַץ ווו דאָס אָפיציעלע און אורבאַנישע דערגרייכט דעם הויכפּונקט, איז דאָס האָדעווען טויבן זייער סימבאָליש.

**
*

אַז מען שטעלט זיך אַוועק אויף פּלאַסאַ דע מאַזשאָ מיטן פּנים צו צפון־מערב און מען באַטראַכט די צוויי גרויסע צענטער־גאַסן אַווענידאַ דע

מאַזשאַ און דיאַגאַנאַל נאַרטע, זעט מען בפועל ממש צוויי ריכטונגען פון דעם לעבן:

אַווענידאַ דע מאַזשאַ מיט אירע ריזן געביידעס פון פאַרעלטערטן סטיל, איז טונקל גרוי. זי זעט אויס ווי אַ טיפער באַרג דורכשניט, וווּ עס לויפן כסדר באַנען און לאָזן שפּורן פון זייער רויך... אַלט און נעכטיק זעט זי אויס די מיוחסת פון דער הויפּטשטאָט. און עס איז כאַראַקטעריסטיש אַז די דאָזיקע צענטער־גאַס איז אין פּראָפּאָרץ נישט געננוג באַלויכטן. און אַז מען גייט דאָרטן אין אָוונט, האָט מען דאָס געפיל, אַז נישט די לעמפּלעך באַלייכטן די גאַס, נאָר די גאַס מיט איר טונקעלער גרויקייט פאַרטונקלט די באַלייכטונג...

אין קעגנזאַץ צו דעם, איז דער דיאַגאָנאַל ראָקע ס' פעניאַ לויטן געבוי אין אַלע פּרטים אַנדערש: שטרעקן זיך די האַלבע וואָלקנקראַצערס, העלע, ווייסע, אין הימל אַריין; די פּראַנטן פון די געביידעס, אין קעגנזאַץ פון די פון אַווענידאַ דע מאַזשאַ, וועלכע זענען באַדעקט מיט אָרנאַמענטן און רעליעפן, זענען דאָ גלאַטע און איינפאַכע און דערמאָנען אין אַ איינפאַך, לאַנג זיידן קליידל אויפן קערפּער פון אַ מאָדערנער פרוי... און די באַלויכטונג אויף דער דאָזיקער ב' איירעסער אַווענידאַ, וועלכע איז דאַכט זיך נישט גרעסער ווי אויף אַווענידאַ דע מאַזשאַ, ווירקט עפּעס אַזוי לעבעדיק און צוציענדיק, אַז מען האָט דאָס געפיל, אַז די גאַס געביידעס קאָאָפּערירן אין באַלייכטונג מיט די לעמפּלעך... און די גאַס ווערט ביי איר גאַנצער ברייטקייט און נייקייט נאָך ברייטער און פרישער.

...עס איז דער פרישער לעבעדיקער אָטעם פון יוגנט, וואָס שטרעקט זיך צו די הויכקייטן. עס איז די חנעוודיקע פרישקייט פון אַ שיינער טאָכטער, וואָס גייט געאַרעמט מיט איר אַמאָל שיינער און היינט אַביסל פאַרעלטערטער מוטער... דאָס איז דער אמתער פאַרגלייך פון די צוויי גרויסע גאַסן, וואָס זעען אויס אין דער פּערספּעקטיוו פון פּלאַסאַ דע מאַזשאַ ווי צוויי צענומענע הענט, מיט וועלכע די באַרימטע פּלאַסע האַלט די מעכטיקע לייצעס, מיט וועלכע זי פירט אָן די הויפּטשטאָט און דאָס גאַנצע לאַנד...

פלאָרידאַ — אַ גאַס מיט אַ „ראָזשינקע“

פלאָרידאַ צווישן זעקס און אַכט אין אָוונט — אַן עקסטראַקט פון דעם דור־הפלגה, וואָס הייסט בוענאָס איירעס.

שילדערן פלאָרידאַ פון זעקס ביז אַכט אינאָוונט, איז דאָס זעלבע וואָס באַשרייבן דעם כאַאָס, אַזוי־ווי אָבער דער דאָזיקער שטריך איז דער כאַראַקטעריסטישער פאַר דער דאָזיקער מערווירדיקער ב׳ איירעסער גאַס, וועלן מיר אים פּרוון „דעשיפרירן“.

עס פעלן נישט אין בוענאָס איירעס קיין מענטשן־מאַסן אויף די צענטראַלע גאַסן, אָבער דאָס וואָס מען זעט אויף פלאָרידאַ פון זעקס ביז אַכט, איז נישט קיין מענטשן־מאַסע, נאָר זעט גיכער אויס ווי אַ סטאַדע פי, וועלכע מען האָט פון ערגעץ אַרויסגעלאָזט; דאָס איז עפּעס אַזאַ לאַווע וואָס ציט לאַנגזאַם, קרייצט זיך לענגאויס און ברייטאויס דער דאָזיקער שמאָלער גאַס, וואָס שמאַכט צווישן אַ געטומל פון מענטשן־מאַסן און זשמורעט אַ פאַרפלייצטע אויס אַ געבליץ פון אַ אומבאַשרייב־לעכן רעקלאַמע־כאַאָס, מיט אירע עלעקטרישע לאָמפּן און שילדן.

אויף פלאָרידאַ איז אַלץ צופיל, אַלץ אומפּראָפּאָרציאָנעל; עס איז אויך גרויס און אויסערגעוויינלעך געדיכט די באַוועגונג אין די דערמאָנטע אָוונט־שעהען, וועלכע דערמאָנט בשום אופן נישט אין קיין גאַסן־באַוועגונג, נאָר אין אַ יריד, אַ מאַרק־טאָג, ווהין מענטשן קומען זיך צונויף און ווילן אין איילעניש אַלץ אָפּטון, איינהאַנדלען און אַנטלויפן. דערפאַר אַזאַ שטופּעניש, טומל און געדרענג.

***

אויב דער מענטשן־געדרענג אין די אָוונט־שעהען סימבאָליזירט דעם כאַאָס, איז דער דאָזיקער שטריך ממש אומבאַשרייבלעך, וואָס שייך דער רעקלאַמע אויף פלאָרידאַ. דאַכט זיך אַז אויף קיין שום בוענאָס איירעסער

גאַס אָדער געגנט, גיט מען נישט אויס אַזוי אומזיסט דאָס געלט פאַר ליכט־רעקלאַמע ווי אויף פלאָרידאַ; דאָ איז אפשר מער ווי אומעטום אָנגעמאָסטן דאָס ווערטל אַז „צוליב דעם וואַלד זעט מען נישט די ביי־מער". אויף פלאָרידאַ מאַכט קיין שום עפעקט נישט די ליכט־שילד. מיר דוכט זיך, אַז דאָס בעסטע רעקלאַמע־מיטל וואָלט דאָרט געווען אינ־גאַנצן אויסצולעשן דאָס עלעקטרישע ליכט און לאָזן ברענען בלויז אַ — קאַנעצל... דאָס וואָלט זיכער צוגעצויגן דעם עולם.

זיי אַ שטייגער אַ בריה און אָריענטיר זיך אין וואָס בעסער איז פון די אַלע רעקלאַמעס, אַז אַלע בליצן דיר אין אויג אַריין, אַלע ווינקען צו דיר ווי די קאָקאָטעס, עפּעס אַזוי שרייעריש און פרעך; איז איינע בלוט־פייערדיק־רויט און שיט מיט גאַנצע הויפנס רובינען אין דער שוואַרצער נאַכט אַריין, צעשפּריצט זיך אַ צווייטע מיט געלע ליכט־סנאָפּעס, וואָס דערמאָנען אין נייע, נאָך נישט גענוצטע בעזעמער, וואָס קערן אָן אויפהער די טונקלקייט אין רוים; אַ דריטע שילד, אַ בלויאינקע, ווינקט צו דיר און רעדט דיר איין עפּעס אַן אידיליע פון די גרעסטע מציאות וואָס דו וועסט קריגן, אויב נאָר דו וועסט אַריבערטרעטן די שוועל פון דער קראָם איבער וועלכער זי הענגט; און אָט הענגט דאָרט אַ פייערדיק רויטע שילד און קוקט זיך אומבאַוועגלעך צו צום אַרומיקן עלעקטרישן געווירבל און אַ צווייטע קיילעכדיקע שילד, מאַכט דעם איינדרוק פון אַן אויפגייענדי־קער פולער לבנה אויפן האָריזאָנט. אָבער דעם רעקלאַמע־כאַאָס אויף פלאָ־רידאַ איז אוממעגלעך צו באַשרייבן; דאָס דאַרף מען זען.

אָבער נישט בלויז די ליכט־רעקלאַמע אויף פלאָרידאַ שטעלט מיט זיך פאַר איין ריזיקע דיספּראָפּאָרץ. אַלץ איז דאָרט אָן אַ שום פּראָפּאָרץ אוועקגעשטעלט; איינגאַנצן באַשטייט דער האַנדלס־צענטער אויף פלאָרידאַ פון אַזעלכע 6 אָדער 8 קוואַרטאַלן, און — ווי אָנגעפּראָפּט מען האָט זיי! אויף איינעם פון די סאַמע צענטראַלסטע קוואַרטאַלן אויף פלאָרידאַ, האָב איך איבערגעציילט נישט ווייניקער ווי אַכט גרויסע שיך־געשעפטן, וועל־כע האָבן אין זייערע ריזיקע שויפענצטער אויסגעשטעלט אַ היפּש ביסל בהמות און חיות אין דער פאָרעם פון — שיכוואַרג; און אַלע שרייען זיי מיט באַנומענע קולות, אַז נאָר ביי זיי קריגט מען דאָס שענסטע און דאָס בעסטע וואָס מען קאָן פאַבריצירן פון אַן אָראָפּגעשונדענער פעל...

און אַט אַזוי גייט דאָס דאָזיקע צעטל פון דיספּראָפּאָרץ אויף פלאָ־רידאַ, אויף וואָס פּאַראַ געביט נאָר איר ווילט. אויב אין אַן אַנדער געגנט פון בוענאָס איירעס וועט איר נישט קריגן אַ געווים אַרטיקל פאַר אַ רפואה אפילו, וועט איר עס אויף פלאָרידאַ קריגן אין זיבן געשעפטן וועלכע געפינען זיך אויף איין זייט פון איין קוואַרטאַל. אַלץ איז דאָרט אַוועקגע־שטעלט בשפע. אויף יעדער געביט הערשט אַן „איבער־פּראָדוקציע"; מיט דער עלעקטרישער ענערגיע מיט וועלכער פלאָרידאַ רעקלאַמירט איר באַ־רימטקייט, ס׳רוב מאָל אומנוצלעך, וואָלט מען זיכער געקאָנט באַלייכטן עטלעכע בוענאָס איירעסער גאַסן, וואָס שמאַכטן נאָך אַן עלעקטריש לעמפּל.

**
*

אַ באַזונדער קאַפּיטל אויף פלאָרידאַ זענען די צייטונגען און זשור־נאַלן; בוענאָס איירעס בכלל פאַרנוצט אַ סך פון דער דאָזיקער גייסטיקער שפּייז, אָבער דאָס וואָס מען זעט אויף פלאָרידאַ גרענעצט זיך מיט פאַר־שווענדערישקייט; דאָ שטופּט מען אייך ממש אין פּנים אַריין אַלערליי צייטונגען און זשורנאַלן, ליטעראַרישע אויסגאַבעס, פאַמיליען־מאַגאַזינען, און אַלערליי „ווערק", פאַר דער קיך, פאַרן טואַלעט, פאַרן שלאָפצימער, ווערטער־ביכער, דורך וועלכע איר קאָנט אין 15 טעג זיך „אויסלערנען" ענ־גליש, פראַנצויזיש, דייטש און אַנדערע שפּראַכן, „ווי אַ וואַסער". און די דאָזיקע „ליטעראַטור" ווערט דאָרט אָנגעבאָטן אויף אַזאַ הילכיקן און לעבעדיקן אופן, אַז עס רייסט אויף דאָס געהער.

ביים אַריינגאַנג פון אַ קאַפע־הויז האָב איך געזען צייטונגען, זשור־נאַלן, פּאַסקווילן און „ליטעראַטור" אָנגעוואָרפן אין אַזעלכע הויפנס, אַז אפילו פאַר פלאָרידאַ איז דאָס געווען טשיקאַווע. דאָס האָט מיר אַרויפ־געבראַכט אויפן זכרון אַ קאָרעספּאָנדענץ, וואָס איך האָב געלייענט פון ווייטן טשאַקאָ, וווּ עס האָט זיך דערציילט אַז אַ יינגל איז געפאָרן רייטנ־דיק גאַנצע 40 קילאָמעטער אויף אָפּצונעמען אויף דער פּאָסט די צײַ־טונג, וועלכע קומט אָן פון בוענאָס איירעס; דאָ זענען געלעגן צייטונגען וואָס זענען מיט 15 מינוט פריער ערשט, אַרויס פון דער דרוק־מאַשין און וועלכע עס האָט דערוואַרט אַ צוקונפט פון ליגן שפּעטער מיט אַ פּאָר שעה „איבערגעלייענטע" ערגעץ אונטער אַ בענקל פון אַ טראַמוויי, און

דאָרט האָט זיך אַ יינגל געשלעפּט 40 קילאָמעטער רייטנדיק אויף אָפּצו־נעמען די צייטונג אויף דער פּאָסט, וועלכע האָט זיך אַהין געשלעפּט דריי טעג פון ב׳ איירעס...

איך האָב, וואָס אַן אמת, מער מקנא געווען די צייטונג פון טשאַקאָ, ווי די וואָס מען פאַרקויפט אויף פלאָרידאַ, ווייל די לעצטע באַפרידיקט על פי רוב נישט מער ווי די וואולגאַרע געוואונהייט פון אַן איבערגעזעטיקטן, גרויסשטאָטישן סנאָב, וועלכער קויפט עטלעכע מאָל אין טאָג אַ צייטונג אויף צו כאַפּן אַ קוק אויף די קעפּ אָדער אין דער ספּאָרט־אָפּטיילונג, דאַן ווען יענע וואָס דערשלעפּט זיך קיין טשאַקאָ, באַפרידיקט די גרויסע בענ־קעניש פונעם ווייטן, פאַרוואָרפענעם פעלד־מענטש נאָך אַ געשריבן וואָרט אויף צו שטעלן זיך דורך דעם אין קאָנטאַקט מיט דער גרויסער וועלט; יענע צייטונג ווארפט מען נישט אַוועק אין אַ פערטל שעה אַרום; זיכער נישט. מען ווארפט נישט אַוועק קיין זאַכן וואָס זענען דער ציל פון אַ גרויסער בענקעניש און די פּראָווינץ, די ווייטע פאַרוואָרפענע פּראָווינץ, בענקט זיכער מער נאָך אַ צייטונג ווי פלאָרידאַ, וו די דאָזיקע סחורה ווערט פאַרשפּרייט אַזוי בשפע, פּונקט ווי אַלץ דאָרט איז פאַראַן אין הויפנס...

***

פלאָרידאַ שיינט און בליצט, אָבער ווער דאַרף דען דאָרטן אַזוי פיל ליכט, אַז בסך הכל קריכט עס שוין צוריק; אויף פלאָרידאַ שטופּט מען זיך און מען טרעט זיך אָפּ די פיס און בסך הכל איז דאָס נישט מער ווי אַן אַלטע און שמאָלע גאַס, דאַן ווען ערגעץ אַנדערש ציען זיך אַזעלכע ברייטע, פּרעכטיקע אַווענידאַס, וואָס בעטן זיך ממש אַז מען זאָל אויף זיי שפּאַצירן. אָבער דאָס שפּאַצירן דווקא אויף פלאָרידאַ, איז ביים עולם שוין פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מין פּסיכאָז, אַ ליידנשאַפט, אַ מאָדע; פלאָרידאַ איז אָפּגעשיט מיט אַלדאָס גוטס, מיט שיכוואַרג, קליידער, ציר־רונג, די שענסטע קרישטאָלענע סערוויזן, פּרעכטיקע קונסט־זאַכן, אַלץ אויסגעשטעלט אַזוי לאָקנד און רייצנד אין די גרויסע שויפענצטער. גייט ער דער קליינבירגער, דער אַרבעטער, דער באַאַמטער אויף פלאָרידאַ, זעט דאָס אַלץ, ווערט פאַרכאַפּט דערפון, אָבער ער קאָן על פי רוב צו דעם

נישט צוקומען. ער שפּאַצירט דאָרט טאָקע אום פריי, אומגעשטערט. מען האָט פאַר אים אפילו אָפּגעשטעלט דעם אויטאָ־פאַרקער אין געוויסע שעהען, אָבער דאָס איז מיינסטנס בכדי צו ווייזן אים אַזעלכע זאַכן, וועגן וועלכע ער קאָן אפילו נישט חלומען...

***

גייט מען אויף פלאָרידאַ פון 6 ביז 8 אינאָוונט, מען באָדט זיך אין אַ ים פון ליכט, וועלכעס מען האָט ווי עמעצן אויף צו להכעיס אויסגעגאָסן אויף די עטלעכע קוואַרטאַלן פון דער דאָזיקער באַרימטער האַנדלס־גאַס. מען שטופּט זיך מיט מי דורך דער מענטשן־מאַסע, וואָס שטראָמט ווי אַ באַפּרייטע סטאַדע שאָף איבערן גלאַטן אַספאַלט פון מיטן־גאַס, מען באַטראַכט די דאָזיקע מאַסע, וואָס איז אומבאַוווסטזיניק אריינגעצויגן אין אַ צווייפלהאַפטער זעלבסטצופרידנקייט; קוקט מען אויף דעם אַלע־מען און מען דערמאָנט זיך אין גאַסן פון בוענאָס איירעס ווו, מיטן צופאַלן פון דער נאַכט ווערן זיי ווי די בית־עלמינס אָפּגעשטאָרבן און זייערע איינוווינער גייען אוים אין בענקעניש נאָך אַביסל ליכט און פרייד; טראַכט מען פונעם יינגעלע פון דער פּאַרוואָרפענער פּראָווינץ, וועלכער איז גע־פאָרן גאַנצע פערציק קילאָמעטער אויף אָפּצונעמען אַ צייטונג; טראַכט מען פון אַ סך זאַכן וועלכע ליגן נישט אויף פלאָרידאַ, נאָר ווייט צעוואָרפן איבער די אַרגענטינער סטעפּעס און פליינען: טראַכט מען פון האָרעפּאַש־ניקעס, וואָס ווױנען אין אַלע ווייטקייטן פון אַרגענטינע און גייען אוים אין בענקעניש נאָך אַביסל פרייד — נאָך אַ צייטונג.

יאָ, פלאָרידאַ איז אַ בוענאָס איירעסער גאַס מיט אַ „ראָזשינקע"...

טשאַקאַריטאַ — אַ געגנט וואָס לעבט פונעם טויט

ווער עס איז באַקאַנט מיט דער כאַראַקטעריסטיק פון דער ריזן־שטאָט בוענאָס איירעס, ווייסט אַז זי איז אייגנטלעך אַ צוזאַמענשטעל פון צענדליקער שטאָט־געגנטן, די אַזויגערופענע „באַרריאָס", און פאָרשטעלט, וואָס יעדע פון זיי פאַרמאָגט אַ באַזונדערן שטריך און צייכנט זיך אויס מיט עפּעס אייגנס. די אינטערעסאַנטקייט פון בוענאָס איירעס באַשטייט אין איר קאָסמאָפּאָליטישן כאַראַקטער, לויט דער אָפּשטאַמונג פון אַ גרויסן טייל פון איר באַפעלקערונג, און אויך אין איר אורבאַנישער איינשטעלונג איז בוענאָס איירעס נישט קיין מאָנאָליטישע שטאָט; יעדער געגנט האָט זיך איר באַזונדערן כאַראַקטער לויט די פונקציעס וואָס זי דערפילט אין דער גרויסער מעטראָפּאָליע. די געגנט טשאַקאַריטאַ איז אין דעם זין איינע די כאַראַקטעריסטישסטע. מיר וועלן עס פּרוּוון אַ שילדער טון.

די געגנט טשאַקאַריטאַ אין איר אַלגעמיינעם אַספּעקט, קאָן כאַראַקטעריזירט ווערן לויט איר אויסערלעכן אויסזען, ווי אַ מין... גרענעץ־סטאַנציע, ווו מען טרעט אַריבער נישט נאָר פון איין לאַנד אין אַ צווייטן, נאָר פון איין וועלט אין אַ צווייטער...

און אויסערלעכע עפעקטן פאַר אַזאַ באַצייכענונג זענען אין טשאַקאַריטאַ פאַראַן לרוב.

שוין די הויכע, דיקע מויער פון דעם ריזיקן צעמענטעריום גיבן צו פילן, אַז כאָטש פון דער זייט וואַנט זידט עס מיטן כאַראַקטעריסטישן ב' איירעסער שטאָט־לעבן, איז עס נישט חל אויף יענער זייט מויער. דאָרט איז שוין „יענע וועלט". טויזנטער אָמניבוסן, טראַמווייען און „קאָלעקטיוון" שטראָמען פון אַלע שטאָט ווינקלען צו דעם דאָזיקן פּלאַץ, גייען אַרום דעם און מיידן עס אויס. דאָס הייסט, אַז דער גאַנצער פאַר־

צווייגטער פּאַרקער אין טשאַקאַריטאַ, האָט אַ וועלכע עס איז שייכות מיט דעם, וואָס געפינט זיך פון יענער זייט מויער...

...דאָס לעבן באַדינט דעם טויט, פאַרנויגט זיך און גייט ווייטער דעם אייביקן וועג...

***

דאָס גרענעץ־אַרטיקע בילד איז אין טשאַקאַריטאַ מערקזאַם אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן. פּונקט ווי אויף אַ גרענעץ־סטאַנציע האָט איר אַלץ צו קריגן וואָס האָט אַ שייכות מיטן קומענדיקן לאַנד, ווי צייטונגען, ביכער, וואַליוטע און אַזוי ווייטער, אַזוי האָט איר אין טשאַקאַריטאַ אַלץ צו קריגן, וואָס האָט אַ שייכות מיט — יענער וועלט, מיטן טויט...

דער קולט פאַרן טויט, איז דער טיף רירנדיקער מאָמענט וואָס וואַרפט זיך אין די אויגן אין יענער געגנט פון דער שטאָט בוענאָס איירעס.

צווישן די גרויסע מענטשן־מאַסן, וואָס מען קאָן דאָרטן כסדר זען, איז דער שוואַרצער טרויער־קאָליר פון דער הלבשה, דער אויסערלעך־פּלאַס־טישער אויסדרוק פון דער שטימונג, די קבר־שטימונג.

ווי יעדע אַנדערע געגנט מיט איר קאָמערציעלע צי אינדוסטריעלע שטריכן, האָט טשאַקאַריטאַ איר ביז גאָר כאַראַקטעריסטישע געגנט־אינ־דוסטריע און קאָמערץ — אַ אינדוסטריע און האַנדל וואָס האָט אַ שייכות מיטן — טויט.

אין טשאַקאַריטאַ קאָן מען אויף אַ ריזיקן שטח אַרום, זען די טיפּישע פאַר יענער געגנט מצבה־אינדוסטריע. הונדערטער גרעסערע און קלענערע טאַזשערן פון שטיין און מאַרמאָר זענען דאָ פאַראַן. און איר קאָנט אין די שויפענצטער זייערע זען, פונעם פיינסטן מאַוזאָליי, פון אויסלענדישן מאַרמאָר אויסגעהאַקט, ביז דעם איינפאַכסטן אייזערנעם צלם, מיט אַ „האַרץ" פון אַ שטיקל בלעך צוגעניטעוועט אין דער מיט. איר קאָנט דאָרט טרעפן פון די פיינסטע מאָנומענטן ביז די איינפאַכסטע שטיין־צלמים. און מערקווירדיק איז, אַז אפילו נאָכן טויט זענען די רייכע די „פּריווילעגירטע": אויף זייערע מאָנומענטן, מאַוזאָלייען און נישעס, סטאַרעט מען זיך צו „פּאַרזיסן" זיי דעם טויט מיט פאַרשידענע אָרנאַ־מענטן און סימבאָלן.

עס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, מען באַצאָלט דערפאַר... אָבער דעם בעסטן ענטפער אויף דער אייביקער נישט פאַרענטפערטער פראַגע פונעם טויט, גיבן דאָך די איינפאַכערע, סענטימענטאַלע אייזערנע צלמים... זיי זענען איינפאַך, קאַלט און שטום — ווי דער טויט.

אין טשאַקאַריטאַ־געגנט זענען פאַראַן אויך זאַכן, וואָס האָבן אַ שייכות צום לעבן: איר האָט דאָרט גרויסע קאַפע־הייזער, שפּיל־הייזער און גלאַט גרויסע קראָמען, אָבער דעם אייגנאַרטיקן טאָן, גיט דאָרט פאָרט די קבר־אינדוסטריע; די אין די שויפענצטער אויסגעשטעלטע טויטנ־קאַסטנס, קאַנדעלאַברעס מיט איינגעשטעקטע ליכט און אַנדער קלאַפּער־געצייג וואָס האָט אַ שייכות מיטן טויט, וואַרפן אַן עפּעס אַ מאָדנע שטי־מונג אויפן דורכגייער.

איר קאָנט דאָרטן זען די פאַרשידנסטע וואַריאַציעס פון טויטן־קאַסטנס, פון די בעסטע דעמבענע מיט בראָנז באַצירטע פונדרויסן און מיט אַלומיניום אויסגעקלאַפּטע פון אינווייניק טרומנעס ביז די איינפאַכסטע יאָדלענע אויף גיך אָפּגעשמירטע קאַסטנס...

...פונקט ווי אין טעאַטער, ווייך געבעטע בענקלעך און האַרטע זיצ־פּלעצער. נישט מער, דאָ אין טשאַקאַריטאַ איז די „דיסטאַנץ" פונעם „ספּעקטאַקל" פאַר אַלעמען אַלציינס...

אָבער דער שפּיץ פונעם קולט פאַרן טויט אין געגנט טשאַקאַריטאַ איז דער בלומען־האַנדל. דער דאָזיקער האַנדל אויף צו זעטיקן דעם יראת הכבוד פאַרן טויט מצד די לעבעדיקע, ווען מען באַטראַכט אים מן הצד, דערמאָנט ער אין אַן ענלעכן האַנדל וואָס האָט צו טון דירעקט מיטן לעבן — עס דערמאָנט אין אַן אָפענעם שפּייז־מאַרק אויף די גאַסן פון בוענאָס איירעס.

אויף צו זען דעם דאָזיקן ריזן־האַנדל מיטן טויט־געפיל אין זיין גאַנצן פאַרנעם, דאַרף מען אַראָפּפאַלן קיין טשאַקאַריטאַ אין אַ זונטיק אינ־דערפרי. צווישן דעם גוואַלדיקן שטראָם מענטשן־מאַסן מיט זייער על פּי רוב שוואַרצער הלבשה וואָס גייען באַזוכן די קברים פון זייערע נאָענטע, טיילן זיך אויס די בלומען פאַרקויפער מיט זייער ווייסער קליידונג, מיט זייערע געשרייען און מיט זייער — חוצפּה.

דאָרט, אין אָנבליק פון די בלומען שטעלעכלעך, אין דער אָנוועזנהייט פון דער הונדערט־פּראָצענטיקער קרעמערישקייט און פּראַקטישקייט פון די בלומען־הענדלער, צערינט דאַכט זיך די גאַנצע הייליקע שטימונג פון די, וואָס גייען באַזוכן די קברים פון זייערע נאָענטע נפטרים.

אויב לייגן בלומען אויפן קבר פון אַ נאָענטן, האָט עפּעס צו טון מיט „נשמה באַהעפטונג", מיט אַריבערטראָגן זיך אין „הימלישן קעניג־רייך" פונעם טויטנס אַמביענט, איז דאַכט זיך דער בלומען־האַנדל אין טשאַקאַריטאַ, דאָס שטאַרקסטע מיטל אויף אויסצוניכטערן זיך פון אַזוינע אינספּיראַציעס, ווייל ביים איינקויפן בלומען, געפינט מען זיך הונדערט־פּראָצענטיק אין דער קעניגרייך פון קרעמערישקייט.

בכלל זענען די בלומען־הענדלער ספּעצן אויסצונוצן די שטימונג ביי זייערע קליענטן. זיי דערקענען שוין וואָס מען דאַרף איינעם אָנבאָטן און וואָס מען דאַרף ביי איינעם... באָטן. און לאָזט זיך עמעצער צוגיין צו די שטעלעכלעך, באַפאַלט מען אים מיט אַזאַ רעש, אַז דער קונה ניכטערט זיך אויס פון זיינע „הייליקע שטימונגען" און זיין איינציקער ווילן איז, וואָס גיכער פּטור צו ווערן פון דעם קרעמערישן האַרמידער.

***

פּונקט ווי אַלע אַנדערע געגנטן בוענאָס איירעסער, האָט טשאַקאַריטאַ אירע אייגענע שטריכן. און דער כאַראַקטעריסטישסטער פון דאָרט איז, אַז דאָס לעבעדיקע טשאַקאַריטאַ נוצט אויס דאָס טויטע אויף צו מאַכן — אַ לעבן. דעריבער, אַז מען פאַלט אַהין אַראָפּ, וואַרפט זיך באַלד אין די אויגן דער קולט פאַרן טויט. אין די שויפענצטער פון די מאַרמאָר טאַ־זשערן, וואַרטן די מצבות אויף זייערע רייכע און אָרעמע קליענטן. אין די סטאָלערייען גרייט מען טויטנקאַסטנס. די בלומען־הענדלער גרייטן צו בלומען, דאָס לעבעדיקע בוענאָס איירעס, קומט אַ ראַשיקס צו ביז צו דער גרויסער מויער פון דעם גרויסן קריסטלעכן בית־עלמין, כאַפּט אַ קוק אויף איר, גיט אַ טראַכט וואָס פון יענער זייט איז... און פאָרט ווייטער. דער שטראָם וואָס רופט זיך בוענאָס איירעסער לעבן, גייט ראַשיק פאַר־ביי, ווייל דאָס טויטע טשאַקאַריטאַ איז פאַרן לעבעדיקן ב' איירעס אַן

עפּיזאָד, אַ וויכטיקער, אַ וואַגיקער, אָבער נישט איר הויפּט אינהאַלט. דער הויפּט אינהאַלט פון בוענאָס איירעס איז איר לעבעדיקע אַרבעטס־זאַמקייט, אויף אַזוי פיל אינהאַלט, אַז אַפילו אין טשאַקאַריטאַ געגנט אין שכנות מיטן טויט איז עס קענטיק.

טשאַקאַריטאַ פון דער זייט מויער רעשט, לויפט און אַרבעט, ווייל עס איז אַ טייל פונעם לעבעדיקן בוענאָס איירעס...

אין דעם „טאָג פון די טויטע“

ראָמען ראָלאַן זאָגט ערגעץ, אַז דאָס האַרץ פון יעדן איינציקן מענטשן שטעלט מיט זיך פאָר אַ בית־הקברות; װעגעטאַריאַנער זאָגן דאָס זעלבע וועגן דעם מענטשלעכן מאָגן. אָבער אין איצטיקן פאַל שטעלן מיר דעם טראָפּ נישט אויף דעם וועגעטאַריאַנישן סענטימענטאַליזם, נאָר אויף ראָלאַנס עפּישער פילאָזאָפיע — דאָס האַרץ פון יעדן איינציקן מענטשן איז אַ שטיק בית־הקברות, צו דערפאַר, וואָס עס ווערן דאָרטן באַגראָבן נישט דערפולטע טרוימען און האָפענונגען אָדער איבער עפּעס אַנדערש, — אַזוי איז עס.

איך בין בטבע נישט קיין אָנהענגער פון באַשרייבן בית־עלמינס; אין דער הינזיכט בין איך אַ תּלמיד און פולשטענדיקער אָנהענגער פונעם גרויסן מאַקסים גאָרקי, וועלכער האָט אין זיינע ווערק געשענקט ווייניק אויפמערקזאַמקייט דעם טויט. גאָרקי האָט ממש באַוווסטזיניק איגנאָרירט דעם טויט אין זיינע ווערק. אַלע זיינע העלדן, צי זענען זיי באָסיאַקעס, אינטעליגענטן, אַרבעטער, פּויערים אָדער סוחרים, ווערן ביים לעבן געשילדערט אַלזייטיק פיזאָלאָגיש, מאָראַליש און גייסטיק; שטאַרבן זיי, האָט גאָרקי פאַר זיי אַ פּאָר שורות. געשטאָרבן — באַגראָבן.

מ. גאָרקי איז גערעכט; דער טויט פאַרמאָגט נישט יענע פילזייטיקייט פונעם לעבן, אַז עס זאָל כדאי זיין צו שענקען אים אַזוי פיל אויפמערקזאַמקייט און באַשרייבן; אין איצטיקן פאַל אָבער האַנדלט זיך נישט וועגן טויט גופא, נאָר וועגן דעם קולט, וואָס די לעבעדיקע האָבן אַרום אים געשאַפן. וועגן דעם קולט און וועגן דעם — מסחר.

**
*

דאָס בילד אַרום דעם גרויסן בית־עולם פון טשאַקאַריטאַ איז באמת געוועזן אַן אימפּאָזאַנטס; איך וואָלט געזאָגט אַ טראַגיש־אימפּאָזאַנטס.

סוף כל סוף איז דאָך טאַקע ווי דער גרויסער ראָמען ראָלאַן זאָגט, אַז יעדער איינער פון די הונדערטער טויזנטער מענטשן טראָגן מיט זיך אַ בית־הקברות אין האַרצן, אויף אַזאַ אָדער אַנדער אופן.

צוזאַמען מיט אַן אומבאַשרייבלעכער מענטשן־כוואַליע האָט מיך דער „סובטע" אויסגעשפּיגן און איך בין ווידער פאַרשלונגען געוואָרן אין אַ ים פון מענטשן. אָבער מערקווירדיק: נישט דער מענטשן־ים איז אין דעם פאַל דאָס מאַסגעבנדע פונעם בילד; דאָס כאַראַקטעריסטישסטע איז דאָ געווען דער בלומען־וואַלד, אין וועלכן די דאָזיקע מענטשן־מאַסע האָט זיך געטונקען. בלומען רופן אַרויס געפילן; געפילן פון פרייד און געפילן פון באַדויערן. בלומען זענען סימבאָלן פון אויפבלי און פאַרוועלקונג און נישט אומזיסט האָט זיי דער מענטש אויסגעקליבן אַלס די באַגלייטער פון זיינע פרייד־ און וויי־געפילן. איין בוקעט בלומען מאַכט אַן איינדרוק; דאָס וואָס מען זעט אין „טאָג פון די טויטע" אויפן פּלאַץ קעגנאיבער דעם טשאַקאַריטער בית־עולם, לאָזט זיך נישט באַשרייבן: דאָס איז אַזאַ ווילד־צעשפּילטע בלומען־סימפאָניע. אַ בלומען־דזשאָנגל, איבער וועלכן עס שוועבט אום אַ געדיכטער פון דער זון באַגאָלדיקטער שטויב וואָס הילט איין די ענטוזיאַסטישע מענטשן־מאַסע; יאָ, ווי פּאַראַדאָקסאַל עס זאָל נישט קלינגען — די ענטוזיאַסטישע מענטשן־מאַסע, ווייל נישט אַריינדרינגנדיק אינעם האַרצן פון יעדן איינעם פון די הונדערטער טויזנט־טער מענטשן, וואָס טראָגט מיט זיך מיט אין האַרצן דאָס אייגענע, אינ־טימע געפיל, די אייגענע בענקעניש נאָך אַ פאַרשטאָרבן נאָענט וועזן, קאָן מען אויף דער מאַסע אַלס גאַנצע בשום אופן נישט באַמערקן יענע אינ־טימ־רעליגיעזע געפיל וואָס מען דערוואַרט אין אַזוינע פאַלן.

***

צוזאַמען מיטן פליסנדיקן מענטשן־ים פאַלט מען אַריין אינעווייניק אין טשאַקאַריטאַ בית־עלמין. די זעלבע מענטשן־מאַסע, דער זעלבער בלומען־דזשאָנגל, אָבער די שטימונג שוין לחלוטין אַן אַנדערע. דאָ פעלט שוין אינגאַנצן די קרעמערישקייט פון די הונדערטער שרייערס וואָס ווילן אייך פון דער אַנדערער זייט מויער באַגליקן מיט זייער סחורה: עס פעלן

די צענדליקער פאָטאָגראַפן מיט די מיניאַטור־אַפּאַראַטלעך, וואָס ווילן אייך בעל־כּרחו פאַראייביקן ווען איר זייט געגאַנגען אויף קבר־אבות; עס פעלן די הונדערטער ייִנגלעך, וואָס ווילן פאַרזיסן אייער דערשלאָגן געמיט מיט אַ שאַכטל צוקערקעס און די אייזקרעם־פאַרקויפער, וואָס ווילן אייך דערקוויקן מיט אַ „העלאַדאַ"*); עס פעלן די וואָס ווילן אייך פאַרקויפן אַלערליי הייליקע אָנדענקס און די וואָס ווילן אייך פאַרקויפן פּאַפּירענע בלומען, איינרייידנדיק אייך, אַז די לוינען זיך בעסער פון די לעבעדיקע; עס פעלט דער גאַנצער טאַראַראַם פונעם אויטאָ פּאַרקער, דער געקלאַנג פון טראַמווייען און דאָס ריטשעריי פון אָמניבוסן — דאָס אַלץ לאָזט מען אין יענער זייט מויער און מען פאַלט אַריין אין דער באַצווינגענדי־קער סביבה פונעם בית־הקברות מיט די טויזנטער מאָנומענטן, פאַמיליען־קברים, מאַוזאָלייען, פּאַנטעאָנען און מצבות, וואָס דערציילן די געשיכ־טעס פון פאַרשוווּנדענע לעבנס, דערציילן פון צעשטורעמטע געמיטער וואָס זענען פאַרגליווערט געוואָרן אונטערן קאַלטן מירמלשטיין.

צוזאַמען מיט דער מענטשן־מאַסע לאָזט מען זיך איבערן ברייטן וועג וואָס פירט טיפער אין בית־עולם אַריין. די טירן פון די אייביק־פאַרמאַכ־טע פאַמיליען־קברים, שטייען איצט צעפּראַלט. איר כאַפּט אַ קוק אינע־ווייניק: געמיטלעכער קבר־אבות; אַ מין סאַרט וויזיט אַזאַ. מענטשן־נאָענטע, זיצן און רעדן צווישן זיך גלייך מען וואָלט געווען געקומען צו גאַסט. אַנדערע זיצן אויף ספּעציעל געבראַכטע בענקלעך אינדרויסן און שמועסן געמיטלעך. אינעווייניק האָט מען אָנגעצונדן יאָרצייט־ליכט און באַצירט מיט בלומען. דאָס בילד חזרט זיך איבער אומעטום ביי די רייכע פאַמיליען־קברים וואָס זעען אויס ווי גאַנצע סאַלאָנדלעך מיט אויסגע־האָנגענע בילדער פון הייליקע און געשטיקטע דעק־טיכער און גאַרדינען. בלויז די טרומנע וואָס איר באַמערקט באַלד, דערמאָנט אייך אַז איר געפינט זיך פאַר אַ קבר, ווייטער איז אַלץ אַזוי געמיטלעך און פייער־לעך־מנוחהדיק צוגערוימט, ווי אין אַ רייכן פאָדערצימער.

צווישן די איינצלנע קברים איז שוין דאָס בילד פאַרשידנאַרטיק. אָט שטייט אַ יונג פּאָר פאָלק ביי אַ קבר און מאַכן צורעכט די בלומען.

---

*) אייזקרעם.

איך גיי צו און באַטראַכט. לייען איבער די אויפשריפט אויף דער מצבה. 16 חדשים איז דאָס קינד אַלט געווען ווען עס איז געשטאָרבן. איך כאַפּ אַ קוק אויף די עלטערן וואָס שטייען ביים קבר פון זייער יונג־פאַר־שטאָרבן קינד. זיי רעדן צווישן זיך, אָבער עפּעס אַזוי שטיל רעדן זיי, אַזוי קול־דממה־דקהדיק ווי גלייך זיי וואָלטן מורא געהאַט אַז זיי וועלן דאָס קינד זייערס אויפוועקן פונעם אייביקן שלאָף. פּלוצלינג בויגט זיך די מוטער אַראָפּ; זי האָט דערזען אַ שפּרענקעלע אויף דער מאַרמאָר־נער צאָם, ווישט זי עס אָפּ. אַ שטיק פון איר בלוט און פלייש איז דער דאָזיקער שטיין געוואָרן זינט עס ליגט אונטער אים איר קינד. זי ווישט טאַקע דעם שטיין אָפּ מיט אַזאַ פּיעטעט, און אַלץ אַזוי שטילשווייגנדיק, אַז מען האָט דאָס געפיל אַז דאָס ווישט זי אָפּ דאָס פּנימל פון איר קינד, פון איר לעבעדיקן קינד...

דאָס איז אַן אַנדער מין קבר־אבות: דאָס איז שטילע, צעשטורעמטע־אין זיך בענקשאַפט. אַזעלכע בילדער זעט מען אַ סך אויפן פעלד פון די איינצלנע קברים. אָט שטייט אַ פרוי און ווישט אָפּ דעם שטויב פונעם בראָנזענעם טאָוול אויף איר מאַנס קבר; אַן אַלטע מאַמע מאַכט צורעכט די בלומען אויפן קבר פון אירס אַ קינד וואָס האָט איינגעהילט אין עצבות אירע לעצטע יאָרן אויף דער עלטער. וווהין איר וואַרפט אייער בליק אי־בער דעם גרויסן בית־הקברות, זעט איר ווי מענטשן פאָרען זיך איבער קברים. מען שטעלט אריין בלומען, מען ברענגט אין אָרדנונג, מען ווישט אַרום דעם שטויב פון בילדער און אויפשריפטן און אַלץ מיט אַזאַ שטי־לער אין זיך צעשטורעמטקייט, מיט אַזאַ אינערלעכן ציטער, וואָס לאָזט זיך נישט דערציילן אָדער אויסשרייען — עס איז דאָס געפיל וואָס דער מענטש דערפילט אין דער אָנוועזנהייט פון דעם אומפאַרמיידלעכן פאַטום.

**
*

דעם בית־הקברות פאַרלאָזט מען און מען נעמט מיט זיך מיט די רעיונות וועגן לעבן און טויט. מען טראַכט פון דעם וואָס מענטשן טוען און צו וואָס זיי שטרעבן ביים לעבן; מען פאַרגלייכט עס מיט די באַשרענקטע און נישטיקע הצטרכותן פון דעם זעלבן מענטשן נאָכן טויט:

אַ בלומען־בוקעט, אַביסל מענטשלעכע באַציאונג. דאָס אַלץ. די דאָזיקע מעדיטאַציעס צווינגען אויף אייך אַרויף דעם קוהלתדיקן הבל־הבלים. אָבער לאַנג קאָנט איר דערמיט נישט בלייבן: איר האָט געשטעלט אַ פוס פון דער זייט בית־עולם און ווידער האָט אייך דער לעבנס־ים אַריינגעצויגן אין זייןווירוואַר און האָט אייך געגעבן צו פילן אַז די זאַך איז נישט אַזוי איינפאַך, אַז ביז וואָס ווען, טאָר מען זיך אויף קיין איין מינוט נישט פאַרטראַכטן, ווייל דאָס לעבן איז אַ ים און מען דאַרף קאָנען שווימען אויף נישט אונטערצוגיין...

לאַ באָקאַ — אַ ווינקל פון באַוועגונג און אַרבעט

ווען איר פאָרט קיין לאַ באָקאַ, זאָלט איר זיך נישט ריכטן אויף קיין פאַרביקע פּאַנאָראַמעס, מאָלערישע פּייסאַזשן און געמיטלעכער שטימונג. באָקאַ איז פּונקט דער היפּך פון דעם אויבנאויסגערעכנטן.

באָקאַ איז גערדיכט, קויטיק און — אַלט. דאָס כאַראַקטעריסטישע פון באָקאַ איז איר אַלטקייט; זי איז אַלט, אַזוי צו זאָגן, לויט די יאָרן און איז אַלט און אָפּגעניצט לויט איר אויסערלעכן אויסזען: עס זענען אַלט די גאַסן, אַלט די הייזער... אפילו דער הימל זעט אין באָקאַ אויס פאַרעלטערטער ווי ערגעץ אַנדערש, ווייל ער איז כסדר פאַרויכערט און פאַרסאַזשעט פונעם רויך וואָס זעצט פון די שיפן און פון די פאַבריק־קוימענעס מיט וועלכע באָקאַ איז פון דער ציוויליזאַציע געבענטשט געוואָרן, פּונקט ווי זי איז געבענטשט מיט הילצערנע און בלעכענע הייזער, אין וועלכע עס ווינט דאָס „פאָלק" פון דער „רעפּובליק דע לאַ באָקאַ".

אין אַלגעמיין דערמאָנט באָקאַ אויסערלעך אין אַ שטיק פאַרזשאַווערט אייזן, וואָס איז געבליבן ליגן אין אַ גרוב, נאָכדעם וואָס דאָס וואַסער האָט דאָרט אויסגעטריקנט. איר גייט איבער אירע לאַבירינט־אַרטיקע גאַסן און עס מאַכט אויף אייך אן איינדרוק דער עלנד און אָפּגעלאָזנקייט, וואָס קוקט אַראָפּ פון אירע בלעכענע הייזקעס וואָס דערמאָנען מיט זייערע ווענט פון געקאַרבטן בלעך אין די פּנימער פון הונדערט יעריקע פאַרהאָרעוועטע, איינגעהויקערטע זקנות; עס רופן אייער אויפמערקזאַמקייט די צייכנס אויף די ווענט פון די הייזער, וואָס דערציילן פון כסדרדיקע פאַרפלייצונגען; עס ראַשן אייך איבער די אָן אַ צאָל שענקלעך, ווו איר קאָנט צו יעדער צייט טרעפן פאַרכמורעטע אַרבעטער וואָס פאַרטרינקען זייער־שווער געמיט מיט אַ גלעזל „שוואַרצן", אָדער אַ צעכראַסטעטן מאַטראָס וואָס האָט זיין האַלב געליימטע צונג געלאָזט אין גאַנג אויפן חשבון פון

דער באַלעבאַסטע, וועלכע שטייט ביי דער סטאָיקע און הערט אויס זיינע קאָמפּלימענטן. די דאָזיקע און נאָך אָן אַ צאָל שטריכן, דערמאָנען אייך באַלד, אַז איר געפינט זיך אין איינער פון די עלטסטע און מערקווירדיקסטע געגנטן פון בוענאָס איירעס.

באָקאַר „פּאַטריאָטן" באַרימען זיך, אַז זייער „רעפּובליק" איז דאָס וויגעלע פון בוענאָס איירעס; גלייבן מיר זיי. אויב אָבער דאָס „קינד" איז קיין עין הרע אַזוי געראָטן אויסגעוואַקסן, לוינט זיך בפירוש אַראָפּצוכאַפּן זיך אין דער געגנט וווּ עס געפינט זיך דאָס „וויגעלע"... און זען ווי אַלט און אָפּגעניצט עס זעט אויס.

אָבער, אָפּגעניצט נאָר אויסערלעך, עסטעטיש, אַזוי צו זאָגן, ווייל אין תוך, אין עצם, איז, מאָלט אייך, באָקאַ שוין גאָרנישט אַזאַ אָפּגעניצטע, נאָר אַן אַרבעטסזאַמע, האָרעפּאַשנע און אפילו פריילעך לעבעדיקע זקנה.

אַ סך גלויבן אַז די אמתע כאַראַקטעריסטיק פון באָקאַ, זענען אירע מעסער־העלדן, וואָס שטעלן צו דער פּאָליציי־נייעס־רובריק אַזאַ אינטערעסאַנטן לייען־שטאָף; דאָס איז אָבער דער באַגריף וועגן איר וואָס ווערט דעם דורכשניטלעכן לייענער צוגעשטעלט מצד געוויסע צייטונגען בכדי צו הויבן דעם טיראַזש זייערן. אין דערווירקלעכקייט נויטיקט זיך באָקאַ נישט אין קיין סענסאַציאָנעלע פּאָליציי־נייעס בכדי אַרויסצורופן נייגער בנוגע זיך, ווייל זי פאַרמאָגט אַ שלל מיט שטריכן און אייגנשאַפטן פון געזונטן און ווירדיקן כאַראַקטער; פון מענטשלעך־שיינע דערשיינונגען, וואָס זענען אין זייער תמצית בלויז אירע אייגענע שטריכן און וואָס קיין אַנדער בוענאָס איירעסער געגנט פאַרמאָגט זיי נישט. זי פאַרמאָגט: פּאָלקסטימלעכקייט, לעבנס־שטייגער, אָרגאַנישע צוגעבונדנקייט צו דער אַרבעט, עקזאָטישע שטריכן פון ים־אַרבעט און אפילו דער מאַטעריאַל פאַר דער געשיכטע פון דער שטאָט בוענאָס איירעס, ליגט אויך אָנגעהויפנט אויף די הונדערטער דענקמעלער אין דער פאָרם פון באַשיידענע קליינינקייטן, וואָס זענען אייגנטלעך געשיכטלעכע דאָקומענטן; יאָ, באָקאַ האָט מאַטעריאַל פאַר געשיכטע, אָבער מיין כוונה איז... נישט צו שרייבן די געשיכטע, נאָר בלויז אויפכאַפּן אייניקע איינדרוקן, פאַרצייכענען אַ פּאָר שטריכן און מאַכן אייניקע אויספירן פון דעם פאַרצייכנטן...

**
*

דער אינטערעסאַנטסטער פּונקט פון באָקאָ איז יענער צוליב וועלכן זי טראָגט דעם נאָמען אירן: דער ריאַטשועלאָ; ווילט איר זען די עכטע כאַראַקטעריסטיק פון ים־אַרבעט, זאָלט איר זיך אַראָפּכאַפּן קיין באָקאָ צום ברעג פונעם ריאַטשועלאָ. אויב איר האָט אַ חוש פאַר דער שיינקייט פון אַרבעט בכלל און פאַר דער עקזאָטישער שיינקייט פון ים־אַרבעט בפרט, וועט איר דאָרטן זען אין דער עכטסטער פאָרעם ווי דאָס דאַזיקע לעבן מאַניפעסטירט זיך. אויב אָבער איר וועט דעם באַגריף שיינקייט זוכן אין עפּעס אַזוינס וואָס שמעקט אָדער גלאַנצט, וועט איר אומזיסט פאָרן אַהין, ווייל די שיינקייט פון וועלכער מיר רעדן דאָ, איז יענע שיינקייט פון דער אַרבעט בכלל, וואָס איז דער באַוועגער פון אונדזער לעבן.

די שיינקייט פון באָקאָ מוז מען פאַרשטיין אינעם קאָמפּאַקטן מור־ראַשניק־אַרטיקן אַרבעטס אַספּעקט; די שיינקייט פון באָקאָ ליגט אין דער שווערער און טיילווייז געפערלעכער ים־אַרבעט און איר „וואַרשטאַט" — דער ריאַטשועלאָ — פון וועלכן עס טראָגט זיך דער נישט גאָר אָנגענעמער ריח פון ווילגאָטש, חלב, סמאָלע און פיש; די שיינקייט פון באָקאָ דאַרף מען זען אין די טונקל־בראָנזענע פּנימער און אַנטבלויזטע לייבער פון מור־סקוליעזע ים־אַרבעטער, וואָס די הענט זייערע זענען ווי צונויפגעגאָסן מיט קאַנאַט און רודער.

איבערהויפּט דער קאַנאַט; איך מיין, אַז איינע פון די מערקווירדיק־סטע זאַכן וואָס מען קאָן זען, איז ווי אַ ים־אַרבעטער מאַכט אַ קנופּ אָדער שלייף אין די דיקע שיפס־קאַנאַטן; דער שטריק איז אויפן אויסזען דאַכט זיך אַזוי דיק, אַזוי האַרט און אומבויגזאַם — זאָלט איר אָבער אָנקוקן ווי „געהאָרכזאַם" ער ווערט אין די שטאָלענע, געשולטע הענט פון אַ מאַ־טראָז: ער ווערט ווייך און גיט זיך נאָך ווי אַ פאָדעם אין די הענט פון אַ געניטן שניידער...

די שיינקייט פון באָקאָ באַגעגנט מען, ווען מען שטייט ביים ברעג פו־נעם טייך ריאַטשועלאָ און מען באַטראַכט זיין שמוציקן שפּיגל, וועלכער איז באַדעקט מיט טויזנטער שיפלעך, שלעפּ־שיפן, בערלינעס און באַר־זשעס, וועלכע ברענגען צו שלעפּן אין זייערע קעלערן און אויף זייערע דעקן טויזנטערליי מאַטעריאַלן מיט וועלכע עס איז געבויט געוואָרן און עס בויט זיך איצט בוענאָס איירעס.

און ווען מען שטייט און מען באַטראַכט דאָס פּרעכטיקע בילד פֿון אַרבעט און שעפֿערישקייט, מיט וועלכע יענץ ווינקל איז אַזוי כאַראַקטע־ריסטיש, קומט מען צו דער מסקנא, אַז נישט נאָר איז באָקאָ שעצבאַר לויט אירע „היסטאָרישע" מעלות אַלס דאָס וויגעלע פֿון בוענאָס איירעס, נאָר טאָקע לויט אירע היינטיקע מעלות; לויט איר שעפֿערישקייט, מי און האָרעפּאַשניקייט: באָקאָ איז דער וואָרצאַרבעטער, דער „פּעאָן" פֿון בוענאָס איירעס. דורך איר האַפֿן ווערן טאָג־טעגלעך אויסגעלאָדן רי־זיקע סכומים בוי־מאַטעריאַלן און שפּייז־אַרטיקלען מיט וועלכע בוענאָס איירעס בויט זיך און שפּייזט אירע איינוווינער.

***

איך שטיי ביים ברעג פֿונעם ריאַטשועלאָ און איך קוק זיך צו צו דער ריזיקער צאָל שיפֿן, שיפֿלעך און באַרזשעס, אַלץ אַזוי געדיכט און צוזאַמענגעפּרעסט, דערמאָנט עס אייך אין אַן ענלעך בוענאָס איי־רעסער בילד: אין איר גאַסן פֿאַרקער, מיט די הונדערטער טויזנטער מאָ־טאָר־וועגענער, וועלכע זענען דוכט זיך שוין געוואָרן אַן אָרגאַנישער טייל פֿון איר „איך". עס איז אָבער צו מערקן אַ פֿונדאַמענטאַלן אונטער־שיד, ווען איר שטייט און קוקט אויפֿן שיפֿן־פֿאַרקער. דאָס גע־פֿינט איר זיך אינעם אַמביענט פֿון יאָרצענדליקער צוריק; און אפשר יאָרהונדערטער. איר געפֿינט זיך אינעם אַמביענט, וואָס שמעקט מיט געפּאַר, מיט אַוואַנטורע... און באַהעמישקייט; און דאַן ווען פֿונעם אויבנדערמאָנטן גאַסן־פֿאַרקער, אַלס פֿאַרגלייך, קומט גיך צום אויסדרוק דאָס באַנאַלע, וואָס דאָס מאָדערנע לעבן מיט זיינע טעכנישע אויפֿטועכצן דערלאַנגט אונדז טאָג־טעגלעך — שמעקט דער שיפֿן־פֿאַרקער מיט דער טראַדיציאָנעלקייט פֿון דורות, מיט דער געזעצמעסיקייט פֿון ספּעציפֿישע באַוועגונגען, צייכנס מנהגים און געוווינהייטן: עס ליגט אויף דעם אויסגעגאָסן דאָס מערק־ווירדיק אייביקע וואָס ליגט בכלל „אויסגעגאָסן" אויפֿן אויסזען פֿון אַ וואַסער־פּאַנאָראַמע, וואָס לאָזט זיך נישט ענדערן, ווי די יבשה, דורך דעם מענטשנס קאַפּריז.

מיט אַלעמען דערמאָנט באָקאָ אין אַ האַפֿן־געגנט: מיט אירע אַן אַ צאָל שענקלעך פֿאַר די מאַטראָזן, מיט אירע קראָמען וואָס באַטן אייך אָן אַלערליי זאַכענישן פֿאַרן ים־געברויך: פֿון אַ פּאָר גומענע שטיוול ביז

אַ דיקן קאָנאַט, אַ טרייב־שרויף אָדער אַנקער צו אייער שיפֿל; אָבער זי דערמאָנט אויך אין איר ים־יחוס מיט די נעמען וואָס אַ סך פֿון אירע גאַסן טראָגן: באָגאָטאַ, אַלמיראַנטע בראַון, פּעדראָ דע מענדאָסאַ און אַנדערע ים־לייט זענען די נעמען פֿון די גאַסן אין באָקאַ — אָבער די כאַראַקטעריסטישע גאַס פֿאַר באָקאַ אַלס אַזעלכע, איז טאַקע די אויבנדערמאָנטע פּעדראָ דע מענדאָסאַ־גאַס מיט איר צוויייענדיקן אויסזען, וואָס ציט זיך אַלס האַלב קרייז לענגאויס דעם האַפֿן פֿון באָקאַ: זי איז כאַראַקטעריסטיש מיט דעם וואָס זי פֿאַרמאָגט אַזוי צו זאָגן דעם אויסזען פֿון — האַלב מענטש, האַלב פֿיש...

די דאָזיקע גאַס האָט נאָר פֿון איין זייט הייזער; פֿון דער צווייטער זייט געפֿינט זיך דער טייך, און אַזוי ווי דער ברעג איז כסדר פֿול מיט שיפֿן האָט מען דאָס געפֿיל אַז מען גייט אויף אַ גאַס וואָס איז פֿון איין זייט באַוויעט מיט הייזער און די צווייטע — מיט שיפֿן...

באָקאַ פֿאַרמאָגט גרויסע טעכנישע איינריכטונגען וואָס אימפּאָנירן זיך מיט זייער מאָנומענטאַלקייט. דער פּאָרט אַליין מיט זיינע איינריכטונגען איז דאָך אַ ווערק פֿון ריזיקן כאַראַקטער; אין באָקאַ געפֿינען זיך — קעגנאיבער אויפֿן אינדזל דעמאַרטשי — די גרויסע מלוכה ווערפֿטן; עס זענען דאָרט גלאַט פֿאַראַן גרויסע באַטריבן ווי: פּריוואַטע שיפֿס־ווערפֿטן, סקלאַדן.

די צוויי גרויסע בריקן וואָס פֿאַרבינדן לאַ באָקאַ מיט דאָק סור, וועלכע געפֿינט זיך אויף יענער זייט טייך, טיילן זיך אויס פֿונעם אַרום מיט זייער קאָלאָסאַלקייט און ריזיקן פֿאַרנעם. אָבער די דאָזיקע בריקן זענען ערשט בלויז דער „פּרוזדור” דער אַריינפֿיר צו די גרויסע קיל און קאָנסערוון־פֿאַבריקן פֿון פֿלייש וואָס זענען זיך אָן פֿון יענער זייט ריאַטשועלאָ. פֿון ווייטנס זעט מען די „אַנגלאָ”, אָט דעם ריזיקן פּיסק וואָס שלינגט איין די לעבנס פֿון מיליאָנען בעלי־חיים... אַ קאַלטע און האַמעטנע שטייט זי די פֿאַבריק און וואַרט אַז די אויבנדערמאָנטע בריק זאָל איר איבערברענגען די טויזנטער אַרבעטער וואָס וועלן אין אירע איינריכטונגען און פֿריר קאַמערן איינשפּיגעווען די פֿלייש זייטלעך, אויף אָפּצושיקן זיי מיט די שיפֿן, וואָס טוליען זיך דאָרטן אויף יענער זייט ריאַטשועלאָ צום האַפֿן פֿונעם פֿלייש זאַוואָד.

ביים ריאַטשועלאָ

בוענאָס איירעס געפינט זיך ביים ברעג פון איינעם פון די ברייטסטע טייכן אויף דער וועלט: דער לאַ פּלאַטאַ־טייך; איר ריזיקער פּאָרט ציט זיך אויף עטלעכע קילאָמעטער די לענג און שטעלט מיט זיך פאָר אַן אויסערגעוויינלעך בילד פון באַוועגונג און פּראַצע, אָבער דאָס אינטערעסאַנטסטע ווינקל פון דעם דאָזיקן ריזיקן פּאָרט איז בלי שום ספק יענער טייל ריאַטשועלאָ, וועלכער געפינט זיך אין דער געגנט לאַ באָקאַ.

איך שטיי און באַטראַכט דעם ריאַטשועלאָ: אַ שמוציקער ווייסער שפּיגל אויף וועלכן עס שווימט אום אָפּפאַל פון וואָס נאָר מען קאָן זיך פאָרשטעלן; אַלץ וואָס מענטש, בהמה, פויגל, פיש און שרץ קאָן פון זיך אויסטיילן אָפּפאַל, געפינט מען אויפן ריאַטשועלאָ. אַ שמוציקער קאַנאַל — טראַכט איך — און ווייטער גאָרנישט.

באַלד אָבער כאַפּ איך מיך אַז מיין אורטייל איז אַ צו איינזייטיקער. זאָגן וועגן ריאַטשועלאָ אַז ער איז בלויז אַ שמוציקער איז ווייניק און נישט אינגאַנצן געזאָגט: דאָס טשיקאַווע פונעם ריאַטשועלאָ ליגט נישט אַזוי אין זיין שמוציקייט, ווי אין דעם וואָס דאָס וואַסער פון דעם דאָזיקן קאַנאַל איז אויסערגעוויינלעך וואַלאָריזירט. ממש מיט גאָלד גלייך.

איר שטייט און באַטראַכט דאָס געדיכטעניש פון ריזיקע שיפן, שלעפּשיפן, באַרזשעס, מאָטאָר־שיפלעך און אַנדערע מינים שיפוואַרג, וואָס טוליען זיך צום האַפן פונעם ריאַטשועלאָ, איר קוקט זיך צו צו דער באַוועגונג אויף דעם רעלאַטיוו זייער קליינעם קאַנאַל, איר שאַצט אָפּ דאָס עשירות וואָס שיפן טראָגן דורך טאָג־טעגלעך איבער זיין וואַסערשפּיגל און איר פרעגט זיך וויפל דאָס דאָזיקע וואַסער איז ווערט...

און עס פאַלט אייך בשעת מעשה איין צו מאַכן אַזאַ פּאַראַדאָקסאַלן חשבון: וואָס וואָלט געווען ווען צוליב אַ נאַטור קאַפּריז גיט דאָס וואַסער פונעם ריאַטשועלאָ אַ טרוקן אויס? דאָס דאָזיקע שמוציקע, עקלהאַפטע

וואַסער; דער סך הכל איז: עס וואָלט אויסגעטריקנט געוואָרן הונדערטער מיליאָנען. דאָס וואַסער פונעם ריאַטשועלאָ איז ווערט מיליאָנען; אַ קוביק מעטער וואַסער פונעם ריאַטשועלאָ איז מערער ווערט ווי אַ מעטער באָדן אין סאַמע צענטער פון בוענאָס איירעס, מערער ווערט, ווייל אָן אים, — וואָלט אפשר דער מעטער באָדן פון בוענאָס איירעסער צענטער נישט געהאַט דעם הויכן פּרייז. ווייל דער ריאַטשועלאָ איז אַ וויכטיקער טייל פונעם בוענאָס איירעסער האַפן — דער ריאַטשועלאָ איז איינס פון די וואָלאַריזירטסטע פּלעצער פון בוענאָס איירעסער פּאָרט.

מערקווירדיק: איין זאַך איז הערן וועגן דעם ריאַטשועלאָ און עפּעס אַנדערש איז — זען אים. אין די מעשיות און לידער, אין די סערענאַטעס און טאַנגאָס, אין די לעגענדעס און מסורות קומט דער ריאַטשועלאָ אַרויס אַרומגעהילט ווי מיט עפּעס אַ ראָמאַנטישן לבוש; קומט איר אָבער צו און באַטראַכט אים מיט אייערע אייגענע אויגן, צעשווימען די לעגענדעס, עס ווערט אויסגעוועבט די ראָמאַנטישקייט; פאַר אייערע אויגן אַנטפּלעקט זיך דאָס גראָ־רעאַליסטישע בילד פון שווערער פּראַצע. אַזעלכע בילדער און שטריכן וואָס מען זעט ביים ברעג פונעם ריאַטשועלאָ, קאָנען נישט געבן קיין שטאָף פאַר איבערגעטריבענע וויזיעס אפילו דעם טרוימערישן דיכטער; ביים ברעג פונעם ריאַטשועלאָ דערזעט איר באַלד אַ שערענגע אַלטע דראָזשקעס מיט די איינגעשפּאַנטע דאַרע קליאַטשעס און אָפּגעריבענע, פון דער מאָדע אַרויסגעשטויסענע בעלי־עגלות — און איר טראַכט אַז נישט נאָר פון דער מאָדע, נאָר אויך פונעם לעבן זענען זיי אַרויסגעשטויסן געוואָרן דורכן טאַקסי, דורכן אויטאָבוס און קאָלעקטיוואָ. איך ווייס נישט פאַרוואָס, אָבער די דאָזיקע אַלטע אָפּגעניצטע דראָזשקעס רופן ביי מיר תמיד אַרויס מיטלייד און אַ זייער פיינלעך געפיל; דאָס זעלבע געפיל וואָס עס רופן אַרויס אַלטע אומבאַהאָלפענע זקנים וואָס לעבן פון עמעצנס חסד. די דאָזיקע „ראָמאַנטישע" דראָזשקעס זעט מען אין אַלט־בוענאָס איירעס אויף פאַרשידענע פּלעצער, אָבער אין באָקאַ פּראָפּאָרציאָנעל מער, ווי זיי וואָלטן זיך עפּעס געקלאַמערט אין דער דאָזיקער געגנט וואָס איז דער סימבאָל פון אַלטקייט און טראַדיציע.

איר דרייט אוים דעם קאָפּ און איר דערזעט אויפן וואַסער אַ כמעט ענלעך בילד וואָס אויף דער יבשה: דאָס זענען די רודער־שיפלעך אויפן

ריאַטשועלאַ מיט זייערע שיפערס וואָס זוכן אַ בעלן אויף אַריבערצושיפן זיך אויפן צווייטן ברעג. אויך זיי האָבן דערפילט דעם דרוק פון דער נייער צייט. ווער קוקט זיך אום אויף אַן אַלטמאָדיש רודער־שיפל אין די צייטן פון מאָטאָריקע יאָג־שיפלעך? ווער דאַרף אַן אַלט שיפל, ווען אויף אייך וואַרטן מילכווייסע, קאָנפאָרטפולע יאַכט־שיפלעך? איר באַטראַכט דאָס אַלץ און איר קומט צום אויספיר, אַז דאָס זענען נישט קיין ראָמאַנטישע דערשיינונגען. דאָס זענען בילדער פון פּראָצע, נויט און קאַמף, קאַמף פאַר דער אָרעמער עקזיסטענץ.

***

איבערן ריאַטשועלאַ אין לאַ באָקאַ געפינען זיך צוויי בריקן וועלכע פאַרבינדןביידע זייטן פונעם טייך, זענען זיי ווי עפּעס לעבעדיקע עדות פון דעם פּראָגרעס וואָס דער טעכניק האָט דורכגעמאַכט פאַר די לעצטע יאָרן. איינע פון די דאָזיקע בריקן — די אַלטע — באַשטייט פון אַ מין פּאַראָם וואָס הענגט אויף אַ ריזיקן אייזערנעם געשטעל און „גייט" הין און צוריק פון לאַ באָקאַ קיין דאָק סור. די צווייטע, איז אַ נייע ריזיקע בריק וואָס איז נישט לאַנג אויסגעבויט געוואָרן נישט ווייט פון דער אַלטער און איז אַן אומבאַוועגלעכע. ווען איר שטייט און באַטראַכט די דאָזיקע צווייטע בריק און ציט אַ פּאַראַלעל, איז נישט שווער פעסטצושטעלן ווי ווייט און גרויס עס איז די עוואָלוציע פון דער מענטשלעכער השגה און זיין געשמאַק. איר צייגט זיך איבער אַז נישט נאָר אויפן געביט פון קליידונג, הייזער־בוי און אַנדערע טאָג־טעגלעכע זאַכן האָט דער מענטשלעכער געשמאַק עוואָלוציאָנירט אין דער ריכטונג פון פּשטות, נאָר אויך אויפן געביט פון גיגאַנטישן בריקן געבוי. ממש ווי פון טאָג צו נאַכט, אַזאַ חילוק איז אין געבוי פון ביידע בריקן: די אַלטע, אַ סקעלעטן־אַרטיקע מיט אַ מאָנסטעריעזן אויסזען פון אַ פּרעהיסטאָרישער חיה; די נייע, פול מיט גראַציע פון אַ מאָדערנעם אַרכיטעקטאָנישן קונסט ווערק. אַז איר שטייט און באַטראַכט די נייע גיגאַנטישע בריק, קומט איר צום אויספיר, אַז אייער אָפּשאַצונג וועגן דעם ווערט פון דעם ריאַטשועלאַ און די איינריכטונגען וואָס אַרום אים, איז נישט איבערגעטריבן. אַ קאַנאַל איבער וועלכן

מען בויט אַזאַ בריק מוז האָבן אַ גרויסן סטראַטעגישן ווערט פון קאָמערציעלן און אינדוסטריעלן שטאַנדפּונקט.

***

איך האָב דעם בוי פון דער נייער בריק געזען פון סאַמע אָנהויב, מיט יאָרן צוריק; איך האָב געזען ווי מענטשן האָבן געאַרבעט ביים לייגן די מעכטיקע קאָנקריט־פונדאַמענטן ביי די ברעגן פונעם ריאַטשועלאָ. דערנאָך האָב איך געזען ווי די זעלבע אַרבעטער האָבן פאַרגעזעצט דעם געבוי פון דעם מייסטער־ווערק אויף קנאַפּע הונדערט מעטער די הויך איבערן שמוציקן וואַסער־שפּיגל. געהערט דאָס שטעפּן פון די מעכאַנישע ניט־רעוואָלווערס, וואָס האָט אָפּגעקלונגען אין רוים און דערמאָנט אין דער שטעפּעריי פון אַ קוילנוואַרפער. אָט האָט איין רעוואָלווער אויפגעהערט גראַגערן, האָבן אַנדערע צוויי אויפגעכאַפּט און זיך צעקלעפּלט אויפן ריזיקן שטאָלענעם קערפּער פון דער בריק. איר פאַרמאַכט אַ מינוט די אויגן. דאָס גראַגערן פון די ניט־רעוואָלווערס הערט איר און איר באַשליסט ביי זיך אַז איר שטייט ערגעץ נאָענט פון אַ שלאַכט־פעלד און דאָס שטעפּן עס אַזוי די מעטראַליעזן; איר עפנט צוריק אויף די אויגן, פאַרייסט דעם קאָפּ אויף אַרויף און איר זעט אַז איר האָט קיין טעות נישט געהאַט... דאָרט אויבן קומט אויך פאָר אַ שלאַכט; אַן אַנדער מין שלאַכט: מענטש קעמפט מיט מעטאַל, מיט שטאָל. מענטש קעמפט מיט די עלעמענטן פון דער נאַטור אין זייער פאַרוואַנדלטער פאָרעם. ער זעצט פאָר דעם קאַמף פון זיין ברודער, וואָס האָט דאָס אייזן־אַרץ אויסגעגראָבן אין אַ שאַכטע; פון זיין ברודער, וואָס האָט עס איבערגעלייטערט און אויסגעגאָסן; איצט גיט ער דעם פאָרעם. פּלוצלינג: פּליוך! עפּעס איז פון דער הויך געפאַלן אין וואַסער אַריין: עס איז גאָרנישט, אַ ניטל איז אַראָפּגעפאַלן און פאַרזונקען געוואָרן אין אָפּגרונט פון ריאַטשועלאָ; צופעליק איז אַראָפּגעפאַלן אַ ניטל — עס האָט אָבער אויך געקאָנט זיין אַ מענטש... אָט זעט איר אים דאָרט אויבן זיך אומדרייען ביים ברעג פון טויט. אַ שלאַכט קומט דאָ פאָר, אַ שלאַכט, וואָס זוכט קיינעמס בלוט נישט צו פאַרגיסן — און דאָך אַ קאַמף אויף לעבן און טויט... דאָס שמעקט שוין אוודאי נישט מיט קיין ראָמאַנטיציזם.

***

מענטשן און לאַנדשאַפטן

איר שטייט ביים ברעג פון ריאַטשועלאָ און איר באַטראַכט דאָס אַלץ. איר באַטראַכט דאָס לעבן אויפן וואַסער און איבערן וואַסער; אַ לעבן פול מיט געפאַרן אין וועמענס שוים מענטש גיט זיך איבער אין קאַמף פאַר זעלבסטדערהאַלטונג. פלוצלינג פאַלט אַ סנאָפּ זון־שטראַלן אויפן שמוציקן וואַסער־שפּיגל פונעם טייך און אַנטפּלעקט פאַר אייך אַ צווייט לעבן, אַ אונטערוואַסער לעבן. ווי דורך אַ פּריזמע דערשיינען פאַר אייך מיליאָנען קליינע און גרעסערע פישלעך, וואָס האַווען אַרום נאָך שפּייז. דער ריאַטשועלאָ איז אַן אויסגעצייכנטער רעזערוואַר. דער אָפּפאַל פון די שיפן און פאַבריקן שווימט אום אויפן אויבערפלאַך, נאָר מיטן פּיסקל אָנצוכאַפּן. זעט מען טאַקע אַלע ווילע ווי די פישלעך רייסן זיך אַרום איבער אַ ברעקל צעווייקט ברויט, אַ פליגעלע צי אַן אַנדער אינ־זעקט; אונטערן וואַסער דער זעלבער קאַמף פאַר עקזיסטענץ...

איר שטייט אַ פאַרטראַכטער, פון דער נייער בריק אַראָפּ גראַגערן די ניט־רעוואָלווערס. אַ סירענע פון אַ שיף צערעוועט זיך ערגעץ. די אויטאָס וואָס וואַרטן אויפן הענגענדיקן־פּאַראָם, ווערן אומגעדולדיקט און צעפּייפן זיך און פאַרטויבן אייך. אַ רודער־שיפל שווימט פאַרביי און הויי־דעט זיך אויף די כוואַליעס וואָס אַ מעכטיקע שלעפּ־שיף האָט אויפגע־הויבן. איבער אייער קאָפּ דערהערט איר דעם זשום פון אַן עראָפּלאַן, וואָס האָט פאַרבייגעצויגן און איז צונישט געוואָרן אויפן ווייטן האָרי־זאָנט, ווו וואַסער קושט זיך מיט הימל. פון ערגעץ הערט מען מענטשלעכע שטימען וואָס מישן זיך אויס מיט קלאַנג פון האַמער־קלעפּ וואָס פאַלן ערגעץ אויף מעטאַל. דער ריאַטשועלאָ, אַ צעוויגטער פון דער האַסטיקער באַוועגונג, לעקט מיט זיינע שמוציקע וואַסערן די בעטאָנענע ברעגעס פון אַלט... ניי בוענאָס איירעס.

פּאַלערמאָ

פּאַלערמאָ —

עמעצער האָט אַ צעשיט געטון אַ הויפן גרינס און בלומען אין דער סאַמע מיט פונעם שטייניקן בוענאָס איירעס און עס איז אויסגעוואַקסן אַ פּרעכטיקע בלום אַזאַ, אַ וואַזאָנע מיט טויזנטער חנען וואָס טיילט זיך אויס מיט איר שבת־יום־טובדיקייט פון דער הונדערט פּראָצענטיקער וואָכעדיקייט פון דעם פּראָזאַאישן בוענאָס איירעס.

אַ גרינע לאַנקע איז שיין; אַ געדיכטער וואַלד און אפילו דער ווילדער דזשאַנגל איז אויך שיין. יענע שיינקייט אָבער, איז אַזאַ דורך וועלכער מיר באַוואונדערן די נאַטור מיט איר אוממיטלבאַרער, אַליינינקער שאַפונג און פרוכט — אין דער שיינקייט פון פּאַלערמאָ דאַקעגן, באַוואונדערן מיר קודם כל די שאַפונג פונעם מענטשן, זיין מי און אַרבעט, זיין חוש פאַר שיינקייט און געשמאַק, וועלכע ווערן דערגענצט דורך דער שפע און ברכה פון דער נאַטור; מיר באַוואונדערן די האַרמאָניע וואָס דערקוויקט דאָס אויג און וועלכע איז דער פועל יוצא פון דער שותפותדיקער אַרבעט פון מענטש און נאַטור; פון נאַטירלעכער גאָב און מענטשלעכער מאָס. אַ צוזאַמענאַרבעט פון וועלכער עס איז געבוירן געוואָרן אַ שפּאַציר־פּלאַץ, פאַר וועלכן דער באַגריף שיין איז אַביסל צו וואולגאַר און אָפּגעניצט — ווייל פּאַלערמאָ איז עפּעס מער ווי שיין, פּאַלערמאָ האָט עפּעס אין זיך אַזוינס וואָס מען קאָן אידענטיפיצירן מיט — קונסט!

איר שטעלט זיך אוועק אויף דער פּלאַסאַ איטאַליע, קעגנאיבער דער ברייטער אַוועניִדאַ סאַרמיענטאָ און איר האָט פאַר זיך דאָס גאַנצע בילד פונעם צענטער אין פּאַלערמאָ: דעם ראָסעדאַל; דעם וואונדערבאַרן „מאָנומענט פון די שפּאַניער״: רעכטס האָט איר דעם זאָאָלאָגישן גאָרטן; לינקס — די פּאַרוויילונגס־פּלעצער פון דער „רוראַל״, ווו כמעט שטענדיק

האָט איר אַן אויסשטעלונג צי סתם עפּעס אַ יום־טוב פֿון פּאַרווײלונגען און שפּילערייען. איר שטייט אויף דער פּלאַסע אינצווישן אַ מוראַדיקן געקלאַנג און גרילצעריי פֿונעם שטאָטישן אויטאָ־פּאַרקער; איר פֿרעגלט זיך אינעם קעסל פֿון אַ קאָכעדיקער לאַווע וואָס שטראָמט אַרום אייך, אַ לאַווע פֿון צענדליקער טויזנטער מענטשן מיט זייערע פֿאַרשידענע פּיזאָנאָמיעס, מיט דער פּילאַרטיקייט פֿון זייער שפּראַכן־קלאַנג, מיט זייער הונדערט־פֿאַרביקער הלבשה; איר געפֿינט זיך צווישן אַ מאַסע וואָס איז אַהער געקומען נישט גלאַט אַזוי זיך, נאָר מיטן באַגער עפּעס צו זען, צו געניסן און דעריבער אַ ענטוזיאַסטישע, און יום־טובדיקע וואָס שטעקט אָן און ווערט אָנגעשטעקט קעגנזייטיק מיט דעם אויסערגעוויינלעכן געפֿיל וואָס געפֿינט זיך מחוץ די גרענעצן פֿון דער וואָכעדיקייט — איר שטייט צווישן אַזאַ אַטמאָספֿער און איר ווערט אויך אָנגעשטעקט פֿון דער דאָזיקער יום־טובדיקייט; און איר באַקומט דאָס געפֿיל אַז נישט נאָר איז פּאַלערמאָ יום־טובדיק אַלס אַזאַ, נאָר אַלץ וואָס אַרום דעם באַגריף פּאַלערמאָ איז יום־טוב, ווייל קיין פּאַלערמאָ פֿאָרט מען נישט גלאַט אַזוי, אַהין פֿאָרט מען קודם כל אָראָפּוואַרפֿן די וואָכעדיקייט און זיך אָנזאַפּן מיט יום־טובדיקער מנוחה.

די פּלאַסאַ איטאַליע גופֿא איז נישט אַזאַ שטאַרק מנוחהדיקע, אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקן, זי איז גראָד דער היפּך דערפֿון: זי איז פּראָזאַאיש דורך און דורך מיט איר גוואַלדיקן פּאַרקער, וואָס ציט אַהין פֿון אַלע שטאָט טיילן; זי איז ניכטער־קרעמעריש מיט איר טומלדיקן גאַסן־מסחר, וואָס נוצט אויס דעם גרויסן מענטשן געדראַנג אויף צו כאַפּן אַ גרעסער פֿאַרדינסטל; זי איז דער היפּך פֿון יום־טוב און מנוחה מיט דעם רעש און טומל וואָס לעכערן אייך דאָרטן די אויערן אין די זונטיקדיקע פֿאַרנאַכטן, אָבער אינצווישן דעם דאָזיקן טומל, וואָס איז דער פּועל יוצא פֿון באַפֿליגלטע געמיטער וואָס מענטשן ברענגען אַהין, פֿילט זיך שוין דאָס יום־טובדיקע: פֿונווייטנס ווינקט שוין צו אייך דאָס באַבלומטע און באַוואָקסענע פּאַלערמאָ; עס ווינקען צו אייך די שפּיגלדיקע, ברייטע און ציכטיקע אַוועניִדאַס; עס רופֿט אייך דער בלומענטאָפּ־אַרטיקער ראָסעדאַל און עס ציען אייך צו די ראָמאַנטישע געדיכטעטנישן פֿון די פּאַלערמאָ־וועלדלעך, וואָס די ביימער זייערע שפּיגלען זיך אין די קינסטלעכע אָזערעס;

דאָס אַלץ ווינקט צו אייך, רופט אייך און דערוועקט אין אייך דאָס געפיל, אַז אַלץ דאָ איז אַזוי באַשאַפן געוואָרן, אַלץ עקזיסטירט אַזוי משׁשׁת ימי בראשׁית אַלס אַ נאַטור דערשיינונג — אָבער, איר גיט זיך באַלד רעכע־נונג אַז צו פיל סדר און פּלאַן־מעסיקייט פאַרמאָגט אין זיך די דאָזיקע פלאַנץ וואָס הייסט פּאַלערמאָ, אַז זי זאָל זיין בלויז אַ נאַטור שאַפונג. איר דערקענט באַלד אַז דאָ ליגט מענטשלעכע אַרבעט, מענטשלעכע מי, וואָס האָט אַריינגעטראָגן מאָס און האַרמאָניע אין דער שפע פון דער מילדער נאַטור.

**
*

— מאָנומענטן

פּאַלערמאָ פאַרמאָגט זייער שיינע מאָנומענטן מכל המינים: סימ־באָלישע, געשיכטלעכע, קולטור־היסטאָרישע און גלאַט מאָנומענטן פון עסטעטישן קונסט־באַדייט. מאָנומענטן זענען בכלל זאַכן וואָס דערגענצן דאָס עסטעטישע בילד פון אַ געגנט, אַ גאַס אָדער אַ פּלאַץ; עס זענען אָבער דאָ מאָנומענטן וואָס דערציילן עפּעס, שטרייכן עפּעס אונטער פון דער פאַרגאַנגענהייט, רעגן אָן צו געדאַנקען־אַסאָסיאַציעס ווען איר קוקט אויף זיי און לאָזן אייך ציען דעם געהעריקן שלום און מוסר השכל פון זאַכן און געשעענישן; פּאַלערמאָ האָט צווישן אירע צענדליקער דענקמאָ־לער צוויי אַזעלכע: דעם מאָנומענט נאָך דזשוסעפּע גאַריבאַלדי און דעם „מאָנומענט פון די שפּאַניער".

אויף דער פּלאַסאַ איטאַליע געפינט זיך דער ערשטער; דער דענקמאָל נאָך גאַריבאַלדי, אָט דער איטאַליענישער פאָלקס־מענטש וואָס האָט זיין לעבן געווידמעט צום קאַמף פאַר פרייהייט און אייניקייט פון זיין אייגן פאָלק און פאַר דער פרייהייט און אומאָפּהענגיקייט פון די דרום־אַמערי־קאַנער לענדער, וואָס האָבן אין פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט געבויט זייער זעלבסטשטענדיקייט אינספּירירט אין די געבאָטן וואָס זענען אויפגעקומען אין 19טן יאָרהונדערט אַלס פּועל יוצא פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע.

אָן ערנסטער זיצט ער רייטנדיק אויפן פערד, גאַריבאַלדי, מיט זיין קלאַסישער צורה אויף וועלכער עס ליגט אויסגעגאָסן די עקשנות פון אַ

קעמפער, אויסגעדריקט אין איר ריינסטער כוונה פון אַ פאָלקס־באַפרייער וואָס האָט זיין מיסיע אויפגענומען אויפריכטיק און אומאייגנוציק — זיצט ער... און עס זעט אויס ווי ער וואָלט באַטראַכט דאָס געדראַנג אַרום זיך און עס טוט אים הנאה וואָס אויך ער האָט צוגעלייגט אַ האַנט צו דעם דאָזיקן אויפטו, צו דעם דאָזיקן ווערק וואָס הייסט — בוענאָס איירעס...

דער צווייטער מאָנומענט דער „דענקמאָל פון די שפּאַניער", וואָס איז אפשר דער שענסטער אין בוענאָס איירעס, געפינט זיך אויף דער חנעוודיקער אַווענידאַ ליבערטאַדאָר כענעראַל סאַן מאַרטין (געוועזענע אַלוועאַר) און איז פול מיט אַלעגאָרישע פיגורן און אויפשריפטן וואָס סימבאָליזירן די אָנגעהעריקייט פון שפּאַניע צו אַרגענטינע און צו לאַטיין־אַמעריקע בכלל. דער מאָנומענט אָן און פאַר זיך איז פון קאָלאָסאַלן פאַרנעם און פאַרמאָגט אין זיך אַ שלל פון טעכניק און קונסט, ווי אַ סך אַנדערע מאָנומענטן און סטאַטועס מיט וועלכע עס איז פול דאָס באַרימטע שפּאַציר־אָרט פון דער אַרגענטינער הויפּטשטאָט.

*****

פּאַלערמאָ איז אין בוענאָס איירעס פאַרעכנט פאַרן אַריסטאָקראַטיש־סטן שפּאַציר פּלאַץ, אָבער עס איז אינדערעמתן דאָס פאָלקסטימלעכסטע שפּאַציר פּלאַץ; אין די זונטיק טעג ציען אַהין גרויסע מאַסן נייגעריקע צו פאַרברענגען אַ פּאָר געמיטלעכע שעה. איבערהויפּט זענען דאָס אַר־בעטס־מענטשן מיט זייערע פאַמיליעס וואָס קאָנען זיך נישט פאַרגינען דעם לוקסוס צו נעמען אַ פּאָר וואָכן אורלויב ווי עס טוען די מער באַ־מיטלטע שיכטן וואָס צעפאָרן זיך אין די זומער־סעזאָנען, ווער אויף אַ ביישטאָטיקער דאַטשע און ווער ערגעץ אויף אַ פּלאַזשע. פּאַלערמאָ ווערט דעריבער אין די זומערדיקע זונטיקן פאַרוואַנדלט אין אַ מין קאָלעקטיווער פאָלקס־דאַטשע פאַר די טויזנטער אַרבעטס־מענטשן וואָס פאַרברענגען די גאַנצע וואָך ווער אין וואַרשטאַט, פאַבריק, און ווער אַלס אָנגעשטעל־טער אין ביוראָ אָדער געשעפט. און מיט וויפל קריטיק מען זאָל זיך נישט באַציען צו פּאַלערמאָ אַלס געגנט וואָס איז אינגאַנצן פאַרכאַפּט געוואָרן אַלס פּערמאַנענט ווין־פּלאַץ פון די אַריסטאָקראַטישע שיכטן, פאַרדינט

עס פֿאַרט דעם נאָמען פֿון אַ פֿאָלקסטימלעכן שפּאַציר־פּלאַץ צוליב דעם מאַסן־כאַראַקטער וואָס עס באַקומט אין די רו־טעג, ווען דער געוויינלע־כער מאַסן מענטשן באַפֿרייט זיך פֿון זיין טעגלעכן עול און קומט אַהין פֿראַנק און פֿריי צו זעטיקן זיין אויג מיטן פּראַכט פֿון די באַגראָזטע און באַבלומטע ערטלעך; זיך אָפּקילן אינעם שאָטן פֿון די געדיכטע וועלד־לעך און אָפּפֿרישן די לונגען מיט דער ריינער, פֿרישער לופֿט. עס פֿאַר־דינט כשר דעם דאָזיקן נאָמען אויך דערפֿאַר וואָס עס גיט דעם פֿאָלקס־מענטשן רעלאַטיוו כאָטש אַ באַגריף פֿון יום־טובדיקייט נאָך די וואָרע־טעג פֿון וואָכעדיקער אַרבעט און קאַמף פֿאַר דער עקזיסטענץ; עס פֿאַר־דינט דעם נאָמען, ווייל כאָטש אין געוויסע מאָמענט מילדערט עס אַביסל דער אַזוי שווערן און האַרטן גורל פֿונעם אַרבעטנדיקן פֿאָלקס־מענטש און האָרעפּאַשניק.

⁂

פֿון אַלע דעטאַלירטע שפּאַציר פּלעצער אין פּאַלערמאָ איז דער זאָ־אָלאָגישער גאָרטן זיכער דער טשעמפּיאָן; און הגם צווישן אַלע פּאַרוויי־לונגס־פּלעצער אין פּאַלערמאָ איז ער דאָס איינציקע עפֿנטלעכע פּלאַץ מיט אַן אָפּצאָל פֿאַרן אַריינגאַנג, ציט ער אפֿשר די גרעסטע צאָל באַזוכער לויט דער פּראָפּאָרץ.

און אויב דער חיות גאָרטן איז אין פּאַלערמאָ דאָס פּאָפּולערסטע שפּאַציר פּלאַץ, זענען אין גאָרטן גופֿא פֿאַראַן באַשטימטע ערטער וואָס זענען מער אָדער ווייניקער פּאָפּולער, לויט דעם מין חיות וואָס זיי פֿאַר־מאָגן: דער גאָרטן מאַכט דעם איינדרוק פֿון אַ גרויסער טעאַטער טרופּע מיט אַ גרויסער צאָל סטאַטיסטן און געציילטע סטאַרן.

די הויפּט „סטאַרן" פֿונעם זאָאָלאָגישן גאָרטן זענען בלי ספק דער העלפֿאַנט, דער היפּאָפּאָטאַם, דער זשיראַף און די מאַלפּעס; די לייבן, טי־גערן און בערן זענען שוין אַ מין וואָכעדיקער גאַנג; דאָס זעלבע מיט די פֿאַרשידענע פֿייגל. דערפֿאַר אָבער ווערן שטאַרק באַזוכט די אַנסאַמבל־ספּעקטאַקלען פֿון אונדזערע געשוועסטער קינדער, די מאַלפּעס: זיי זענען מיט זייערע רעווי־ספּעקטאַקלען (אין קעגנזאַץ צו די סטאַרן וואָס שפּילן דאָרט תּמיד ערנסט טעאַטער ווי צום ביישפּיל דער העלפֿאַנט און היפּאָ־

פּאָטאָם) תמיד פאַרזיכערט מיט אַ „סבֿאָר”. ביי זייערע שטייגן וועט איר כסדר געפינען אַ מאָסן עולם — (ווייזט אויס אַז וואָס אייגנס איז נישט פרעמדס...) וועלכער האַלט זיך בײַ די זייטן פאַר געלעכטער פון די שטיק וואָס די קליינע שטיפערס אַרבעטן אין זייערע שטייגן. אָבער איינס מוז מען אונטערשטרייכן: אונדזערע קרובים האָבן שוין אַ שטיק באַגריף וועגן דעם היסטאָרישן מאַטעריאַליזם; זיי מאַכן נישט זייערע שטיק, אַזוי זיך, לשם שמים; אָ, אַזוי ווייט יאָלדיש זענען זיי נאָך נישט. זיי הייסן זיך דערפאַר באַצאָלן, אָבער — נישט אין געלט נאָר אין פּראָדוקטן (מען מוז אָנערקענען אַז אפילו אין תפיסה זענען אונדזערע קרובים קאָנסעקווענט מיט זייער „אויסטויש־סיסטעם” לויט זייערע היימישע וואַלד געזעצן...) זיי באַקומען באַנאַנעס, לעקעכלעך, שאָקאָלאַד, ניסלעך און צוקערקעס און זיי מאַכן דערפאַר אַלערליי קונצן.

דאָס הויפּט־פּובליקום פון דעם זאָאָלאָגישן גאָרטן, איז פאַרשטייט זיך דאָס קליינוואַרג, די קינדער. עס וועט אָבער נישט זיין איבערגעטריבן צו זאָגן אַז די גרויסע ווערן פאַרוואַנדלט טיילווייז אין קינדער ווען זיי געפינען זיך אינעם קעניגרייך פון דער געפאַנגענער פאַונאַ. אין אַלגעמיין איז דער זאָאָלאָגישער גאָרטן דאָס עקזאָטישסטע ווינקל פון פּאַלערמאָ און איז די אַטראַקציע פון קליין און גרויס.

**
*

פּאַלערמאָ איז גרויס לויטן שטח און זי באַשטייט פון אַ גאַנצער רייע פּאַרקן, פּלאַצעס, וועלדלעך און קינסטלעכע אָזערעס. דער וואָס איז נישט באַקאַנט מיט דעם פּלאַץ קאָן דאָרט ממש פאַרבלאָנדזשעט ווערן, ווי אין אַן אורוואַלד. יעדער פּלאַץ האָט זיך אַ באַזונדערן נאָמען און אפילו אַן אייגענע כאַראַקטעריסטיק, אָבער אין אַלגעמיין־גענומען איז פּאַלערמאָ אַ פּרעכטיקע בשותּפותדיקע שאַפונג פון מענטשלעכער אַרבעט און נאַטור־שפע און זי באַצירט ווי אַ ריזיקע צעבליטע וואַזאָנע די שטייניקייט פון דער גרויסער מעטראָפּאָליע.

ב"ם 'ם

מאנטעווידעא, א געמיטלעכע שטאט

פאראן מענטשן, וועלכע האבן ליב צו הערן מוזיק, איבערהויפט קלאסישע, גוטע מוזיק, מיט צוגעמאכטע אויגן. זיי בארעכטיקן עס מיט דער באהויפטונג, אז אויף אזא אופן איז דער גענוס א פולקאמענער און די עמאציע א שטארקערע און עכטערע.

בעתן אנקומען קיין מאנטעווידעא האב איך מיך אן דעם דערמאנט און געטראכט, אז וואס שייך דער הויפטשטאט פון אורוגוויי, וואלט דער מעטאד פון צוגעמאכטע אויגן דעם ארגענטינער און איבערהויפט דעם בוענאס איירעסער טוריסט, אריינגעפירט אין א טעות. מיט פארמאכטע אויגן וואלט אייך די מאנטעווידעער „מוזיק" געקלונגען עכט ארגענטיניש: איר וואלט געהערט אויסשרייען כמעט די זעלבע נעמען פון צייטונגען און זשורנאלן ווי אין בוענאס איירעס; איר וואלט גערזען רעקלאמעס פון די זעלבע ארטיקלען און אין דעם זעלבן נוסח; די גאסן און די פלאסעס, די קראמען און זייערע שויפענצטער; די קאפעהייזער און די שענקלעך ביי די אלמאסענען און א סך אנדערע זאכן, וואלטן אייך איינגערעדט, אז איר געפינט זיך אין ארגענטינע און איר וואלט נישט פארשטאנען פארוואס מען האט ביי אייך געפאדערט דאקומענטן ביים אראפגיין פון שיף און פארוואס דער באאמטער פונעם צאלאמט האט מיט אזוי פיל כוונה חוקר ודורש געווען אייער וואליזקע...

דער ארגענטינער טוריסט, וועלכער וויל זען עפעס נייעס, מוז דע־ריבער באטראכטן מאנטעווידעא מיט אפענע אויגן און איבערהויפט מיט אפענע חושים. די אורוגווייער הויפשטאט אין שיין און — וואלט איך געזאגט — אריגינעל אין א סך הינזיכטן; מאנטעווידעא פארמאגט איר אייגענעם חן, איר אייגענע „מוזיק", וועלכע פארשאפט אן עכטן גענוס און עמאציאנירט דעם טוריסט נאר דאן, ווען ער איז גענוג פילבאר

און עמפּינדלעך אויפּצוכאַפּן און צו „פּאַרדייען", אַזוי צו זאָגן, געוויסע דעטאַלן, וועלכע זענען חנעוודיק דווקא אין זייער איינפאַכקייט און אומ־מיטלבאַרקייט.

***

דאָס ערשטע, וואָס דער בוענאָס איירעסער טוריסט פילט, ווען ער שטייגט אָפּ אין מאָנטעווידעאָ, איז — די געמיטלעכקייט. לויט אַלע כּללים פון מאָדערנעם לעבן וואָלט דער מאָנטעווידעער איינוווינער געדאַרפט זיין פונקט אַזוי נערוועז, געשפּאַנט און רעזערווירט ווי דער בוענאָס איירעסער איינוווינער; טאַקע אַ קלענערע שטאָט ווי בוענאָס איירעס, איז דאָך מאָנ־טעווידעאָ פאָרט די הויפּטשטאָט פון אַ לאַנד, אַ צענטער, וווּ עס קאָנ־צענטרירט זיך דאָס גאַנצע לעבן און וועזן פון אורוגוויי, און דער איינ־וווינער אירער וואָלט על פּי לאָגיק געדאַרפט זיין געשפּאַנט און אָנגעצויגן. אָבער עס איז נישט אַזוי; אַלץ איז דאָ אַזוי געמיטלעך און בנעימותדיק. פרעגט איר עמעצן אויך אַ גאַס, אויף אַ נומער טראַמוויי אָדער אויף עפּעס, וואָס האָט אַ שייכות מיט אייערע טוריסטישע אינטערעסן, ענט־פערט אייך יענער בלב ונפש, ווייזט אַרויס אַזאַ איבערפלוס פון העפלעכ־קייט און אומאייגננוציקייט, אַזאַ צוגעלאָזענע ליבלעכקייט, אַז עס גלוסט זיך אייך אַרומנעמען דעם מענטשן און אים אַ קוש צו טון.

אָט זענען אַ פּאָר ביישפּילן פון העפלעכקייט, וואָס איך האָב אָנגעטראָפן אין מאָנטעווידעאָ.

נישט ווייט פונעם פּאָרט האָב איך אָפּגעשטעלט אַן אַרבעטער און אים אַ פרעג געטון, וווּ איך קאָן אויסטוישן עטלעכע פּעזעס. איך ווייס נישט פון וואַנען זיי האָבן זיך גענומען, אָבער אין דער זעלבער מינוט בין איך געווען אַרומגערינגלט פון עטלעכע פּערזאָן און יעדער איינער פון זיי האָט זיך געסטאַרעט מיר צו געבן אַ וואָס בעסערע עצה, ווי אַזוי אויסצוטוישן דאָס געלט אויף אַ לויינבאַרערן אופן.

דאָס זעלבע האָט פּאַסירט, ווען איך האָב אויף אַ ראָג פון אַ גאַס אַ פרעג געטון אַ דורכגייער, מיט וואָס פאַר אַן אויטאָבוס איך קאָן פאָרן קיין פּאָסיטאָס. דער אָנגעפרעגטער האָט זיך נישט באַנוגנט מיט ענטפערן מיר, נאָר האָט תיכף אָפּגעהאַלטן אַ „קאָנסיליום" מיט נאָך צוויי דורכגייער

און אַלע דריי האָבן זיי מיר אויסגעזוכט אַזאַ אויטאָבוס, וועלכער האָט מיך שיר נישט אַריינגעפירט אין דעם האָטעל, וווּ איך בין איינגעשטאַנען.

אָבער אַ גאָר מערקווירדיקער פאַל פון העפלעכקייט האָט מיט מיר פּאַסירט אין אויטאָבוס גופא. איך האָב אַ פרעג געטון דעם „גוואַרדאַ" וויפל עס קאָסט אַ צייטונג, האָט ער מיר געענטפערט, אַז עס קאָסט פיר סענטעסימאָס און אַזוי ווי ער האָט באַלד געזען, אַז ער האָט דאָ צו טון מיט אַ „גרינעם", פון יענער זייט לאַ פּלאַטאַ, האָט ער זיך אָנגערופן:

— צו וואָס דאַרפט איר קויפן אַ צייטונג, איך וועל אייך אויסלייען מיינע; ביז פּאָסיטאָס איז נאָך ווייט...

דער זשעסט האָט אויף מיר געמאַכט זייער אַ טיפן איינדרוק און אַזוי ווי איך האָב די דאָזיקע העפלעכקייט און געמיטלעכקייט באַגעגנט אויך ווייטער, נעם איך מיר דאָס רעכט צו באַטראַכטן עס אַלס איינעם פון די אייגנאַרטיקסטע און סימפּאַטישסטע שטריכן פון דער אורוגווייער הויפּטשטאָט.

איך האָב מאָנטעווידעאָ דערזען אין אַ גרויען פרימאָרגן נאָך פערצן יאָר וואָס איך האָב זי נישט געהאַט געזען. איך האָב זי נישט געפונען קיין סך געענדערט און זי האָט דעריבער ביי מיר אַרויסגערופן אַזוי פיל סענטימענטאַלע דעראינערונגען. ווידעראַמאָל האָב איך פאַר זיך דערזען די אביסל קוויטיקלעכע גאַסן אַרום פּאָרט. דאָ און דאָרט זענען צוגעקומען עטלעכע נייע געביידעס, אָבער אין סך־הכל די זעלבע פּאַנאָראַמע; די זעלבע „אַדואַנאַ", צו וועלכער עס ריכט זיך כמעט דער גאַנצער שטאָט־פּאַרקער; די זעלבע פּלאַסאַ אינדעפּענדענסיאַ און דער ריזיקער דענקמאָל פון אַרטיגאַס, וועלכער נעמט קיין אויג נישט אַראָפּ פון דער אַווענידאַ 18 דע כוליאָ; די זעלבע גאַסן, די זעלבע סקווערן און דאָך פאַר מיר אַזוי פריש און לאָקנדיק, אַזוי סימפּאַטיש און אָנגענעם, גלייך איך וואָלט זיי דאָס ערשטע מאָל דערזען...

***

דער זומער־טוריסט, וועלכער קומט קיין מאָנטעווידעאָ, קומט פאַר־שטייט זיך, אויסשליסלעך צוליב „זיינע" זאַכן. ער קומט זיך באָדן, אָפּ־פרישן און באַנייען און עס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז ער זאָל אַלץ

זען דורך אַ באַשטימטער פּריזמע, וועלכע איז אין גרונט גענומען אַ מין יום־טובדיקע.

זאַכן זעט מען סרוב מאָל דורך דער אייגענער שטימונג און נישט אַזוי ווי זיי זעען אויס אין דער ווירקלעכקייט און דער זומער־טוריסט, וועלכער קומט קיין מאָנטעווידעאָ אין סאַמע זומער־סעזאָן, מוז זיין זייער אַ ניכטערער און איבערהויפּט אַן „אָביעקטיווער" באַאָבאַכטער, אַז די אורוגווייער הויפּטשטאָט זאָל אים נישט אויסזען „כולו יום־טוב" אַזוי צו זאָגן.

דער דאָזיקער איינדרוק פון כולו יום־טוב שאַפט זיך,ווי איך האָב אויבן געזאָגט, אַ דאַנק דער שטימונג פונעם טוריסט גופא, אָבער אַ גרויסן חלק אין דעם האָט דער פאַקט, וואָס די יום־טובדיקע שטימונג איז טאַקע אָנזעעוודיק אין מאָנטעווידעאָ בעתן באָד־סעזאָן. אַלץ אין דעם פּעריאָד פון יאָר איז גרייט און „קלאַפּט" ווי אויף אַ גוט אויסגעשטאַטער בינע נאָכדעם וואָס מען האָט אויפגעהויבן דעם פאָרהאַנג... די הויפּט־„אַקטיאָרן" פון דעם דאָזיקן וווּנדערלעכן „שוישפּיל" — די טוריסטן — דרייען זיך אום אויפגעלייגטע איבער די גאַסן מיט ברוינע, אָפּגעברענטע פּנימער, על פּי רוב ספּאָרטמעסיק אָנגעטון, שטעלן זיך אָפּ קוקן אויף יעדער זאַך, וואָס איז פאַר זיי אַ נייעס, באַזוכן די געשעפטן, פאָרשן די שויפענצטער פון די קראָמען, און שאַפן אַן אויבנאויפיק בילד פון זאָרג־לאָזיקייט, ווי גלייך דאָס וואָלט געווען דער פּערמאַנענטער שטריך פון דער הויפּטשטאָט.

אַזויווי דעם הויפּט־טאָן גיבן אין דעם פּעריאָד פונעם יאָר די אויס־לענדישע טוריסטן, זעט איר פון אַלע זייטן שמייכלענדיקע אויגן (מיטן אויסנאַם פאַרשטייט זיך פון יענע, וועלכע האָבן איבערגעכאַפּט די מאָס פון ברענען זיך אויף דער זון...), אויגן וועלכע דערציילן אייך נישט וועגן דעם עול פון דאַרפן גיין צו דער אַרבעט, פון פירן געשעפטן, אָדער אַנ־דערע זאָרגן, וואָס יעדער איינגעזעסענער, פּערמאַנענטער בירגער האָט אין זיין טאָג טעגלעכן לעבן.

פאַר דעם גוטן באַאָבאַכטער איז אָבער נישט שווער צו דערזען דורך דעם דורכזיכטיקן נעפּל פון צייטווייליקן, פּראָוויזאָרישן יום־טוב די אַל־טעגלעכקייט פון מאָנטעווידעאָ; עס איז נישט שווער צווישן דער קינסט־

לעבער זאָרגלאָזיקייט, וועלכע עס שאַפן די צוגעקומענע, צו זען די „אַנ־דערע" מאָנטעווידעאָ; די מאָנטעווידעאָ פון דעם טאָג טעגלעכן חול, די מאָנטעווידעאָ פונעם ארבעטער, פונעם אָנגעשטעלטן, פונעם געשעפטסמאַן; די מאָנטעווידעאָ פונעם אַרבעטסלאָזן און פונעם אָרעמען, וואָס איר קאָליר איז נישט אַזאַ ראָזעווע, ווי דאָס בילד אויף דער אַווענידאַ 18 דע כוליאָ, ווו אַלץ גלאַנצט און באַט זיך אָן אַזוי פריידיגביק, אַזוי עלעגאַנט און העפלעך — זיין מאַיעסטעט, דעם אויסלענדישן טוריסט...

***

איינע פון די אַרבעטער־געגנטן, ווו מען פילט די „אנדערע" מאָנ־טעווידעאָ איז ווידשא דעל סעררא.

איך האָב באַזוכט ווידשא דעל סעררא, אָבער נישט דער באַרימטער לייכט־טורעם האָט מיך אינטערעסירט — אגב, האָב איך אים שוין אַ סך מאָל געזען — נאָר דאָס סעררא, וועלכעס לעבט אַרום די צוויי גרויסע פלייש־זאַוואָדן, די „פריגאָריפיקאָס", וועלכע זענען דער פרנסה־קוואַל פון כמעט דער גאַנצער באַפעלקערונג דאָרט.

און — צי דאַרף מען דען פאָרן קיין סעררא אויף צו זען די „אַנ־דערע מאָנטעווידעאָ"? עס איז גענוג צו באַטראַכטן די אָרמיי אָנגעשטעל־טע און ארבעטער, וועלכע אַרבעטן אַרום דער טוריסטן־„אינדוסטריע" זיך איבערצוציינן, אז ביי זיי איז די שטימונג אַן אַנדערע. דאָס בילד אויף דער פּליאַזשע איז בלויז איין און איינציקס, אָבער נישט יעדער זעט עס אַלצאיינס; דער טוריסט זעט עס אַנדערש ווי דער, וועלכער באַדינט דעם טוריסט אויף דער פּליאַזשע, אין האָטעל, אין רעסטאָראַן און אויפן עקס־קורסיע־קאָטש; דער וואָס שפּילט אין רולעטע זעט דאָס גאַנצע בילד אַנדערש, ווי דער וועלכער אַרבעט און באַדינט די רולעטע: פאַר דעם ערשטן איז דאָס אַ קוואַל פון האָפענונגען און פאַרן צווייטן אַן ארבעט, אַ פאַך, וועלכעס איז אפשר נישט זעלטן אַן אָפּקומעניש, וואָס נודיעט אים ביי דער נשמה; דער וואָס באַקומט דעם שירעם אויף צו שיצן זיך קעגן דער זון אויף דער פּליאַזשע, זעט אים ווארשיינלעך גאַנץ אַנדערש ווי דער, וועלכער דאַרף אים דעם שירעם אָוועקשטעלן און צוגרייטן, און דער וועלכער קומט אין האָטעל אַריין נאָך דער באָד, זעט אוודאי מיט אַנ־

דערע אויגן דעם געגרייטן טיש און דאָס פֿאררוימטע צימער, ווי דער וואָס האָט דאָס אַלץ געדאַרפֿט צוגרייטן...

און דאָס זענען זיי די וואָס בילדן די „אנדערע" מאָנטעווידעאָ. די וואָס גרייטן אײַך צו דעם שירעם אויף דער פּליאַזשע, דאָס עסן און געלעגער אין האָטעל און די וואָס באַדינען אײַך אומעטום, פֿאַר זיי איז דאָס גאַנצע בילד אַביסעלע גרויער ווי פֿאַר אײַך. איך ווייס נישט וויפֿל פֿון די טוריסטן עס באַמערקן דעם דאָזיקן שטריך, אָבער מיך האָט עס אויסערגעוויינלעך גערעגט. איך האָב מיך צוגעקוקט צו אַ סך פּנימער פֿון די וועלכע אַרבעטן אַרום די געביטן וועלכע האָבן אַ שייכות מיטן סעזאָן און איך האָב אויף זיי נישט באַמערקט קיין שמץ פֿון פֿרייד, פֿון עמאָציע, און אויב אייניקע האָבן אַרויסגעוויזן סימנים פֿון אַ געוויסער עמאָציע, איז זי דורכאויס געווען אַ געמאַכטע, ווײַל אַזוי האָבן געפֿאָדערט די אומשטענדן, דאָס „פֿאַך".

ווײַל פֿאַר זיי איז דאָס אַלץ נישט מער ווי אַ טייל פֿון זייער טאָגטעגלעכן לעבן; פֿאַר זיי איז די פּליאַזשע, דער האָטעל, דער עקסקורסיעקאָטש און דער פֿאָטאָ־אַפּאַראַט, נישט מער ווי אַ טייל אין זייער קאַמף פֿאַר דער עקזיסטענץ; פֿאַר זיי איז דאָס נישט קיין אילוזיע, קיין יום־טוב, נאָר פּראָסטער חול — ווירקלעכקייט...

א דענקמאָל אין זאַמד

ווען מען וויל באַצייכענען עפּעס, וואָס האָט קיין צוקונפט נישט, זאָגט מען, אז „עס איז געבויט אויף זאַמד".

זאַמדיקער, שטייניקער באָדן איז דער סימבאָל פון אומפּרוכטבאַרקייט און וויסטקייט און דערמאָנט אונדז אין מדבר.

וואָס איז שייך פּיריאַפּאָלים באַנקראָטירט די דאָזיקע טעאָריע אויף אַלע הונדערט פּראָצענט, און באַווייזט אונדז, אז אין לעבן איז... אַלץ „רעלאַטיוו".

פּיריאַפּאָלים איז „געבויט אויף זאַמד" און האָט פונדעסטוועגן א צוקונפט, און — נאָך וואָס פאַרא צוקונפט!...

דער באָדן אין און אַרום פּיריאַפּאָלים איז א פולשטענדיק זאַמדיקער און שטייניקער און איר האָט פונדעסטוועגן אין קיין שום מאָמענט נישט דעם איינדרוק פון אומפּרוכטבאַרקייט און וויסטקייט; פונקט פאַרקערט — אַלץ וואָס איר זעט און פילט (און אין פּיריאַפּאָלים פילט מען, אוי פילט מען...) גיט אייך אָנצוהערן וועגן א גן־עדן, א גן־עדן אין — זאַמד.

פאָרנדיק מיט דעם וועג פון מאָנטעווידעאָ קיין פּיריאַפּאָלים פון אַזעלכע 120 קילאָמעטער, וועלכער שלענגלט זיך צווישן א געמיטלעכער און ווייכער נאַטור־שיינקייט, א הערלעכע נאַטור־פּאַנאָראַמע, אין וועלכער עס זענען ווי די בלומען איינגעוועבט שטיקער ציוויליזאַציע אין דער פאָרעם פון ישובים, פון בריקן, פון טעלעגראַף־סלופּעס, צייג־שילדן און נאַפט־פּלומפּן, האָט איר שוין דעם איינדרוק, אז דער ענדפּונקט, צו וועלכן דער אויטאָבוס פירט אייך, מוז אויך זיין שיין; איר ריכט זיך, אז דער „טרקלין" זאָל יעדנפאַלס, אויב נישט שענער, אַנטשפּרעכן די שיינקייט פונעם „פּרוזדור"...

און אייער חוש נאַרט אייך נישט אָפּ: פּיריאַפּאָלים איז דער טרייער, מייסטערהאַפטער, לעצטער „פענזל־שמיר" פון דעם וואונדערלעכן נאַטור־

בילד, וואָס הויבט זיך אָןביים סאַמע אַרויספאָרן פון מאָנטעווידעאָ... דאָ האָט דער „מייסטער”, וואָס האָט דאָס בילד געשאַפן, אויסגעמאָלן אין איבערפלוס די שפע פון זיין „אינספּיראַציע” און פּיריאַפּאָלים איז אויף אַזאַ אופן געוואָרן אַ באַשטימטער פּונקט, אַ באַשטימטער ניואַנס אין דער מענגע פון נאַטור־שיינקייטן, מיט וועלכע אורוגוויי איז אַזוי רייך.

די הויפּט אורזאַך פון דעם איינדרוק, וואָס איר באַקומט פון פּירי־אַפּאָלים שטאַמט אפשר פון דעם, וואָס זי דערשיינט פאַר דעם וועלכער האָט זי נאָך נישט געזען ספּאָנטאַן ווי אַ פּרעכטיק קונסט־בילד, וועלכעס מען האָט פּלוצים אויפגעהילט.

איר זענט אַ שפּאַן פון דעם באַרימטן קוראָרט, אָבער דאָס שטעטל גופא זעט איר נאָך נישט. דער קאָטש, מיט וועלכן איר פאָרט זעט אויס ווי אַ פאַרפאַלענער צווישן וועלדער, וועלכע קוקן מיסטעריעז און אימהדיק פון לינקס, פון רעכטס, פאַר אייך און הינטער אייך, און דאָס אַליין גיט שוין דעם טוריסט דעם מאַקסימום פאַרגעניגן; דאָס ספּאָנטאַנע איבער־טראָגן זיך פון קאָכעדיקער שטאָט אין דעם אַמביענט פון וואַלדיקער דממה, ווירקט אויסערגעוויינלעך אַפּפרישנדיק אויפן געמיט פונעם טוריסט.

***

און אָט איז פּיריאַפּאָלים. מיטאַמאָל דערזעט איר עס, ווען דער קאָטש פאַרענדיקט אַ זיגרייכער דעם וואַלדיקן טראַקט און פאַלט אַריין אויף דער סאַמע ראַמבלע, וווּ עס געפינט זיך דער רוב מנין און רוב בנין פון דעם וואָס די ציוויליזאַציע האָט מיט אירע באַשיידענע כוחות גע־פּרוווט מיטשטייערן צו דער נאַטור־שיינקייט פון דעם קוראָרט; רעכטס שפּיגלט דער ים פון זיין געלעגער אַרויס, ווי אַ פּרימאַדאָנע, וועלכע פילט, אַז אָן איר קאָן מען זיך איבערהויפּט נישט באַגיין... אַנטקעגן דערשיינט פאַר אייך דער „סאַן אַנטאָניאָ”, אַ באַרג, וועלכער דערציילט אייך מיט זיין פעלזיקייט פון „מעשה בראשית”; לינקס ווינקט דער עוקאַליפּטוס־וואַלד און רופט אייך זיך גיין אָפּפרישן אין זיין שאָטן און ריינער לופט; עטוואָס לינקס פונעם „סאַן אַנטאָניאָ” קוקן אויף אייך אַראָפּ די סקאַלעס פון אַ צווייטן באַרג, וועלכן מען רופט „על טאָראָ” און צווישן די אַלע גיגאַנטישע נאַטור־שאַפונגען האָבן זיך דאָ און דאָרט איינגעוועבט פאַר־

ביקע פּינטעלעך פון האָטעלן, האָטעלעכלעך און פּענסיאָנען, וועלכע קוקן אַרויס פון צווישן דער גערדיכטער פלאַנצן־וועלט אין די בערג, ווי די שרויטעלעך; דער גרעסטער האָטעל פון פּיריאַפּאָליס, דער „האָטעל אַר־כענטינאַ", וועלכער איז קאָלאָסאַל, סיי לויט דער גרויס און סיי לויט זיינע ליניעס און קאַפּאַציטעט, זעט אויס ווי אַ קאַרליקל, אינעם מאַסשטאַב פון דער ריזן נאַטור, וועלכע רינגלט אים אַרום אין פּיריאַפּאָליס.

דאָס אַלץ דערשיינט פאַר אייערע אויגן ספּאָנטאַן, פּלוצים, ווי אַ בילד אויפן קינאָ־לייוונט, און עס מאַכט דעריבער אויף אייך אַ שטאַרקן איינדרוק; דאָס וואָס פּיריאַפּאָליס ליגט באַהאַלטן אין אַ ווינקל אין דעם שאָטן פון די בערג, וועלכע רינגלען זי אַרום און די וועלדער, וועלכע פאַר־שטעלן זי ביז צום לעצטן מאָמענט איידער מען דערזעט זי, האָט אַ גרויסן חלק אין דעם וואָס ווען מען דערזעט זי, איז דער איינדרוק וואָס מען באַקומט אַ גאַנצער, נישט קיין פראַגמענטאַרישער; עס איז דער איינדרוק וועלכן מען באַקומט פון אַ קאָנצענטרירט קונסט־ווערק אויפן לייוונט.

און דער דאָזיקער איינדרוק פון פּיריאַפּאָליס ווערט שוין נישט פאַר־שווונדן די גאַנצע צייט וואָס איר געפינט זיך דאָרט. די פּרטים, די „פראַגמענטן", וועלכע איר זעט דערנאָך אין פּיריאַפּאָליס, פּונקט ווי אַלע טוריסטן, די באַזונדערע טשיקאַוועסטן, וואָס די נאַטור און די ציוויליזאַ־ציע האָט דאָרט געשאַפן, וועלכע איר זעט מיט די אייגענע אויגן, און מען פאַרקויפט אייך אָפּגעקאָפּירטע אויף די פּאָסט־קאַרטלעך אויף שריט און טריט, קאָנען אייך שוין מער נישט צוגעבן און נישט צונעמען, וואָס שייך דעם ערשטן איינדרוק, וואָס איר האָט באַקומען ווען איר האָט זי צום ערשטן מאָל דערזען.

***

מיינער אַ באַקאַנטער פון ראָזאַריאָ, מיט וועלכן איך האָב מיך באַ־געגנט אין פּיריאַפּאָליס, אַ ייִד, וואָס טראָגט אויף זיך די „לאַסט" פון אַ עטלעכע מיליאָן פּעזאָס און ווייסט ווי אַזוי אַ לעב צו טון, האָט מיר גע־זאָגט: „שוין איבער פופצן יאָר, אַז איך פאָר יאָר־איין יאָר־אויס קיין פּיריאַפּאָליס. איך ווייס נישט פאַרוואָס, אָבער איך האָב דאָס ליב באַקו־מען"...

ווען איך וואלט דעם יידן געפרעגט פארוואס ער האט זי „ליב באקומען", וואלט ער מיר נישט געוווסט וואס צו ענטפערן, ווייל ער האט מיר געוווסט צו דערציילן, אז אין „מאר דעל פלאטא איז דער ים און די פליאזשע טויזנט מאל בעסער", אז „די פליאזשע פון פיריאפאלים האט א סך שטיינער" און — „צו וואס דארף מען פארן אזוי וויט, אז מיר האבן אייגענע פליאזשעס און אז קארדאבא, מאר טשיקיטא און קארהוע איז אויך נישט אוועקצומאכן מיט דער האנט"...

ער ווייסט נישט פארוואס... נאר ער האט זי „ליב באקומען". דער דאזיקער ייד האט מיר אומווילנדיק אויסגעזאגט א זאך, וואס ער אליין ווייסט נישט וועגן זיך; נעמלעך: אז ער האט א ראפינירטן געשמאק, אז ער האט א חוש פאר שיינקייט און עסטעטיק; ער ווייסט נישט פארוואס, אבער דאס איז ווארשיינלעך די סיבה פארוואס ער האט „ליב באקומען" פיראפאלים; עס איז דא נישט קיין פראגע צי פיראפאלים איז א בעסערע אדער ערגערע פליאזשע; צי דער האטעל אדער פענסיאן קאסט דארטן טייערער אדער ביליקער; עס איז די פראגע פון דעם איינדרוק, און ווי עס זעט אויס האט דער דאזיקער ייד באקומען צום ערשטן מאל אזא שטארקן איינדרוק, ווי שטארק עס איז דער איינדרוק, וועלכן מען באקומט פון א פרוי, אין וועלכער מען „פארליבט" זיך און מען קאן זי שוין מער נישט פארגעסן... דער ייד האט ווארשיינלעך שלעכט אויסגעדריקט זיין געפיל, ווען ער האט געזאגט, אז ער האט זי „ליב באקומען", ווייל אייגנטלעך איז ער „פארליבט" אין פיריאפאלים.

איך בין זיכער, אז פיריאפאלים האט א סך אזעלכע „ליבהאבער", ווייל אפגעפרעגט פון דעם צי זי איז בעסער אדער באקוועמער פון אנדערע קורערטער, קאן אבער קיינער נישט צווייפלען אין איר ווייכער און געמיטלעכער שיינקייט, אין איר צויבער, זאכן וועלכע זענען פאר מענטשן מיט א ראפינירטן געשמאק פאר עסטעטיק, פאר נאטור־שיינקייט און פאר עכטקייט, פונקט אזוי וויכטיק ווי די באקוועמלעכקייט פונעם האטעל...

**
*

פיריאפאלים איז א קליין שטעטל, וועלכעס איז מיט א דריי צענדליק יאר צוריק נאך געווען כמעט אן אומבאקאנטער ישוב, אן ארעם

פישער־דאָרף, ווו עס האָט אָנגעהויבן אויפקומען דאָס היינט באַרימטע קוראָרט.

און ווי יעדע זאַך, וואָס מאַכט דורך אַ בליציקן אויפשטייג, איז אויך פּיריאַפּאָליס געוואָרן דער אָביעקט פון אַלערליי לעגענדעס סרוב פאַנטאַסטישע. די לעגענדאַרישקייט אַרום פּיריאַפּאָליס איז שוין דערגאַנגען ביז צו אַזאַ מדרגה, אַז קיינער אפילו פון די איינגעזעסענע תושבים וועט אייך נישט וויסן וואָס צו זאָגן אויף זיכער צי פּיריאַ, דער אייגנטימער און גרינדער פון דעם שטעטל, וואָס טראָגט זיין נאָמען (פּיריאַ־פּאָליס), איז געווען אַ טערק, אַן איטאַליענער אָדער אַ גריך; דער דאָזיקער מאַן איז ערשט צוריק מיט איניקע יאָר געשטאָרבן און שוין גייען וועגן אים אום לעגענדעס, גלייך ער וואָלט געווען געלעבט אין דער פאַר־קריסטלעכער עפּאָכע אָדער אין מיטלאַלטער. מען דערציילט זיך אָן פאַנטאַסטישע מעשיות וועגן זיין וויטזעוודיקייט, וועגן זיין ברייטהאַרציקייט און — וועגן זיין באָהעמישקייט; אַנדערע דערציילן אייך, אַז ער איז געווען אַ מענטש אַ טרוימער און מיט אַן אַנטוויקלטן חוש פאַר אומטערנעמעריש־קייט און ווילטעטיקייט; אָבער די פאַקטן דערציילן אייך, אַז ער איז געווען אַ פּראַקטישער מענטש, וועלכער האָט פאַרשטאַנען אויסצוניצן אַ געלעגנהייט און שאַפן אַ ווערק, וועלכעס איז געוואָרן נישט נאָר דער פּרנסה־קוואַל פאַר טויזנטער מענטשן און אַ פּלאַץ פאַר היילונג, אָפּרו און פאַרווײלונג פאַר הונדערטער טויזנטער מענטשן, נאָר האָט זיך פאַר־וואַנדלט אין זיין אייגענעם מאָנומענט, אין אַ דענקמאָל, וואָס די צייט וועט נישט נאָר נישט קאָנען פאַרווישן און אָפּמעקן, נאָר פונקט פאַר־קערט — זי וועט אים אויסברייטערן און פאַרגרעסערן, ווייל פּיריאַפּאָליס איז אַ קוראָרט מיט געוואַלדיקע מעגלעכקייטן און אין דער הינזיכט פון אַנטוויקלונג נאָך אַ קרקע בתולה, הגם זי האָט שוין ביים היינטיקן טאָג אַ שיין ביסל האָטעלן און פּענסיאָנען, פון וועלכע בלויז דער „האָטעל אַרכענטינאַ” האָט קאַפּאַציטעט אויף צו באַדינען 1.200 געסט, פאַרמאָגט אַן אייגענע בעקעריי און אַן עלעקטרישע סטאַנציע, וועלכע באַזאָרגט מיט באַלייכטונג דאָס גאַנצע שטעטל.

און צו וואָס לייקענען — כאָטש די לעגענדעס וואָס מען דערציילט וועגן פּיריאַ און פּיריאַפּאָליס, זיין ווערק, פּאַסן זיך נישט צום פּראַקטישן

אמביענט, וועלכער פילט זיך דאָ ווי אין יעדן קוראָרט, איז אָבער אין דער לופט אַזוי צו זאָגן, פון דעם דאָזיקן וווּנדערלעכן שטעטל יאָ פאראן עפּעס אַזוינס, וואָס עס שמעקט מיט לעגענדע: דאָס איז די גאַנצקייט פון דעם מעשה בראשיתדיקן בילד, די אַלגעמיינע פּאַנאָראַמע, מיט איר ווייכער שיינקייט, וועלכע צווינגט אויף אייך אַרויף אַ שטימונג פון מיסטיק, פון לעגענדע...

יאָ, פּיריאַ האָט זיך געשטעלט אַ דענקמאָל אין זאַמד אָבער אויף אַ פעסטן יסוד...

שפּאַציר בײַם אַטלאַנטיק

די רולעטע, די באַרימטע רולעטע, װעלכע מען האָט שױן אַזױפיל מאָל באַשריבן, באַזונגען און באַקלאָגט, איז אין גרונט גענומען נישט אַנדערש װי די איבעריקע אַזאַרט־שפּילן, װי למשל, לאָטעריע, פערד־געיעג אָדער קאָרטן. אױב זי אונטערשײדט זיך מיט עפּעס פון אַנדערע שפּילן, װו מען קאָן פאַרלירן און געװינען געלט, איז דאָס מיט איר בליצאַרטיקײט. די רולעטע, דאָס איז די „בליץ־סיסטעם" פון די אַזאַרט־שפּילן, דאָ קאָן מען אין משך פון אַ קורצער צײַט אױסטון דאָס לעצטע העמד און מען קאָן אױך נתעשר װערן און דערפאַר איז זי אַזױ צוציענדיק פאַר די פּראָפעסיאָנעלע שפּילער, װעלכע האָבן ליב צו פילן די דעמאָנישע עמאָציע פון דעם אַזאַרט, פּונקט װי אַן אומהײלבאַרער טרינקער האָט ליב װאָס שטאַרקערן בראָנפן, װעלכער זאָל אים אַ ברי טון אין גאָרגל...

אין פּיריאַפּאָליס געפינט זיך די רולעטע, (אין זײער אַ קלײנעם מאָסשטאַב) אין דעם באַרימטן „האָטעל אַרכענטינאַ" און שפּילט מער די ראָלע פון אַ פאַרװײלונגס־פּלאַץ פאַר די קורגעסט, אײדער אַ זאַמל־פּונקט פאַר „יחידי סגולה" פּראָפעסיאָנעלע רולעטע־שפּילער. נײַנציק פּראָצענט פון דעם עולם, װעלכער פאַרזאַמלט זיך אין דעם רולעטע־סאַלאָן באַשטײט פון צוקוקער. די אָנגעשטעלטע, װעלכע באַדינען די רולעטע־טישן האָבן אָן אַרבעט צו װאָרענען, אַז „די װאָס שפּילן נישט" זאָלן אָפּטרעטן דאָס פּלאַץ פאַר יענע, װעלכע שפּילן אָדער װילן שפּילן. דער אמתער אמת איז אָבער, אַז װען די רולעטע זאָל זײַן אױסגעשטעלט בלױז אױף די יחידים, װאָס האָבן ליב אײַנצושטעלן, װאָלט דאָרט געװען זײער אומעטיק; דװקא די זײַטיקע צושױער, װעלכע שטופּן זיך אַרום די שפּיל־טישן, שטעלן זיך אױף די שפּיץ־פינגער און קוקן אַריבער איבער יענעמס אַקסל, דװקא זײ, װעלכע רעאַגירן אױף דעם שפּיל װי די צוקוקער אין טעאַטער און קאָמענטירן צװישן זיך אױפן הױכן קול, לאַכן און װוּנדערן זיך אױף דער גע־

וואַגטקייט פון איין שפּילער אָדער אויף דער קאַרגשאַפט פון אַ צווייטן, דווקא זיי זענען עס די וועלכע שאַפן דעם טומלדיקן ירידמעסיקן אַמביענט, זיי שאַפן עס די שטימונג.

און די רולעטע, וועלכע מען האָט שוין אַזויפיל מאָל באַשריבן, איז אין דער אמתן אַ זייער נודנע און מאָנאָטאָנע שפּיל. זי חזרט זיך איבער הונדערט מאָל און טויזנט מאָל און צען טויזנט מאָל אויף דעם זעלבן שטייגער און זי האָט נישט קיין שום וואַריאַציע־צויבער פאַרן זייטיקן צוקוקער. פאַרן פּאַסיוון אָנטיילנעמער אין דעם דאָזיקן דעמאָנישן אַזאַרטשפּיל, איז דאָ נישטאָ קיין שום עלעמענט פאַר עמאָציע, וועלכע עס קאָן בלויז פילן דער, וועלכער באַטייליקט זיך אַקטיוו, דאָס הייסט — דער פּראָפעסיאָנעלער, איינגעשפּאַרטער שפּילער, וועלכער ווערט אין דעם אַריינגעשלעפּט, אַז ער זעט ממש נישט וואָס אַרום אים טוט זיך און פאַרלאָזט די רולעטע, ווען ער האָט שוין נישט מיט וואָס צו שפּילן אָדער ווי יענער שיכור די שענק, ווען מען שליסט שוין דעם שפּיל־סאַלאָן...

און פונדעסטוועגן, כאָטש די רולעטע האָט נישט קיין באַזונדערן רייץ פאַר די, וואָס שפּילן נישט, איז דער סאַלאָן פול אַלעמאָל, ווייל אין פּיריאָפּאָלים נודיעט מען זיך, און מער ווי תמיד, ווען די נאַכט הילט אַרום דאָס שטעטל מיט די סודותדיקע שאָטנס, וועלכע רוקן זיך אויף דעם אָן פון די אַרומיקע בערג און וועלדער. אַרום צען אַזייגער שפּאַצירט נאָך דער עולם אויף דער ראַמבלע, אָבער שפּעטער־צו באַגעגנט מען בלויז איינצלנע פּאָרלעך און ביי די טירן פון די האָטעלן זיצן די פאַרשלאָפענע געסט ווי די לעצטע מחותנים אויף אַ חתונה, מיד פונעם טאָג, און זענען גובר דעם שלאָף מיט אַ ווילנלאָזער פלאַפּלעריי.

**
*

פון וואָס מען זאָל נישט רעדן — אויפן טויט קומט מען אַרויף... מיר זענען נאָר־וואָס אַראָפּגעקומען פון דעם „סאַן אַנטאָניאָ", ווו מיר האָבן אין זיך איינגעזאַפּט די הערלעכע שיינקייט פון אַרום. די גאַנצע גרופּע איז באַשטאַנען פון יונגע מענטשן, וועלכע געפינען זיך פּסיכאָלאָגיש און פיזיש אויף די העכסטע שטאַפּלען פונעם לעבנס־לייטער און זעען די וועלט פאַר זיך אויסגעשפּרייט ווי אַ געבעט. וועלכן עס פעלט בלויז

איינצונעמען... מיר האָבן פונעם בארג־שפּיץ באַוווּנדערט דעם ארום, אין וועלכן עס ליגן פאַרבאָרגן אַזויפיל אומבאַגרענעצטע אוצרות פון לעבן, פון געזונט און דערהאָלונג פאַר הונדערטער טויזנטער, פאַר מיליאָנען מענטשן; עפּעס פון דער נאַטור־מעכטיקייט האָט זיך צוגעקלעפּט צו אונדזער געמיט און מיר זענען אַראָפּגעקומען מונטער, פריילעך, ווי עס דאַרפן זיך פילן יונגע, געזונטע מענטשן און מיטאַמאָל — אַ לויה!

קיין גרעסערער פּאַראַדאָקס האָט שוין נישט געקאָנט זיין. אַ לויה אין פּיריאַפּאָלים, אין דעם אָרט, וווּ דער לעבנס־אינסטינקט פון יעדן איינציקן איז אַזוי פּרעדאָמינירנד... אַ לויה דאָרט, וווּ אַלץ האָט אויף זיך דעם חותם פון אייביקייט און אומשטערבלעכקייט, און וווּ דער טויט האָט אַזוי ווייניק קאָנצעסיע אין דער מענטאַליטעט פון דער לעבנסגיריקער און לעבנסגלויביקער מאַסע.

לאַנגזאַם, ווי דער שטייגער איז אין אַ קליין שטעטל, האָט זיך געצויגן די לויה. דער ארון איז געטראָגן געוואָרן מיט די הענט און דער עולם איז נאָכגעגאַנגען נישט נאָר טרויעריק, נאָר דאַכט זיך אויך ווי אַ פאַרשעמטער, אַנטוישטער און אָפּגעגאַרטער...

די שטימונג פון אונדזער גרופּע האָט זיך ספּאָנטאַן געביטן. די לעבנספרייד איז ווי מיט דער האַנט צוגענומען געוואָרן און אויף יעדנס פּנים איז ווי געלעגן אויסגעשפּרייט דער פראַגע־צייכן: אין פּיריאַפּאָלים שטאַרבט מען אויך?...

די אינפאָרמאַטיווע זייט איז שוין נישט אַזוי וויכטיק. אַ פאַל ווי אַ סך פון דעם מין: אַ צוואַנציק יעריק מיידל, וועלכע האָט באַקומען אַ פּעריטאָניטיס־אַטאַקע און אָט שוין טראָגט מען זי צו קבורה... ווי ווייניק עס גלוסט זיך צו שטאַרבן אַ צוואַנציקיעריק מיידל און ווי פּיינלעך דאָס דאַרף זיין אין פּיריאַפּאָלים — אין דער מלוכה פון לעבן און פון נאַטור־שיינקייט.

אַ לויה אין פּיריאַפּאָלים — אַ שווידערלעכער גרילץ אינצווישן דער סימפאָניע פון לעבן...

**
*

אַ יידישער האָטעל־אייגנטימער פון פּיריאַפּאָלים האָט זיך פאַר מיר געקלאָגט: „אונדזערע יידן, נישט אומזיסט האָט מען זיי פיינט. עס שטייט

זיי נישט אָן צו פאַרפאָרן אין יידישע האָטעלן; עס אַרט זיי, טאָמער וועט אַ ייד אויך מאַכן אַ לעבן״...

אַ נישט־יידישער האָטעל־אייגנטימער האָט צו מיר געהאַט טענות: „אייערע „לאַנדסלייט״ שמעקן נישט אריין אין קיין נישט־יידישן האָטעל; זיי גייען נאָר אַהין, ווו עס זענען פאַראַן אייגענע״...

מיר דאַכט זיך, אַז גערעכט איז געווען דער גויאישער האָטעל־אייגנ־טימער. יידן גייען נאָר אַהין ווו עס זענען פאַראַן „אייגענע״, אָבער עס זענען אויך דאָ אַזעלכע, וואָס האָבן ליב צו דעסימולירן דאָס ביסל, וואָס זיי האָבן אייגנס... איך האָב באַגעגנט יידן אין פּיריאַפּאָלים, וואָס כאָטש גיב זיי „אכצן״ האָבן זיי דווקא נאָר געוואָלט דערשיינען ווי נישט־יידן.

למען האמת מוז מען אָבער זאָגן, אַז דאָס זענען אויסנאַמען. אין אַלגעמיין איז דער אמביענט פאַר יידן אַ הארציקער און אָנגענעמער אין פּיריאַפּאָלים. עס זענען פאַראַן דאָרט אַ סך יידישע האָטעלן, וועלכע זע־נען מאָדערן און ציכטיק און גלייכצייטיק יידיש, סיי לויט דער קיך און סיי לויט דער שטימונג. די יידישע האָטעלן אויף די קורערטער זענען אַ געביט, וועלכער איז ווערט אַ באַזונדערן „שטודיום״, אַזוי צו זאָגן, ווייל זיי זענען אין אַ געוויסער מאָס דער קאָנצענטראַציע־פּונקט פון אַן אָריגי־נעל בלעטל פון יידיש מאָדערן לעבן, וואָס האַלט אין געשריבן ווערן אין אונדזערע נייע היימען, און וועלכס וועט פאַרן קינפטיקן פאָרשער פון אונדזער נייעם לעבנס־ניוואָ, וועלכער איז לכל הדעות אַ העכערער ווי אין די אַלטע היימען, שפּילן אַ באַדייטנדע ראָלע.

אויב עס זאָל זיך אַרויסווייזן ווי אַן אמת דאָס, וואָס דער יידישער האָטעל־אייגנטימער האָט מיר געזאָגט, אַז יידן „אַנטלויפן״ באַוווסטזיניק אין נישט־יידישע האָטעלן, וואָלט דאָס געווען צום באַדויערן. עס גייט דאָ נישט אין מאַכן פּראָפּאַגאַנדע פאַר יידישע האָטעלן (ערנפאַלס איז דער האָטעל יעדנס אַ פּערזענלעכער ענין), נאָר אין אונטערשטרייכן, אַז יענע וועלכע מיידן אוים די יידישע האָטעלן אויף די קורערטער, האַנדלען אומ־דירעקט „אַנטי־יידיש״ מיט דעם וואָס זיי איגנאָרירן בפירוש די נייע דורכאויס מאָדערן־יידישע אַספּעקטן פון אונדזער לעבן.

איך וויל דערמיט נישט זאָגן, חלילה, אַז מיר דאַרפן פאַריידישן פּיריאַפּאָלים (אגב איז כדאי צו באַטאָנען, אַז מיר „פאַריידישן״ נישט,

נאָר מיר דעמאָקראַטיזירן די פּליאַזשעס), אָבער מען קאָן בשום אופן נישט מסכים זיין מיט דער פאַרקריפּלטער פּסיכאָלאָגיע פון געוויסע יידישע „פאַרוועניוס", די גוט־באַקאַנטע שמענדריקעס, אַז אינצווישן דער פּיל־פאַרביקער מאָזאַאיק פון די קורערטער זאָל פעלן אונדזער קאָלאָריט, אונ־דזער אייגענע „ראָזשינקע".

פּיריאַפּאָלים, דאָס שיינע שטעטל ביים אַטלאַנטיק, האָט זיך אירע „מענטשלעכע" און צווישן זיי „יידישע" מאָמענטן, וואָס דערציילן וועגן אונדזערע נייע השגות...

ביים פּאַסיפיק

געאָגראַפיש, איז טשילע דאָס מערקווירדיקסטע לאַנד פון דער וועלט. זי באַשטייט פון אַ שמאָלן און לאַנגן ערד־פּאַס, וועלכער איז געפאַנגען צווישן צוויי קלאַמען פון דער נאַטור: די אַנדן־בערג און דער פּאַסיפישער אָקעאַן. אין קעגנזאַץ צו אַנדערע מלוכות וואָס האָבן אינגאַנצן נישט קיין אַרויסגאַנג צום ים, פאַרמאָגט טשילע אַ ים־ברעג פון איבער 4.000 קילאָמעטער די לענג. דאָס לאַנד איז אויף אַזאַ אופן געבענטשט מיט אָן אַ שיעור ים־פּליאַזשעס און בכלל דעלטאַס, וווּ די אומצאָליקע טייכן פאַלן אַריין אין דעם פּאַסיפישן אָקעאַן. אייניקע פון די דאָזיקע ערטער, וווּ די טייכן פאַלן אַריין אין דעם גרעסטן ים פון דער וועלט, זענען פון אויסערגעוויינלעכער שיינקייט.

אין קאָנקאָן, אַ פּליאַזשע וואָס געפינט זיך אַרום 25 קילאָמעטער פון וואַלפּאַראַיסאָ, זעט מען ווי עס פאַלט אַריין אין פּאַסיפישן ים דער טייך אַקאָנקאַגואַ, וועלכער קומט אַרויס פונצווישן די אַנדן־בערג און ווערט פאַרשוווּנדן שפּורלאָז אין די גרינלעכע וואַסערן פון דעם גרויסן אָקעאַן.

אייגנטלעך איז אין דעם דאָזיקן בילד נישטאָ קיין אויסערגעוויינלעכס. דו זעסט אַ וואַסער וואָס קומט פון ערגעץ אָן אין אַ שנעלן טעמפּאָ, ווי אַ גרויסע ריטשקע און דאָ, אויף דעם פּלאַץ וווּ זי פאַלט אַריין אין פּאַסיפיק ווערט זי עפּעס ווי געלאַסענער, שטילער, גלייך זי וואָלט זיך דערשראָקן פאַר דעם גרויסן וואַסער־קלאָס אין וועלכן זי וועט זיך באַלד אויפלייזן אויף אייביק...

נישטאָ אין דעם קיין אויסערגעוויינלעכס און דאָך אויסערגעוויינלעך. דער, וועלכער איז גענייגט אימפּרעסיאָנירט צו ווערן פון דעם וווּנדערלעכן נאַטור־שפּיל אין זיין אומיטלבאַרן, בראשיתדיקן כאַראַקטער, קאָן נישט אָפּרייסן דאָס אויג פון אָט דעם בילד ווו וואַסער־שטראָם וואָס קומט פון ערגעץ אין די אַנדן־לאַבירינטן ווערט פאַרשלונגען פון דעם קעניג

פון די ימים, פונעם פּאַסיפיק. ענלעכע בילדער האָב איך געזען אין אַנ־דערע ערטער פון טשילע — ווו ממש צענדליקער טייכן פאַלן אַריין אין דעם פּאַסיפיק — און אין אייניקע פון זיי איז די דאָזיקע פּאַנאָראַמע ממש אַן אומבאַשרייבלעכע, לויט איר פאַרנעם און לויט דער שיינקייט.

***

איינס פון די שענסטע פּלעצער אין טשילע ווו אַ גרויסער טייך פאַלט אַריין אינעם פּאַסיפיק, איז די אומגעגנט פון וואַלדיוויאַ, אַ גרויסע שטאָט אין דרום־טשילע, וועלכער הייסט נאָך פּעדראָ דע וואַלדיוויאַ, דער קאָנ־ווּיסטאַדאָר פון טשילע. די שטאָט אַליין איז פון אויסערגעוויינלעכער בילדלעכקייט לויט דער אוביקאַציע, אָבער די אומגעגנט פון דער שטאָט איז באמת פון אומבאַשרייבלעכער נאַטור־העדלעכקייט. אַ גרויסע טייל פון דער באַפעלקערונג אין דער דאָזיקער שטאָט און אומגעגנט באַשטייט פון דייטשן און אָפּשטאַמלינגען פון דייטשן. די דייטשן אין טשילע — ווי עס איז שוין ביי אַ געלעגנהייט געזאָגט געוואָרן — האָבן געוווסט וואָס אויסצוקלייבן...

אַ פּאָר שעה רייזע מיט דער שיף פון וואַלדיוויאַ, פאַלט דער טייך מיט דעם זעלבן נאָמען אַריין אין פּאַסיפישן אָקעאַן. פון די וווּנדערלעכע פּונקטן, וואָס מען זעט בעת דער דאָזיקער רייזע מיט דער שיף, וועלן מיר נאָר דערמאָנען אייניקע ווי טאָראָ באַיאָ, אַנגאַטשיליאַ, ניעבלאַ, קאָ־ראַל און אַמאַרגאָס, די לעצטע זענען באַקאַנטע ים־פּליאַזשעס אין דרום־טשילע.

דער טייך וואַלדיוויאַ פאַרענדיקט זיך מיט אַ גרויסער דעלטאַ, אין וועלכער עס זענען דאָ צאָלרייכע אינדזלען און אינדזעלעך. די דעלטאַ שטעלט מיט זיך פאָר אַ ברייטע אָזערע מיט אַן אַרויסגאַנג צום ים. דער דאָזיקער אַרויסגאַנג, וועלכער איז פון אַזעלכע צען קילאָמעטער די ברייט, זעט אויס ווי אַ ריזיקער טויער, ווען מען באַטראַכט אים פונדערווייטנס.

איינס פון די שענסטע ערטער פון יענער געגנט איז קאָראַל, אַ שטעטל מיט אַ יחוס־בריוו, ווייל עס איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1645, ווען די שפּאַניער האָבן אָנגעהויבן די דעראָבערונג פון טשילע. נישט ווייט פון קאָראַל, ווו עס געפינט זיך דער אַרויסגאַנג צום ים, זעט

מען פונדערווייטנס די רואינען פון צוויי פּאַרצייטיקע פעסטונגען וואָס די שפּאַניער האָבן אויסגעבויט אין די ערשטע צייטן פון דער דעראָבערונג און זיי זענען, צוזאַמען מיט אַנדערע רואינען פון יענער ווייטער צייט, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין היסטאָרישע רעליקוויעס. אין קאָראַל, געפינען זיך אגב די גרעסטע אייזן־גיסערייען פון טשילע (די טשילענער זאָגן אַז די גרעסטע אין דרום־אַמעריקע), ווייל די אַרומיקע געגנט איז רייך אין מינעראַלן און אייזן־ערץ.

די דאָזיקע אָט זאַכן וואָס דער מענטש האָט אויסגעבויט אין זיין דראַנג צו אַנטדעקונג און דעראָבערונג, מוזן ביים צושויער אַרויסרופן רעס־פּעקט פאַר דער געוואַגטקייט פון די ערשטע אַנטדעקער און דעראָבערער פון דעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט, אָבער נאָך מער דרך ארץ באַקומט איר לגבי די דאָזיקע מענער, ווען איר באַטראַכט די אַרומיקע געגנט — היינט שוין אַ צענטער פון קולטור און ציוויליזאַציע — וועלכע וואַרפט אָן אַ אימה מיט איר ווילדער פּראַכט. דאָס דאָזיקע געפיל באַהערשט אונדז, אַפילו איצט ווען מיר מאַכן דעם אויספלוג אויף אַ מעכטישער מאָטאָר־שיף און פון אַלע זייטן ווינקען צו אונדז מענטשלעכע ישובים און סימנים פון ציוויליזאַציע; קאָן מען זיך דעריבער פאָרשטעלן וואָס עס האָבן גע־מוזט פילן יענע ערשטע דעראָבערער פונעם קאָנטינענט ווען זיי האָבן פאַר זיך דערזען יענע פּאַנאָראַמע אין איר בראשיתדיקן, ווילדן צושטאַנד.

יעדנפאַלס, איז דאָס דאָזיקע אָט ווינקל פון טשילע און אפשר נישט נאָר פון טשילע, דאָס וואונדערלעכסטע בילד וואָס מען קאָן זען צווישן די, ווו דאָס וואַסער פון די אַנדן־בערג ווערט פאַרשלונגען אין דעם אינ־סופיקן פּאַסיפישן אָקעאַן.

***

קאַרטאַכענאַ איז אַ פּאָפּולערע פּליאַזשע, וואָס געפינט זיך אין דער צענטראַלער זאָנע פון טשילע, אַזעלכע 120 קילאָמעטער פון סאַנטיאַגאָ. די פּליאַזשע געפינט זיך ביי אַ ריזיקער בוכטע פונעם פּאַסיפיק, וועלכע שניידט זיך אַריין ווי אַ צונג אין דעם פעלזיקן ברעג. קאַרטאַכענאַ איז אָבער בלויז איינס פון אַ גאַנצער רייע שטעטלעך וואָס געפינען זיך אין יענער געגנט און איינס איז שענער און פּרעכטיקער פונעם צווייטן. נישט

ווייט פון דאָרטן געפינט זיך סאַן אַנטאָניאָ, וועלכער ווערט פאַררעכנט אַלס דער צווייטער פאָרט נאָך וואַלפאַראיסאָ אין דער צענטראַלער זאָנע פון טשילע. ווייטער אַביסל געפינט זיך אַ שטעטעלע מיט דעם טשיקאַוון נאָמען זשאָזשעאָ, וועלכעס זעט אויס ווי אַ פרעכטיקע וואַזאָנע מיט איר האַלב־טראָפישער פלאָראַ, און וועלכעס דינט אַלס קוראָרט פאַר האַרץ־ליידנדע. אַביסל ווייטער געפינען זיך די פליאַזשעס טעכאַס ווערדעס, אַלגאַראָבאָ, סאַנטאָ דאָמינגאָ און אַנדערע. אין דעם קליינעם שטעטעלע טעכאַס ווערדעס, וואָס זעט אויס ווי אַ „טל ומטר" די גרויס, זעט מען ווי דער טייך מאיפאָ פאַלט אַריין אין דעם פאַסיפישן אָקעאַן. איר שטייט אויף אַ בערגל פון אַזעלכע צוויי הונדערט מעטער און קוקט אויף דער אַרומיקער פאַנאָראַמע, וועלכע באַצויבערט אייך ממש. פונדערווייטנס זעט איר אָנקומען דעם מאיפאָ פון די בערג־אַרויס, דאָס חנעוודיקע שטעטעלע ליגט אונטן, אין טאָל, ביים ברעג פונעם טייך און ווייטער מיט עטלעכע הונדערט מעטער ווערט דער טייך פאַרשווונדן אין דעם איינסופיקן שוים פונעם פאַסאַפיק.

נאָך איינס פון די הערלעכע בילדער וואָס מען זעט אין טשילע, וואָס ווערט אייביק געוואַשן פון דעם מעכטיקן פאַסיפישן אָקעאַן...

אינהאַלט

אַ לאַנד אין די בערג

אַ פּאָר ווערטער — 3
די אַנדן־בערג, אַ קאַפּריז פון דער נאַטור — 7
אַ לאַנד פון שיינקייט און קאָנטראַסטן — 16
סאַנטיאַגאָ דע טשילע, אַן אייגנאַרטיקע שטאָט — 25
וואַלפּאַראַיסאָ, „די פּערל פון פּאַסיפיק" — 36
וויניאַ דעל מאַר, ביידע זייטן פון דער מטבעה — 46
דרום טשילע, אַ ווייטער גן־עדן — 57
פּוערטאָ מאָנט און פּוערטאָ וואַראַס — 66
אינדיאַנער — 76
וועלדער אין פלאַמען — 85
אַ בליק אויף אַ מיסט־קעסטל — 92
אין טשילע ציטערט די ערד — 98
דער „ווייסער טויט" — 106
אַ קאָמפּלימענט דער טשילענער פרוי — 114
„אָנסע" — 119

מענטשן אין פעלד

פון אַ וואַגאָן־פענצטער — 127
אין אַ ווייַנגאָרטן פון מענדאָסאַ — 132
אין אַ „טאַמבאָ" — 139
דער שאָטן פון אַ גרויסן חלום — 148
פּסח אין מאָזעסוויל — 156
אַלטע און נייע זאַכן אין מאָזעסוויל — 163

שטאָט

פּארקע לעסאמא, דאָס וויגעלע פון בוענאָס איירעס — — — — — 175
פּלאָסא דע מאזשאָ — — — — — — — — — — — — — — 178
פּלאָרידא, א גאָס מיט א „ראָזשינקע“ — — — — — — — — — — 183
טשאקאריטא, א געגנט וואָס לעבט פונעם טויט — — — — — — 188
אין דעם „טאָג פון די טויטע“ — — — — — — — — — — — — 193
לאַ באָקא, א ווינקל פון באוועגונג און ארבעט — — — — — — — — 198
ביים ריאַטשועלאָ — — — — — — — — — — — — — — — 203
פּאלערמאָ, בשותפותדיקע שאפונג פון מענטש און נאטור — — — — — 208

ביים ים

מאָנטעווידעאָ, א געמיטלעכע שטאָט — — — — — — — — — — 217
אַ דענקמאָל אין זאמד — — — — — — — — — — — — — — 223
שפּאציר ביים אטלאָנטיק — — — — — — — — — — — — — 229
ביים פּאסיפיק — — — — — — — — — — — — — — — — 234

Este libro se terminó de imprimir
el día 20 de Mayo de 1951 en los
Talleres Gráficos Zlotopioro Hnos.
Gascón 1231 — Buenos Aires